STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06552

# IN DER FREMD

## Bella Goldworth

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בעלא גאלדווירט

# אין דער פרעמד

איקוף־פאַרלאַג

פון זעלבן מחבר:

„נייע טעג" (דערציילונגען), 1949.

Copyright, 1954 by
BELLA GOLDWORTH
New York

200

# אינהאַלט:

זייט

## I. אין דאָרף


דער זיידע פּראַלאָזט דאָס דאָרף ............ 7
זלאַטעס איינציקער פריינט ............ 20
פּאַרנאַכט אין דאָרף ............ 25
די מורא פאַר דער שטאָט ............ 32
אויפן גוטן אָרט ............ 40
אין דער נייער היים ............ 45


## II. אין דער פּרעמד


די ערשטע באַלעבאָסטע ............ 51
די שוועסטער ווערט אַ כלה ............ 66
שלעכטע צייטן ביי ר׳ סענדער זיסמאַן ............ 74
די דימענטענע אוירינגלעך ............ 80
די מאָביליזאַציע ............ 89
אין אַ פראָסטיקער נאַכט ............ 100
אין דער חורבה ............ 107
אויפן נייעם אָרט ............ 119
רב נתן ווײַנפעלד ............ 124
אין די בוידעם־שטיבלעך ............ 130
מלכה איז פריינטלעך ............ 141
בלומקעס אומגליק ............ 147
שמחה טראַכט וועגן תכלית ............ 154
ביכלעך און פאַרזאַמלונגען ............ 162
ביידע פאַרטייען ............ 170
באַלעק קומט אין שטאָט אַריין ............ 175


## III. אויס דינסט


זלאַטע קומט אַהיים ............ 185
זלאַטעס איבערראַשונג ............ 194
באַלעק הייבט אָן קומען צו רבקהן ............ 200
פאַרן עקזאַמען ............ 204
די דייטשן פאַרלאָזן פּוילן ............ 213
די באָלשעוויקעס ............ 216
נאָך די באָלשעוויקעס ............ 227
זלאַטע האָפט זיך צו טרעפן מיט סרולקען ............ 234

# I.

# אין דאָרף

# דער זיידע פֿאַרלאָזט דאָס דאָרף

אַרום מיטאָג־צייט איז דער זיידע מיטן פֿערד־און־וואָגן אַרויף אויפֿן פֿאָדוויר.

דער שניי, שטײַף פֿון פֿראָסט, האָט געסקריפּעט אונטער די רעדער. דער ווינטער איז געווען אַ שווערער.

דעם קאָפּ פֿאַרבונדן מיט אַ וואַרעמער שאַל, די אויערן זאָלן אים נישט אָפּגעפֿרוירן ווערן, האָט דער זיידע נאָכן מילך־פֿאַרקויף זיך אומגעקערט פֿון שטאָט. ער האָט ראַפּטאָם אָפּגעשטעלט דאָס פֿערד בײַ די פֿענצטער. דאָס האָט איבערגעשניטן דעם שאַרפֿן זון־בליאַסק אין שטוב. די לייצעס אָן דער קלאָניצע פֿאַרטשעפּעט, האָט ער פּאַמעלעך אַרויסגעשלעפּט די פֿיס פֿון שטרוי און איז אַראָפּגעקראָכן פֿון וואָגן. צונויפֿגענומען די אײַנגעקויפֿטע זאַכן, איז ער, פֿול באַלאָדן מיט פּעק, אַרײַן אין שטוב האַסטיק אויפֿפֿראַלנדיק די טיר.

די פּראָסטיקע קעלט האָט אַ יאָג געטאָן אין דער וואַרעמקייט. אַ געדיכטע פּאַרע, ווי אַ ווייסער רויך, האָט זיך אָנגעהויבן קנוילן און האָט אויסגעמישט די דרויסנדיקע לופֿט מיטן ריח פֿון געקאָכטן זויערקרויט.

דער זיידע האָט אַוועקגעלייגט אויף דער ליימענער פּאָדלאָגע די פּעקלעך און אַ זאָג געטאָן צו זײַן צען־יאָריקן אייניקל:

— זלאַטע, גיי שוין אויפֿן אַנדערן דאָרף איגאַן און טראָג אַוועק סצעפּאַנען אַ פּעקל הערינג.

דאָס מיידל איז פֿאַרציטערט געוואָרן. זי האָט מורא צו גיין איבערן פֿאַרשנייטן פֿעלד אין אַזאַ שטאַרקן פֿראָסט. רירט זי זיך נישט פֿון אָרט. זי שטייט בײַם אויוון און קוקט אין פֿײַער אַרײַן.

סימע האָט געגרייט דעם טיש צום עסן, האָט זי נישט געהערט וואָס דער זיידע האָט געזאָגט.

דער זיידע האָט זײַנע אָנגעפֿרוירענע פֿינגער אַרײַנגערוקט אונטער די אָרעמס, זיי באַלד צוריק אַרויסגענומען, געקלאַפּט זיך אין די אייבער־

שטע טיילן הענט צו דערוואַרעמען זיך. ער האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגערוט און שטרענג אַ קוק געטאָן אויפן מיידל, וואָס זי מאַכט זיך נישט ווײַסנדיק וועגן זײַן באַפעל.

— וואָס שטייסטו ווי אַ ליימענער גולם? — גיט ער אַ געשריי אויף איר מיט אַ טעמפּן קול דורך די אָנגעפּרוירענע וואָנסעס.

זלאַטע האָט מורא צו זאָגן, אַז זי וויל נישט גיין, אַז עס איז איר קאַלט. ווען זי האָט דערזען דעם זיידנס בייזן בליק, האָט זי פּאַוואָליע אָנגעהויבן אויסטאָן די קרייטשיקעס — די לאַפּטשעס אויסגעפּלאָכטן פון ברעגעס געוואַנט — דערנאָך האָט זי זיך אויסגעצויגן אויף דער פּאָדלאָגע, אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן בעט איר ברודער לייזערס אַלטע שטיוול און זיי אַרויפגעצויגן אויף די פיס. די מאַמע האָט זי אַרומגעבונדן מיט איר פּאַטשיילע און געגעבן איר דאָס פּעקל הערינג אונטערן אָרעם.

— גיי מיטן אויסגעטרעטענעם שליאַך — האָט זי איר אָנגעזאָגט.

הינטערן דאָרף, אַזוי ווי זי האָט זיך אָנגעהויבן קאָפּען אין טיפן שניי, האָט זיך דאָס פּאַפּיר צענומען און די הערינג האָבן זיך צעשאָטן. זי האָט זיי אָנגעהייבן צונויפקלויבן, נאָר די הערינג האָבן זיך געהאַלטן אין איין אַרויסגליטשן פון אירע געפרוירענע פינגער. דאָס צעוויקעטע פּאַפּיר, זעט זי, ווערט אינגאַנצן צעקראָכן. בלייבט זי שטיין מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ און ווייסט נישט וואָס צו טאָן. זי איז איינע אַליין אין פעלד, בלויז די קראָען פליען איבערן ווייס־בלענדנדיקן שניי. אַמאָל שטעלט זיך אַוועק אַ קראָ אויף אַ צווײַג פון אַ נאַקעטן בוים און קוקט צו איר, ווי זי וואָלט פון איר געלאַכט, וואָס זי קאָן זיך נישט קיין עצה געבן.

זי פילט אַז דער פראָסט ברענט, דער ווינט שמייסט איר פּנים ווי מיט ריטער, און די פיס הייבט איר שוין אויך אָן קאַלט ווערן.

אַ גליק וואָס עס איז איר אײַנגעפאַלן אַרײַנצולייגן די הערינג אין אַן עק פון דער מאַמעס פאַטשיילע. זי האָט שנעל ווידער אָנגעהויבן מיט די הוילע הענט גראַבלען אין שניי, צונויפקלויבן די הערינג, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין איין אַרויסגליטשן.

ווען זי איז שוין צום אָוונט־צו אַ פאַרווייַנטע צוריק אַהיימגעקומען, האָט גערונען בלוט פון אירע פינגער.

— אַ מוידטשיסקע פון צען יאָר — האָט דער זיידע, דערהערנדיק וואָס ס׳איז פאָרגעקומען, זיך אויף איר צעבייזערט — זאָל נישט וויסן ווי אַזוי צו האַלטן אַ פּעקל ס׳זאָל נישט צעפאַלן ווערן.

און ער איז גרייט געווען איר אַראָפּצולאָזן אַ פּאַטש, נאָר דאָ האָט שוין די מאַמע זיך פאַר איר אנגענומען:

— וואָס ווילסטו האָבן פון מיידל? זעסט דאָך, זי איז קוים אַ לע־בעדיקע אַהיימגעקומען! — האָט זי זיך פון וויטיק, קוקנדיק אויף זלאַטען, צעשריגן. זלאטע קאָן דאָס גאָרנישט פאַרגעסן.

די צוויי דערפער — איגאַן, דאָס אַלטע פויערישע דאָרף, וואוהין זלאַטע האָט געטראָגן די הערינג, און דאָס נייע שליאַכעטסקע; זענען אָפּגעטיילט איינס פון דאָס אַנדערע מיט אַ קליינעם וואַלד.

די דערפער ליגן נישט ווייט, אינגאַנצן אַ דריי וויאָרסט, פון דער היפשער שטאָט שעדלעץ.

מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען זלאַטעס פאָטער האָט נאָך געלעבט, האָבן זיי געוואוינט אויפן פויערישן דאָרף, איז זלאַטען יעדע שטוב דאָרט באַקאַנט.

דער טאַטע אירער האָט געלערנט מיט עטלעכע יינגלעך, וואָס האָבן געוואוינט אין די אַרומיקע דערפער. פון זיין מלמדות איז אָבער נישט געווען גענוג מפרנס צו זיין דאָס ווייב און קינדער. אַפילו אין די פאָר יאָר וואָס ער איז געווען אַ „שרייבער" אין ראָסקאָשער וואַלד, ווען מען האָט אים אויסגעהאַקט, האָט ער אויך נישט גענוג פאַרדינט אויף דער פּרנסה. האָט די מאַמע געמוזט זוכן ביי עפּעס צו פאַרדינען. זי האָט אָפּגעטיילט אַ ווינקל אין אַלקער, וואו זי האָט געהאַלטן שפּייז צו פאַר־קויפן. אַ חוץ דעם האָט זי עטלעכע מאָל אַ וואָך געבאַקן קאָרן ברויטן און בולקעס אויף זונטיק.

זונטיק איז ביי איר געווען דער בעסטער טאָג לייזעכץ פון דער וואָך. די דאָרפסלייט פלעגן קומען קויפן נאַפט, אייל, קאַשע, מעל, צוקער און אַנדערע זאַכן, וואָס זיי האָבן זיך אַ גאַנצע וואָך נישט פאַרגונען צו עסן.

די מאַמע האָט אַלעמען אין אַלטן איגאַן גוט געקענט. זי האָט שוין געוואוסט ווער עמען זי קאָן געטרויען, געבן אויף באָרג און ווער עמען זי טאָר נישט באָרגן.

מיט אַ סך דאָרפסלייט האָט זי זיך דורכגעשמועסט, ווי זי וואָלט געווען פון זייער משפּחה, זיך געפּילט מיט זיי היימיש, ווי מיט אירס גלייכן.

דאָרט רופט מען די ווייבער לויטן מאַנס נאָמען. אַז איינער הייסט יוזעף, הייסט דאָס ווייב יוזעפאָוואַ; יאַן — יאַנאָוואַ, וואויטעק — וואוי־טקאָוואַ.

אַז דער טאַטע איז אָפּגעשטאָרבן, האָט די מאַמע מיט די פינף

קינדער, נאָך אַלע קליינע — זלאַטעס צוויי עלטערע שוועסטער מיט די צוויי עלטערע ברידער — נישט געקאָנט מער אָנהאַלטן דאָס געוועלבל און זי האָט געמוזט זיך אַריינציען צום טאַטן אויפן שליאַכעטסקן איגאָן.

זלאַטעס מאַמע איז אַ גרויסע בריה: וואָס די אויגן זעען, קאָנען די הענט מאַכן.

זיצן בײם טאַטן מיט פינף קינדער און גאָרנישט טאָן, האָט זי נישט געקאָנט באַשטיין. בפרט נאָך, אַז דער טאַטע אַליין איז קיין גביר נישט געווען. האָט די מאַמע זיך גענומען נייען העמדער.

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט ביז זי האָט אָנגעהויבן נייען קליידער, פאַרטעכער, קינדערישע יאַקעלעך און אַנדערע זאַכן.

אַזוי, פונעם אייגענעם געדאַנק, אָן שום אָנווייזונגען פון קיינעם, איז זי געוואָרן אַ שניידערקע, און די פויערטעס האָבן אָנגעהויבן לויבן איר אַרבעט.

זלאַטעס זיידע האָט געוואוינט אויף דעם דאָרף אַלע זיינע יאָרן. ער האָט אָפּגעקויפט ביי די פּריצים די מילך און געפירט יעדן טאָג מיט זיין פערד־און־וואָגן דאָס מילכיקס אין שטאָט אַריין צו פאַרקויפן. טאַקע דערפאַר האָט מען אים גערופן הערשל פאַקער, אָדער הערשל איגאַנער. אַז זיין פאַמיליע־נאָמען איז ציגלשטיין, האָט גאָר קיינער נישט געוואוסט.

דער זיידע איז געווען זייער אַ פרומער ייד. דער עיקרשט — אַ גרויסער וואָרט־האַלטער. אַ וואָרט איז ביי אים געווען הייליק, און אַ פרעמדער אומזיסטער גראָשן — טרייף ווי חזיר. די פּריצים האָבן אים געקאָנט פאַר אַן ערלעכן מענטשן און זיי האָבן אים געטרויט, אומגע־ציילט געלט וואָלטן זיי אים געגעבן. אַז ער האָט אַמאָל געדאַרפט עטלעכע קערבלעך, האָט ער נישט געהאַט קיין דאגות. צו וועלכן שליאַכ־טשיץ ער איז אַריינגעגאַנגען, האָט ער געקראָגן צו לייען.

אין שטוב איז ער געווען זייער אַ שטרענגער מענטש און דערצו אַ גרויסער בעל־כעסן.

דער זיידע איז געווען אַ גרויסער האָרעפּאַשניק. פאַר אים איז קיין שום אַרבעט נישט געווען צו־שווער. האָט ער פאַרלאַנגט אַנדערע זאָלן אויך זיין אַזוי ווי ער איז. אַ קינד פון זיבן־אַכט יאָר האָט ביי אים געהייסן אַ יונג צי אַ מויד, וואָס דאַרף שוין אַרבעטן, אַרויסהעלפן אין דער פּרנסה. און אַז אַ קינד האָט נישט געטאָן אויף דער מינוט וואָס ער האָט באַפוילן, איז ער געווען גרייט דאָס צו ממיתן.

ווען ער איז געקומען פון שטאָט נאָכן פאַרקויפן דאָס מילכיקס,

האָבן די קינדער, שפּעטער די אייניקלעך, וואָס זענען געווען אין שטוב, געמוזט באַלד ווי ער איז פאַרפאָרן, אַרויסלויפן אויפן פּאָדוויר, און נאָך איידער ער האָט אויסגעשפּאַנט דאָס פערד, האָבן זיי געדאַרפט וויסן אַראָפּצונעמען פון וואָגן די כלים, נעמען וואַשן די מילך־קאַנען, די קעז־זעקלעך און אויספאַרען די הילצערנע סמעטענע־ און מאַסליענקע־פעסלעך.

אַז סימעס יינגלעך זענען געקומען פאַרנאַכט פון אַפּעלע, וואו זיי האָבן געלערנט ביי אַ מלמד, האָט געמעגט זיין אַ גאָס־רעגן, אַ שניי צי אַ ברענענדיקער פראָסט, האָט ער זיי געשיקט איבערן דאָרף צונויפ־צונעמען די פריש־געמאָלקענע מילך.

זלאַטען האָט ער אויך שטענדיק געגעבן וואָס צו טאָן.

ווען דער זיידע איז געווען אין דער היים, האָט אין שטוב געמוזט זיין שטיל. די קינדער האָבן מורא געהאַט אַ וואָרט אויסצורעדן. קוים האָט ער דערהערט אַמאָל אַ לאַך פון אַ קינד, האָט ער באַלד אויף דעם געטאָן אַ בייזן קוק:

— וואָס האָסטו זיך צעהירזשעט וואָס? — האָט ער געשריגן — די מאַמע איז דיר באַגליקט געוואָרן?

זענען די קינדער פאַרציטערט געוואָרן, זיך באַלד פאַררוקט אין די ווינקעלעך און נישט גערירט זיך פון אָרט.

פון זינט זלאַטע געדענקט דעם זיידן, איז זיין קורצע צוויי־שפּיציקע באָרד ווייס. ער איז אַ הויכער, ברייט־ביינערדיקער קרעפּטיקער ייד. אַז ער לאָזט אַראָפּ זיין האַנט אויף אַ קינד, האָט דאָס קינד צו פילן.

אַז די באָבע האָט געלעבט, האָט זי זיך אַלע מאָל אָנגענומען פאַר די קינדער, נישט געלאָזט דער זיידע זאָל אַ קינד אָנרירן. נישט איין מאָל האָט זי פון אים דערפאַר אַריינגעכאַפּט דעם אמתן פסק מיט קללות און זידלערייען, אָבער דאָס גוטע באָבעלע האָט געטאָן דאָס איריקע.

די באָבע, גאָרנישט ווי דער זיידע, האָט קיינמאָל קיין קינד נישט געשאָלטן, נישט אָנגערירט, שטענדיק נאָר מיט גוטע, ווייכע רייד. זי איז געווען אַ קליינטשיקע, די באָבע, אַ דאַרע, מיט אַ דין, לענגלעך פּנים מיט גוטע בלויע אויגן.

אין שטוב האָט זי געטראָגן אַ פאַטשיילקע אויפן קאָפּ. ווען זי איז געפאָרן אין שטאָט אַריין, ווי אויך שבת און יום־טוב אין שטוב, האָט זי אָנגעטאָן אַ קופקע. זי האָט געהאַט עטלעכע קופקעס: איינע פון פאַרשידן־פאַרביקע בענדער; אַ צווייטע פון פעדערן, ענלעך צו אַן עק פון אַ האָן; אַ דריטע פון בלומען, ווי אַ צונויפגעשטעלטער בוקעט.

די קופּקע פון בלומען איז געווען די סאַמע שענסטע. די בלעטער זענען געווען פון זייד, סאַמעט און פּלוש.

זי האָט אויך געהאַט אַ קופּקע פון קרעלן, וואָס האָט אויף דער באַבעס קאָפּ אויסגעזען ווי אַ קרוין. די קרעלן פון דער באַבעס קופּקע זענען זלאַטען שטאַרק געפעלן. ווען די באַבע האָט אַרויסגענומען די קופּקע צום אָנטאָן, האָט זלאַטע זי געמוזט אָנרירן, געבן אַ גלעט, אַמאָל אַרויפלייגן אויף איר קאָפּ און זיך שפּיגלען. עס האָט זי געצויגן צו די קרעלן. פון די רויטע, בלויע און גרינע פּאַטשערקעס וואָלט זי זיך געמאַכט פינגערלעך, פון די גאָלד־בלישטשענדיקע וואָלט זי אויףביידע הענט געמאַכט זיך בראַנזעלעטן און פון די אַנדערע וואָלט זי אָנגעצויגן שנירלעך קרעלן אויפן האַלדז, האָט זלאַטע געטראַכט.

איינמאָל, ווען קיינער איז נישט געווען אין שטוב, האָט זי אַרויס־גענומען די קופּקע פון שאַנק און אַ שלעפּ געטאָן בלויז איינע, די גרעסטע קרעל, און באַלד האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אַן אַ צאָל קרעלן. זי האָט זיי אָנגעהויבן שנעל צונויפקלויבן מיט איין האַנט און געלייגט זיי אין דער אַנדערער. ס'האָט איר געקלאַפּט דאָס הערצל. זי האָט אַלע מאָל געקוקט צו דער טיר צי עמיצער גייט נישט.

די באַבע איז אָנגעקומען און דאָס דערזען. זלאַטע האָט זיך אַרונטערגערוקט אונטערן טיש. די באַבע איז געבליבן שטיין אינמיטן שטוב, געשאָקלט מיטן קאָפּ און פאַרבראָכן מיט די הענט.

— וואָס האָסטו געטאָן? — פרעגט זי אַביסל שטרענג, נאָר זלאַטע ענטפערט נישט. זי הייבט אַפילו נישט אויף דעם קאָפּ. זי האַלט אין איין קלויבן, זוכן די צעשאָטענע קרעלן.

אַ פאַרשעמטע גיט זי אַ זייטיקן קוק אויף דער באָבען. זי האָט מורא די באַבע וועט זי שלאָגן.

נאָר די באַבע האָט באַלד מילד אַ זאָג געטאָן:

— ראַם שנעל אויף איידער דער זיידע קומט אַריין.

זלאַטע איז אַרויסגעקראָכן פון אונטערן טיש אַ גליקלעכע, וואָס די באַבע שלאָגט זי נישט, שרייט אַפילו נישט אויף איר.

איז אָבער די גוטע באַבע מיטאַמאָל קראַנק געוואָרן, זיך פאַר־קילט. מען האָט זי אַרויפגעלייגט אויפן וואָגן, זי אָוועקגעפירט אין שטאָט אַריין צו אַ דאָקטער און מער האָט מען זי נישט צוריקגעבראַכט. אין צוויי טעג אַרום איז דער זיידע מיט דער מאַמען אַהיימגעקומען שטאַרק פאַרטרויערט.

די מאַמע האָט אַ קוק געטאָן אויף דער באָבע׳ס בעט, האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ גרויס געוויין. זלאַטע האָט מיטגעוויינט.

דעם זיידנס אויגן זענען געווען פאַרשטאַרט, ווי מיט אַ פאַרפאַרעטן גלאָז פאַרשטעלט.

ביידע האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף נידעריקע בענקלעך. דעמאָלט זענען די עלטערע קינדער, זלאַטעס שוועסטער מיט די ברידער, שוין אין דער היים נישט געווען.

די עלטסטע שוועסטער איז שוין געווען אַ פּאָלנע דינסט אין אַ ווייטער גרויסער שטאָט. די אַנדערע איז געווען אַ ניאַנקע ביי אַ גבירישן קינד און די ברידער — אויף דער לערע; דער עלטערער ביי אַ באַרשטן־מאַכער, דער יינגערער ביי אַ היטל־מאַכער.

זלאַטען איז געווען מוראדיק אומהיימלעך. איצט, ווען די מאַמע איז פאַרוויינט, וואָלט זי געוואָלט אַלע קינדער זאָלן זיין אין שטוב.

פאַרנאַכט איז געקומען דער יידישער מילנער פון לעבן שאָסעי און פון דעם אַנדערן יידישן דאָרף, פון אָפּעלע, זענען געקומען עטלעכע יידן דאַוונען מנחה־מעריב מיט אַ מנין.

אַ גאַנצע וואָך איז די שטוב געווען פול מיט מענטשן. דער זיידע האָט גאָר ווייניק גערעדט. ער האָט אויף קיינעם נישט געשריגן. אַז ער האָט עפּעס געוואָלט, האָט ער גערעדט שטיל, גאָרנישט ווי זיין שטייגער. דער צער האָט מיט אַ געלקייט פאַרגאָסן זיין פנים. זיין שטענדיק שטרענגער, באַפעלערישער בליק איז פון אים פאַרשוואונדן, ווי ער וואָלט זיך אויסגעטאָן פון זיין פאַרהאַרטעוועטן וואָכעדיקן געמיט.

זלאַטע וואָלט געוואָלט, אַז אַלעמאָל זאָלן קומען צו זיי אַזוי פיל מענטשן אין שטוב. ווען עס וואָלט נאָר נישט געשטיקט אזאַ שווערע שווייגעניש, ווען די מאַמע מיטן זיידן וואָלטן נישט געזיפצט אַזוי שטאַרק, וואָלט עס איר גאָר געפעלן וואָס מענטשן האַלטן אין איין קומען און גיין.

זלאַטע איז דעמאָלט נאָך קיין צען יאָר נישט אַלט געווען. זי האָט זיך גאָרנישט פאַרגעשטעלט, אַז די באָבע איז מער נישטאָ. עס איז איר פאַרגעקומען, אַז די באָבע איז ערגעץ אַוועק אָן אויסגעפּוצטע. איר דאַכט זיך: ס׳איז שבת, די באָבע איז אָנגעטאָן אינעם געבלומטן קופּקעלע, אין איר שוואַרצן טוכענעם קלייד מיטן סאַמעטענעם קאַפּטל, וואָס זלאַטע האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט צו זען אויף דער באָבען. זי קוקט אַלע ווײַלע צו דער טיר. עס דאַכט זיך איר, אַז די באָבע וועט באַלד אַרײַנקומען, וועט צוגיין, ווי זי פלעגט דאָס טאָן אַלע שבת נאָכן שלאָף, עפענען דעם קופערט און אַרויסנעמען פון צווישן די וועש

עטלעכע גרויסע ווינטער־עפּל. דער שטאַרקער עפּל־ריח וועט אַ שלאָג טאָן און פאַרשמעקן די גאַנצע שטוב. דערנאָך וועט זי זיך אַוועקזעצן ביים פאַרשפּרייטן טיש, וואו די שבת־לייכטער שטייען. זי וועט פּאַמעלעך נעמען שיילן אַן עפּל, אים צעשניידן אויף פירען און יעדערן איינטיילן אַ שטיקל.

אָבער די באָבע איז מער נישט געקומען און ביסלעכוויז האָט זלאַטע אָנגעהויבן צו באַנעמען, אַז די באָבע אירע וועט שוין קיינמאָל נישט צוריקקומען.

די מילנערקע פון לעבן שאָסעי האָט אָנגעהויבן אָפּט אַריינקומען, גערעדט מיט דער מאַמען וואָס פון דאָרף איז געוואָרן. עס איז שוין נישט דאָס וואָס אַמאָל. מער ווי אַ העלפט פון די פּריצים האָבן אויס־פאַרקויפט און די אַנדערע האַלטן אויך ביים פאַרקויפן שטיקלעכוויז זייערע מאַיאָנטקעס צו די פּויערים. עס ווערט ביסלעכוויז אַ פּויעריש דאָרף.

— און צוליב דעם וואָס די פּויערים קויפן־אָפּ שטיקלעך פעלד מיט איינציקע אָדער צוויי קי, — האָט די מאַמע זיך פאַר איר באַקלאָגט, — פאַרלירט דער טאַטע די פּרנסה. די אָרימע פּויערטעס לויפן אַליין יעדן פרימאָרגן צופוס אין שטאָט אַריין מיט די קאַנען מילך.

גראָד פאַר דער מאַמען מאַכט דאָס נישט אויס. די פּריצים גיבן איר סיי ווי סיי נישט צו נייען, די גאַנצע אַרבעט האָט זי נאָר פון די פּויערים. שלעכט איז נאָר דעם זיידן. צו וואָס פאַר אַ פּרנסה קאָן ער זיך איצט נעמען אויף דער עלטער?

עלקע די מילנערקע באַקלאָגט זיך אויך:

— זינט די צווייטע מיל איז פאַרקויפט געוואָרן צו אַ פּאָליאַק, ברענגט מען צו אונדז אַלע מאָל ווייניקער צו מאָלן. זעט אויס — זאָגט זי מיט אַ זיפץ — אַז פאַרן ייד האָבן זיך אויסגעלאָזט די דאָרפישע פּרנסות.

דעם צווייטן ווינטער נאָך דער באָבעס טויט האָט דער זיידע איינ־געזעצן, אַז איגאַן איז פאַר אים מער קיין אָרט נישט.

אין די פאַרטאָגן האָט ער גענומען זאָגן דעם תהילים מיט אַ העכערן טאָן, ווי ער וואָלט וועלן זיין קול זאָל דערגרייכן צו די הימלען, גאָט אַליין זאָל אים דערהערן און אים העלפן אין זיין שווערער, ביטערער לאַגע.

מיטן פרילינג, ווייסט ער, וועלן נאָך מער פּויערטעס לויפן אַליין מיט דער מילך אין שטאָט אַריין. פאַר אים וועט שוין באַלד גאָרנישט בלייבן.

וועגן זיך וואָלט אים אַזוי פיל נישט געאַרט, זיין גאַנצע זאָרג איז וועגן דער טאָכטער, וואָס ער וועט איר מער נישט קאָנען באַהילפיק זיין.

— סימע, — זאָגט ער איינמאָל צו איר, — ס'איז געקומען די צייט איך זאָל פון דאַנען אַוועק.

אין מיטן די רייד האָט זיך זיין קול פאַרהאַלטן, ווי עס וואָלט אים געוועזן שווער אַרויסצוזאָגן די ווייטערדיקע ווערטער.

סימע האָט אַ קוק געטאָן אויפן פאָטער מיט פאַרוואונדערונג, ווי זי וואָלט אים וועלן אַ פרעג טאָן: וואוהין? נאָר דאָס מויל האָט זיך איר נישט געעפנט.

ער איז געזעסן מיט דער זייט צו איר, זיין בליק האָט זיך פאַר־האַלטן אויף זיין ווייסער באָרד. די ליפּן האָבן ביי אים עטוואָס געציטערט, גלייך ער וואָלט וועלן עפּעס זאָגן און ער קאָן נישט. זיין פּנים האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט מיט איינמאָל פאַרעלטערט געוואָרן.

סימע האָט אויך גאָרנישט גערעדט. זי האָט שוויגנדיק אַראָפּגעלאָזט די אויגן אויף דער נאָדל.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אָנגעהויבן:

— מען וויל מיך נעמען אין אַ דאָרף אַריין פאַר אַ מלמד. — די ווערטער האָט ער אַרויסגערעדט ווי סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין. — זעסט דאָך מיינע פאַרדינסטן, און פון דעם ווערט אויך אַלע וואָך ווייניקער, — האָט ער זיך שוין געווענדט מיט די אויגן צו דער טאָכ־טער. — פון דעם ביסל מילך, וואָס איך קאָן נאָך אָפּקויפן, סטייעט נישט אַפילו צו קויפן עסן פאַרן פערדל. איך האָב שוין פון דעם בידנעם פערדל אַוועקגענומען כמעט דעם גאַנצן האָבער, קוים וואָס עס שלעפּט די פיס. ווי לאַנג נאָך קאָן דאָס אַזוי שלעפּן דעם וואָגן? דו וועסט אויסגראָבן די עטלעכע זאַגאָנעס קאַרטאָפליעס, אַביסל בוריקעס מיט מייערן וועסטו אויך האָבן, וועט דיר דאָס יאָר נישט זיין שווער איבער־צוקומען.

די מאַמע איז געזעסן אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ איבערן העמד, אין וועלכן זי האָט געשלייפט לעכלעך. אויף זיינע רייד האָט זי קיין וואָרט נישט געענטפערט.

עס איז געווען פאַרנאַכט. די לעצטע זון־שטראַלן האָבן אָנגעצונדן אַ ברעג הימל. אַ שטיק הימל־פלאַם האָט זיך דורך אַ שויב אַריינגעריסן און אויף אַ וואַנט זיך אויסגעלייגט ווי אַ בלוט־פאַרגאָסענער פּאַס, וואָס האָט זיך ביי יעדן ריר פונעם צעבליטן קאַרשן־בוים אונטערן פענצטער־

געצאַפּלט, זיך געטרייסלט, איבערגערוקט זיך דאָ העכער, דאָ נידעריקער און זיך געלאָשן צוגלייך מיט דעם אויסגייענדיקן טאָג.

זלאַטע האָט צוגעלייגט אַ שטיקל האָלץ די וועטשערע צו דערקאָכן און דערביי זייטיק געקוקט אויף דער מאַמען. זי זעט, אַז דער מאַמען איז פון זיידנס רייד טרויעריק געוואָרן. איז זלאַטע אויך טרויעריק געוואָרן.

דער זיידע רעדט מער נישט, נאָר שטיל און פּאַמעלעך הייבט ער זיך אויף פון בענקל, הייבט אָן דאַווענען מנחה מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן און נעמט אומרואיק שפּאַנען איבער דער שטוב.

נאָך יענעם אָוונט האָט ער גאַנצע טעג געהאַלטן אין איין לערנען. זאָגן מיט אַ מאָדנעם וויינענדיקן קול. ער רייסט אַמאָל איבער אויף אַ וויילע דאָס לערנען, שפּאַנט איבער דער שטוב, פאַרלייגט די הענט אויף הינטן, שפּאַנט הין און צוריק, אַמאָל מיט פּאַמעלעכע, אַמאָל מיט גיכע טריט, ביז ער שטעלט זיך ווידער אָפּ איבערן ספר און הייבט אָן מיט אַ העכערן טאָן. ער פאַררייסט די אויגן צו דער סטעליע, די קנייטשן אויפן שטערן ווערן ביי אים געדיכטער צוזאַמענגעצויגן. אַז ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, זאָגט ער שטילער, אָבער אַלץ מיט האַרץ, ער גיט אַכטונג נישט איבערצוהיפּערן, זונדערט אָפּ וואָרט פון וואָרט, ווי אַ פּערל פון אַ פּערל. אַמאָל שטעלט ער זיך אָפּ, האַלט די אויגן אויפן ספר און קלערט, וויזט אויס, איבערן טייטש, וואָס איז אים נישט קלאָר. דערנאָך זאָגט ער שטיל, שעפּטשעט די ווערטער, קוים וואָס מען הערט אים זאָגן. ער וויגט דעם קאָפּ און גלעט דערביי זיין קורצע צוויי־שפּיציקע ווייסע באָרד. אַמאָל שאָקלט ער זיך ווי ביי שמונה עשרה, אָדער ער לייגט אָוועק די הענט אויפן טיש, צעשפּרייט ווי פליגל, און בייגט זיך שאָקלענדיק איבערן ספר, אַז עס קרעכצט אַזש דער טיש. אַז ער ווערט מיד, גלייכט ער זיך אויס, גיט אַ שמעק טאַבאַק, כאַפּט אָפּ דעם אָטעם, רוט זיך אָפּ אַ וויילע פון זאָגן און לערנט ווידער מיט אַ בעטנדיק קול.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער, אין אַ שיינעם וואַרעמען פרימאָרגן, האָט די מאַמע אויסגעוואשן דעם זיידנס העמדער, פאַרריכט אים אַ פּאָר הויזן, צוגענייט אַ קנעפּל, וואו מען האָט געדאַרפט. דערנאָך האָט זי צונויפגענומען זיינע אַלע זאַכן און אַריינגעלייגט אין אַ זעקל.

אויף מאָרגן איז דער זיידע אויפגעשטאַנען פריער ווי אַלע טאָג און געהאַלטן אין איין זאָגן תהילים. זיין טאָן איז געווען פול מיט צער און געוויין.

זלאַטע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. זי האָט דערהערט זיין זאָגן, איז איר געוואָרן שטאַרק אומעטיק. זי האָט נישט געקאָנט פאַר־

נעמען דעם זיידנס קול, וואָס האָט אַריינגעדרונגען אין איר, ווי דאָס קול פון יזכור־זאָגן, ווען די מאַמע נעמט זי מיט אין שול אַריין צו מזכיר־נשמות.

זי טוט זיך גיך אָן און לויפט אַרויס אויפן הויף, וואו זי גייט אַלע אינדערפרי.

דער דרויסן שמעקט מיט צוויט, פייגעלעך פליען פאַרביי אירע אויגן. טייל שטעלן זיך אָפּ אויף בליענדיקע צווייגן און סווישטשען פריי־לעך. זיי זינגען אַפּנים צופרידן מיטן וואַרעמען פרילינג־טאָג.

ווען זי קומט צוריק אַריין פון הויף, שטייט שוין דער זיידע אין טלית און תפילין און דאַוונט הויך אויפן קול. נאָכן דאַוונען לייגט ער נישט אַוועק דאָס טלית־זעקל מיט טלית און תפילין אויף דער שאַנק, ווי געוויינטלעך, נאָר לייגט עס אַריין אין זאַק, וואו די מאַמע האָט אַריינגעלייגט זיינע זאַכן. ער קלויבט אָפּ עטלעכע ספרים און לייגט זיי אויך אַהין אַריין. שפּעטער פרעגט ער דער טאָכטער:

— דאָס וואַרעמע וועסטל האָסטו אָנגעגרייט צו נעמען?

דערנאָך דערמאָנט ער איר נאָך אַ פּאָר זאַכן זי זאָל נישט פאַרגעסן אַריינצולייגן אין זעקל. די מאַמע ענטפערט אים שטיל, אַזוי ווי זי וואָלט נישט געהאַט קיין כוח העכער צו רעדן. זי דערלאַנגט אים פריש אָפּגעקאָכטע גריץ. דער זיידע בייגט זיך אַריבער איבערן טעלער, זופּט הויך און בריט זיך אָפּ מיט דער הייסער גריץ; פאַרבייסט מיט אַ שטיקל ברויט און בענטשט.

באַלד נאָכן אָנבייסן טוט ער אָן דאָס צייגענע כאַלאַט, שלעפּט אַרויס פון קעשענע דעם שוואַרץ־גרינלעכן גאַרטל, וויקלט זיך צוויי מאָל מיט אים אַרום, פאַרציט אים שטאַרק און פאַרבינדט אין דער זייט. ער גייט צו צום זאַק מיט די זאַכן, הייבט אים אויף, לאָזט אים צוריק אַראָפּ, ווי ער וואָלט אים געוואויגן, געוואָלט וויסן ווי שווער ער איז, און בלייבט שטיין אַ ווייל. מיטאַמאָל גיט ער אַ נעם דעם זאַק מיט קוראַזש און פאַרוואַרפט אים אויפן אַקסל. עטוואָס געבויגן, מיטן פּאַק אויף דער פּלייצע, בלייבט ער שטיין אין מיטן שטוב, ווי ער וואָלט זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט. ער שטייט אַ שווייגנדיקער, ווי אַ פאַר־שטיינערטער.

זלאַטע זיצט אויפן ראַנד פון בעט, דרייט איר צעפּל, שלעפּט עס צו צום מויל און קוקט אויפן זיידן מיט ברייט־צעעפנטע, דערשראָ־קענע אויגן.

זיין פּנים איז ווייס ווי זיין באָרד, דאָס מויל מאָדנע אויסגעקרימט,

ווי צום וויינען. איר דאַכט זיך, אַז זיינע ליפּן ציטערן, אַז ער וויל רעדן און קאָן נישט. אין זיינע אויגן ליגט אַ מילדע ווייכקייט, נאָר דער בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף איין אָרט, ווי ער וואָלט פאַרשטאַרט געוואָרן.

ער גיט עטוואָס אַ רודער מיטן אַקסל, אַ שלעפּ דעם זאַק און זיינע אויגן בלאָנדזשען שוין אַרום איבער דער שטוב, שטעלן זיך אָפּ אויף דער אַלטער ברוינער שאַפע מיט דער אַראָפּגעלאָזטער טיר פון די אָפּגעבראָכענע זאַוויעסעס, אויפן גרויסן גרינעם קופערט, אויפן אַלטן פיר־עקיקן טיש מיט די דריי בענקלעך, וואָס שטייען אַרום.

צום לענגסטן פאַרהאַלט ער זיין בליק אויף די צוויי ברוינע היל־צערנע בעטן מיט די גלייכע קאָפּ־שטיק, וואו ער איז אין איינעם פון אָט די בעטן אָפּגעשלאָפן פון נאָך זיין חתונה ביז זיינע פינף און זעכציק יאָר.

סימע קוקט נישט צום טאַטן. זי שטייט ביים טיש, הייבט נישט אויף דעם קאָפּ, ווי זי וואָלט מורא געהאַט אויף אים אַ קוק צו טאָן. זי דרייט אויף אַלע זייטן אַ שטיקל קרעטאָן, קוקט אויף די צייכנס פון דער גענומענער מאָס און קאָן זיך נישט דערמאָנען וועמעס דאָס איז און וואָס זי דאַרף דערפון מאַכן.

דער זיידע מאַכט עטלעכע טריט און שטעלט זיך ווידער אָפּ לעבן דער טיר. ער דרייט אויס דעם קאָפּ, קוקט צו דער מאַמען און שטיל, מיט אַ פאַרשטיקט קול, זאָגט ער צו איר:

— זיי געזונט.

באַלד האָבן זיך זיינע אויגן איבערגעטראָגן אויף זלאַטען.

זלאַטען איז שווער צו באַגעגענען דעם זיידנס אַוועקגיין. זי פילט נאָר, אַז עפּעס רייסט זיך איבער, אַז עס וועט שוין מער נישט זיין דאָס וואָס איז ביז איצט געוועזן. זיצט זי אויפן בעט מיטן צאָפּ ביים מויל, קוקט אויפן זיידן, קוקט אויף דער מאַמען ווי אַ פאַרחלומטע.

זי זעט איצט דעם זיידן אַזאַ גוטן, אַזאַ ווייכן, מיט וואַרעמע גלעטנ־דיקע אויגן, וואָס קוקן אויף איר מיט אַ סך ליבשאַפט. עס דאַכט זיך איר, אַז דער זיידע וויל איר געבן אַ גלעט איבערן קאָפּ, צי גאָר זי אַרומ־נעמען און אַ קוש טאָן. ער האַלט אָבער מיט ביידע הענט דעם זאַק און שוין ביים אַרויסגיין גיט ער צו איר אַ זאָג:

— דו, זלאַטע, זאָלסט פאָלגן די מאַמען.

זלאַטע האָט אין די ווערטער זיינע דערפילט אַזאַ גוטסקייט, אַזאַ ליב־שאַפט צו איר, אַז זי איז אים מוחל געוועזן אַלע זיינע פריערדיקע בייזקייטן. איר האָט זיך געוואָלט אַ געשריי טאָן: „זיידע! גיי נישט

אַוועק, בלייב מיט אונדז!" עס דאַכט זיך איר אַפילו, אַז זי האָט די ווערטער טאַקע אַרויסגעזאָגט, נאָר דער זיידע האָט נישט געהערט, ער איז שוין געווען אויף דער צווייטער זייט טיר.

אַזוי ווי ער איז אַרויס פון הויז, האָט די מאַמע זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ בענקל, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויפן טיש און אַרויסגעלאָזט אַ געוויין — אַזאַ געוויין, ווי דעמאָלט, ווען זי איז אַהיימגעקומען פון שטאָט נאָך דער באָבעס טויט.

# זלאַטעס אײנציקער פֿרײַנט

באַלד ווי דער זיידע האָט פֿאַרלאָזט די שטוב און די מאַמע האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, איז זלאַטע שנעל אַרויסגעלאָפֿן אין דרויסן.

זי איז געבליבן שטיין אויף יענער זייט טיר און געקוקט אין דער ליכטיגקייט פֿון דער שטראַלנדיקער וואַרעמער זון.

זי דרייט אויס דעם קאָפּ, זעט זי דאָס הויקערל ,באָלעק טאַר־קאָווסקי, שטופּט זיך דורך די געדיכטע מאַלינע ביימלעך, קריכט דורך דעם לאָך פֿונעם אָפּגעריסענעם ברעט ביים פּלויט. זי גיט אַ שפּרונג אונטער צום פּלויט און נאָך איידער ער באַוויזט אַריבערצושטעלן אַ פֿוס אויף זייער פּאָדוויר, איז זי שוין לעבן אים.

באָלעקס אויגן זענען פֿאַרוויינט. זיין פּנים איז שטאַרק פֿאַראומערט, דאַכט זיך איר. מן הסתּם האָט אים שוין זיין שטיף־מאַמע ווידער געשלאָגן, טראַכט זי. נאָר אַז באָלעק דערזעט זלאַטען, ווערט ער אויפֿגעלעבט. ווערט שוין זלאַטען דערפֿון אויך פֿריילעך.

— זלאַטע, ווילסט גיין מיט מיר ? — פּליסטערט ער סודותדיק אַרויס מיט זיין שוואַכער שטים, און זיינע העל־בלויע אויגן לויכטן אויף.

— וואוהין גייסטו דאָס ? — פֿרעגט אים זלאַטע מיט אַן אומגע־לומפּערטער שטים, צעטראָגן פֿון זיידנס פֿאַרלאָזן דאָס דאָרף. זי האָט רעכט נישט געהערט וואָס ער האָט זי געפֿרעגט.

— רייסן זשעלע פֿאַר די קי — ווערט נאָך ווייכער זיין שטים — קום, וועסט מיר העלפֿן.

מיטן זאַק פֿאַרוואָרפֿן אויף זיין האָרביקן אַקסל קוקט ער אויף איר פֿול מיט געבעט און וואַרט זי זאָל מיט אים גיין.

— קום ! — גיט זי אַ האַסטיקן זאָג, ווי דאָס וואַרט וואָלט אויפֿגע־ריסן איר פֿאַרקלעמט האַרץ, און זי גיט אַ לויף פֿאַראויס פֿון אים. זי ווייסט שוין זיינע וועגן וואו ער גייט רייסן זשעלע.

ער האָט אונטערגעאיילט זיינע טריט זי צו דעריאָגן. גייענדיק האַנט ביי האַנט צוזאַמען איבערן פֿעלד, האָט זלאַטע זיך מיטאַמאָל דערפֿילט ווי

זי וואלט זיך באפרייט פון אן איינקרעמפנדיקער רייף, וואס האט נישט געלאזט זי זאל זיך טרעפן מיט באלעקן.

מיטן זיידנס אוועקגיין האט זי דערפילט, אז זי איז פריי געווארן צו גיין מיט דעם אומגליקלעכן ייִנגל, וואס אלע האבן אים פיינט.

דער זיידע האט זי געהיט, נישט צוגעלאזט זי זאל קומען מיט אים פנים אל פנים. אז ער האט זי דערזען רעדן מיט אים, אפילו ווען ער איז געשטאנען אויף דער צווייטער זייט פלויט, האט זיך געטאן חושך.

— חצופה, שיקסאכע, — האט ער צו איר געשריגן, — שוין זאלסטו אריין אין שטוב, נאר צום שייגעץ ציט איר! נאך איינמאל, אז איך וועל דיך זען האבן צו טאן מיטן הארב, וועל איך דיך ממיתן — האט ער געזאגט קריצנדיק מיט די ציין.

זלאטע פלעגט פון זיינע געשרייען ווערן א פארציטערטע, אבער נישט בלויז פון שרעק. ס'האט זי געדריקט א מאדנער געפיל. זי ווייסט ביי זיך, אז דער זיידע איז נישט אינגאנצן אומגערעכט. עס ציט איר טאקע צו באלעקן, פילט זי זיך אויף אן אמת שולדיק, גלייך זי וואלט באגאנגען א גרויסע זינד און עס קרענקט זי פארוואס זי וויל נאר זיין לעבן אים. אז זי ווייסט וואו ער פאשעט די שעפסן מיט די קי, מעג עס זיין הינטערן וואלד, צי ערגעץ וויט אין א טאל, לויפט זי איבער פעלדער און לאנקעס צו אים.

זי האט ליב צו הערן זיינע ווערשעס, פאעמען, וואס ער זינגט פאר איר אויס. ער קאן זייער א סך ווערשעס פון אויסנווייניק, וואס ער האט זיך אויסגעלערנט פון עמיצן צי פון א ביכל. און ער זאגט זיי מיט אזא געפיל, אז ער רייסט אויף איר הארץ. כאטש ס'ווערט איר אמאל פון זיינע ווערשעס טרויעריק, דאך איז איר עפעס מאדנע גוט און זי וואלט קיינמאל נישט מיד געווארן אים צו הערן.

און ווייל זלאטע הערט אים אויס אזוי גערן, ווערט זיין דאר געלבלעך פנים צעשטראלט. עס לויכטן אויף זיינע אומעטיקע פארחלומטע אויגן און ער האלט אין איין זאגן און איבערזאגן איין ווערשע נאך דער אנדערער.

זלאטעס ברוינע, שמייכלענדיקע אויגן קוקן מיט ליבשאפט אים גלייך אין מויל אריין, און זיין הארץ וואקסט פון פרייד וואס זלאטע האט אויך ליב די פאעמען. פון גרויס גליק קומען אים אויפן זין מאמענטן פון זיין אייגענעם לעבן, און אין זיין קאפ וועבן זיך אויס מעשהלעך און ער פלעכט זיי אויס אין גראמען.

אמאל ברעכט ער אפ א צווייגל פון אן אלשענעם בוים, שניצט

אויס אַ פייפל און פייפט אויס זיין אייגענע געשאַפענע ווערשע מיט זיין אייגענעם ניגון.

איינמאָל זאָגט ער צו זלאַטען:

— דו פאַרשטייסט וואָס איך פייף?

— וואָס איז דאָ צו פאַרשטיין, דו פייפסט און שוין — זאָגט זי אָן שום קונצן.

— הער זיך נאָר גוט איין — זאָגט ער צו איר מיט צאַרטקייט — וועסטו כאַפּן וואָס עס ליגט אין דעם פייפן.

ער פייפט און קוקט איר אין פנים אַריין. זי שפּיצט אָן די אויערן און הייבט מיט די אַקסלען. עס געפעלט איר דאָס פייפן. נאָר פאַרשטיין פאַרשטייט זי גאָרנישט.

— דו הערסט נישט? — זאָגט ער עטוואָס פאַרדראָסיק, און זיין פנים ווערט שטאַרק ערנסט. — דאָס זענען דאָך מיינע ווערטער אין מיין אייגן געזאַנג.

— פון וואַנען זאָל איך וויסן? — זאָגט זי פאַרשעמט און איר פנים רויטלט זיך. — זאָג מיר די ווערטער! — באַפעלט זי שוין מיט גרויס נייגעריקייט.

ער זיפצט אָפּ, ווישט מיט דער האַנט דאָס נאַס־געוואָרענע פייפל און איידער ער נעמט דאָס צו די ליפּן, זאָגט ער איר: — הער זיך צו מיט קאָפּ, — און ער הייבט אָן פּאַמעלעך זאָגן די ווערטער:

— שפּיל מיר, פייפעלע, שפּיל,
פון אַ לעבן אָן אַ ציל,
פון אַ ביימעלע אין פוסטעניש אַליין,
פון אַ מענטש אַזוי עלנט ווי אַ שטיין.
קיינער הערט נישט זיין געזאַנג,
קיינער ווייסט נישט זיין פאַרלאַנג.

שפּיל מיר, פייפעלע, שפּיל,
פון אַ לעבן אָן אַ ציל;
פון איינעם וואָס האָט נישט קיין מאַמען, קיין פריינט,
וואָס האָט נישט קיין נעכטן, נישט קיין היינט.
שפּיל מיר, פייפעלע, שפּיל,
פון אַ לעבן אָן אַ ציל.

— הער זיך גוט איין, — זאָגט ער נאָכאַמאָל צו איר מיט נאָך מער פעסטקייט, — וועסטו אינעם פייפן פאַרשטיין יעדעס וואָרט.

— זאָג מיר נאָך אַמאָל איבער די ווערטער — בעט זיך ביי איר זלאַטע און ער זאָגט זיי פאַר איר איבער מיט נאָך אַ שטאַרקערן געפיל. דערנאָך הייבט ער ווידער אָן צו פייפן. זלאַטעס אויגן ווערן פייכט. זי רייבט מיט ביידע פויסטן די אויגן, זי וויל נישט ער זאָל זען אירע טרערן, זי ווייסט נישט פאַרוואָס זי וויינט פון זיין פייפן.

זי פּרובירט פאַרגעדענקען די ווערטער, וואָס ער זאָגט פאַר איר. אַז זי גייט פון אים אַוועק, טראָגט זי זיך אַרום מיט די קלינגענדיקע ווערטער, חזרט זיי איבער אין זיך גאַנצענע טעג.

באַלעק איז שוין דרייצן יאָר אַלט, אַריבער צוויי יאָר עלטער פון זלאַטען. נאָר ווייל ער האָט אַ האָרב, וואַקסט ער פּאַמעלעך און ער איז קלענער פון איר.

באַלעקס מאַמע איז געשטאָרבן, ווען ער איז אַלט געווען עטלעכע חדשים. מען זאָגט, אַז ער איז איינמאָל אַראָפּגעפאַלן פון אַ וואָגן, האָט זיך צעבראָכן דעם רוקן־ביין און פון דעמאָלט אָן וואַקסט אים דער האָרב.

דער טאַטע זיינער האָט נישט לאַנג וואַרטנדיק חתונה געהאַט מיט דער פאַרזעסענער, אויסגעפּעשטשעטער, איין־און־איינציקער שליאַכטעס־קער טאָכטער אַנאַ, מיט וועלכער ער האָט נאָך דריי קינדער.

אַנאַ איז פון דער ערשטער מינוט אָן וואָס זי איז אַריינגעקומען צו וולאָצלאַוו טאַרקאָווסקין אין הויז, געווען זייער שלעכט צו באַלעקן. פאַר דער מינדסטער קלייניגקייט שלאָגט זי אים, שמייסט אים מיט אַ רוט, מאַכט אים שוואַרץ זיין לייב.

באַלעק אַרבעט ביי איר זייער שווער. ער ניאַנטשעט אַנאַס דריי קינדער, שיילט קאַרטאָפל, וואַשט די כלים, שפּרייט אויס שטרוי אין די שטאַלן. זומער־צייט אַרבעט ער אין פעלד, נעמט צונויף די געשניטענע זאַנגען, און העלפט אַראָפּקלייבן די תבואה.

טאַרקאָווסקי איז נישט קיין רייכער, ער האָט נישט קיין סך פעלד, האַלט ער נישט קיין פרעמדע מענטשן, לייגט מען אַרויף אויף באַלעקן אַ סך אַרבעט.

אָפטמאָל אַז ער קומט פון פעלד, שיקט אים אַנאַ רייסן זשעלע, שפּעטער דאַרף ער דאָס צעשניידן אויף דער האַנט־מאַשינקע, די קי זאָלן האָבן אויף ביינאַכט וואָס צו עסן.

און אַז אַנאַ דערזעט אים אַמאָל מיט זלאַטען, פעלט אים שוין נישט קיין צרות.

— האָסט שוין אָפּגעטאָן די גאַנצע אַרבעט? — הייבט זי אָן גוואַל־דעווען. — האָסט שוין צייט פאַר דער זשידוואוקע? — גרילצט זי און זשאַלעוועט דערביי אים נישט קיין קלעפּ, אויסרעכענענדיק אָן אַ שיעור זאַכן, וואָס ער דאַרף טאָן. און ביים פֿאָטער איז רעכט וואָס אַנאַ דערגייט דעם יינגל די יאָרן.

גוט איז באַלעקן, ווען דער פֿאָטער קריגט נישט וועד ס׳זאָל פּאַשען זיינע קי מיט די שעפּסן און ער מוז באַלעקן מאַכן פאַרן פּאַסטעך. דע־מאָלט איז באַלעק אין זיבעטן הימל. אי ער אַרבעט נישט שווער, אי ער איז אין פרייען פעלד און קאָן טאָן וואָס אים געפעלט. און אַז עס מאַכט זיך, אַז זלאַטע איז לעבן אים, קאָן ער פאַר איר אויסזאָגן אַלע זיינע ווערשעס און ס׳איז צו זיין גליק גאָר קיין גרענעץ נישטאָ.

אַ חוץ וואָס זיין שטיפמאַמע איז צו אים שלעכט, האָבן אים נאָך די קינדער פון דאָרף אויך פיינט. קיינער וויל זיך מיט אים נישט שפּילן, זיי רופן אים מיט בייזע צונעמענישן. ווייל ער האָט קליינערהייט געפּאָקט און זיין פנים איז געבליבן געשטופּלט נאָך מער ווי זלאַטעס, רופן זיי אים געשטופּלטער, דזשאָבאַטי און האַרבאַטי און ניעדאַראַסלי, נישט־דערוואַקסענער. די צונעמענישן לעכערן זיין האַרץ און רייצן אין אים אַזוי די בלוטן, אַז ער איז גרייט די קינדער צו צערייסן. ער האָט אָבער מורא מיט זיי זיך אָנצוהייבן. אַ חוץ וואָס זיי זענען שטאַרקער פון אים, ווי גיך ער וויל איינעם דערלאַנגען, ווייסט ער נישט פון וואַנען עס דער־נעמען זיך גלייך די אַנדערע. שוין נישט איינמאָל האָבן אים די לאַבוסעס צעשלאָגן און קיינער נעמט זיך נישט אָן פאַר אים. טראָגט ער אויף אַלעמען אַ פאַרביטערט האַרץ, און אַז ער קאָן זיך נאָר ערגעץ אין אַ זייט באַהאַלטן מען זאָל אים נישט זען, באַוואַרפט ער מיט שטיינער די, וואָס טשעפּען זיך צו אים.

זלאַטע פילט־מיט שטאַרק מיט באַלעקן. זי האָט אויף אים גרויס רחמנות. אַמאָל שטעלט זי זיך אַפילו איין פאַר אים, נעמט זיך אָן זיין קריוודע, כאַפּט זי אויך אַריין אַביסל קלעפּ. שפּעטער זאָגט נאָך די מאַמע צו איר:

— אַ מצווה אויף דיר, ווער הייסט דיר זיך אַריינמישן.

זי איז די איינציקע אויפן דאָרף, וואָס גיט זיך אָפּ מיט באַלעקן דעם הויקער. זי האָט אַפילו ליב מיט אים זיך צו הוידען און ער היט זי, זי זאָל נישט אַ פאַל טאָן, נישט קריגן קיין קלאַפּ פון דער הוידלקע. זלאַטע פילט זיין איבערגעגעבנקייט. זי פילט, אַז באַלעק איז איר בעסטער חבר, איר איינציקער פריינט.

# פאַרנאַכט אין דאָרף

דאָס איז דער ערשטער זומער וואָס זלאַטע גייט איינע אַליין אין וואַלד אַריין קלויבן שטעקעלעך אויף אָפּקאָכן עסן.

אין די פריערדיקע זומערן פלעגט זי גיין מיט אַן עלטערער שוועסטער אָדער מיט אַ ברודער. נאָר זינט די עלטערע שוועסטער זענען אַוועק דינען אין דער פרעמד און די ברידער צו לערנען זיך מלאכות, מוז זי גיין אַליין אין וואַלד אַריין.

דער איגאַנער וואַלד האָט אַ מוראדיקע געשיכטע. מיט עטלעכע יאָר פריער איז דאָרט פאָרגעקומען אַ שרעקלעכע שחיטה.

איינמאָל אין אַ זומערדיקן שבת נאָכמיטאָג, אין יאָר 1905 איז דאָס געווען, האָבן שטאָטישע אַרבעטער־יונגעלייט מיט מיידלעך זיך פאַרזאַמלט אין יענעם וואַלד. דעמאָלט איז יעדע אַרבעטער־פאַרזאַמלונג געווען פאַר־באָטן. ווי נאָר די פאַרזאַמלטע האָבן זיך דאָרט אויסגעזעצט, זענען ראַפּטאָם אָנגעקומען דראַגונער און מיט די פערד זענען זיי אַריין צווישן די מענטשן. מיט די הוילע שווערדן האָבן זיי גענומען שאַבלעווען איבער די קעפּ פון די פאַרזאַמלטע. באַלד האָט זיך אָנגעהויבן גיסן בלוט. פערד זענען אַרויף אויף אומגעפאַלענע און געטראָטן אויף זיי.

דעמאָלט אין דער בהלה זענען די דערפער פוןביידע זייטן וואַלד אויך אַריין אין אַ פּאַניק. עס איז אויף אַלעמען, סיי אויף די פּויערים, סיי אויף די פּריצים אָנגעפאַלן אַ פּחד.

זלאַטע אַליין געדענקט דאָס נישט, זי איז דעמאָלט געווען אַ קינד פון דריי יאָר. זי ווייסט דאָס אַלץ פון הערן וואָס מענטשן דערציילן וועגן דעם.

צווישן די פאַרזאַמלטע זענען געווען אַזעלכע, וואָס זלאַטעס מאַמע מיטן זיידן האָבן זיי און זייערע עלטערן גוט געקענט. און דערפאַר האָט מען אין שטוב וועגן דער שחיטה אַ סך מאָל גערעדט. נאָך ביז היינט דערמאָנט די מאַמע די נעמען פון אומגעקומענע יענעם זומער.

זלאַטע ווייסט אַפילו, אַז דער זיידע האָט דעמאָלט אַריינגעלאָזט

צו זיך אין שטוב עטלעכע פון די, וואָס זיי האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן. שפּעטער האָט ער זיי אַריינגעפירט אין שטעלעכל זיי זאָלן זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן. ווען עס איז געוואָרן פינצטער, האָט ער זיי אַריינ־געטראָגן אַ דייזשקע וויער־מילך מיט אַ לאַבן ראַזעווע ברויט. די באָבע האָט געהאָלפן אויסשפּרייטן שטרוי אויף דער ערד און עס איבערדעקן מיט פּלאַכטעס, אַז די מענטשן זאָלן דאָרט קאָנען איבערנעכטיקן. כאָטש דער זיידע האָט נישט געהאַלטן פון די בונטאָווושטשיקעס, ווי ער האָט זיי גערופן, האָט ער אָבער פאָרט אויף זיי רחמנות געהאַט און געוואָלט זיי באַשיצן פון די צעיושעטע זעלנער.

איצט, אַז זלאַטע קומט אַליין אין וואַלד אַריין, דערמאָנט זיך איר אַט־די שרעקלעכע געשיכטע, וועגן וועלכער זי האָט זיך אָנגעהערט אַזוי פיל. אַ סך מאָל דאַכט זיך איר אַפילו, אַז דראַגונער לויפן איר נאָך אויף גרויסע צעפּלאָשעטע פערד מיט הוילע שווערדן אין די הענט. פון דעם דאַכטעניש באַפאַלט איר אַ פּחד און זי שרעקט זיך פאַר יעדן שאָרך אין וואַלד. זי האַלט זיך אין איין אַרומקוקן צי עמיצער לויפט איר נישט נאָך. דערזעט זי אַ דאַרע צווייג אויף אַ בוים, דאַכט זיך איר, אַז דאָס איז אַ מענטשלעכע האַנט, וואָס איז פאַרבליבן הענגען פון יענער שחיטה. איינמאָל איז זי אַרויפגעטראָטן אויף אַ שטיק רויטער קאָרע, וואָס האָט זיך אָפּגעשיילט און איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ בוים. האָט זי זיך אַ צאַפּל געטאָן, ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז דאָס איז אַ מענטשלעכער שאַרבן, וואָס די דראַגונער האָבן דעמאָלט אַראָפּגעהאַקט. ווען די קאָרע האָט אַ קרעכץ געטאָן אונטער איר טראָט און איז צעפאַלן געוואָרן, האָט זי זיך דערפרייט און האָט ווידער אָנגעהויבן קלויבן שטעקעלעך.

זי האָט געקליבן גיך, איז געגאַנגען מיט איילנדיקע טריט איבערן וואַלד און געהאַלטן אַן אויג וואו זי לאָזט איבער דעם שטריק מיטן אָנגעקליבענעם האָלץ. אַלע מאָל לויפט זי צו מיט עטלעכע שטעקעלעך, לייגט זיי אויף דער סאַמע מיט פון שטריק און לויפט ווידער אָפּ. זי וויל וואָס גיכער צונויפקלויבן דאָס בינטל האָלץ און אַרויסגיין פון וואַלד.

דערפאַר איילט זי זיך נישט, ווען זי קומט אַריין אין דאָרף. דאָ וואַרפט זי אַראָפּ פון די פּלייצעס דאָס בינטל שטעקעלעך און רוט זיך אָפּ. אַמאָל בינדט זי איבער דעם לויזגעוואָרענעם שטריק און גייט ווייטער איבערן שטילן דאָרף. אַמאָל מאַכט זיך, זי גייט אַרויס פון וואַלד און טרעפט אָן באַלעקן. ער גייט פון פעלד־אַרבעט, צי ער טרייבט אַהיים די קי אָדער שעפּסן. זי דערפרייט זיך און פאַרגעסט באַלד אין די אַלע שרעקן פון וואַלד. באַלעק בינדט פאַר איר איבער דעם שטריק, די

שטעקעלעך זאָלן זיך איבערן וועג ניט צעשיטן. זי קאָן נישט אַזוי שטאַרק און גוט פאַרבינדן ווי ער טוט דאָס. ער טויג זיך זייער אויס צו אַזעלכע זאַכן.

דאָס שליאַכטעטסקע איגאַן באַשטייט אינגאַנצן פון עטלעכע און פערציק הייזער און דאָס דאָרף ציט זיך אויף אַ לאַנגער שטרעקע. דאָס אַנדערע, פּויערישע איגאַן, וואָס ליגט אויף דער צווייטער זייט וואַלד, פאַרמאָגט דריי מאָל אַזוי פיל הייזער און פאַרנעמט אַ סך אַ קלענערן שטח, ווי דאָס פּריצישע. דאָרט שטייען די הייזער אויף ביידע זייטן וועג געדיכט איינס לעבן אַנדערן, כמעט אַזוי געדיכט, ווי עס שטייען דאָ אויפן פּריצישן דאָרף די שטאַלן. דאָ האָט יעדעס הויז צוויי אַרייַנגאַנגען. פון פאָרנט צום וועג אַרויס איז אַ גאַניק מיט אַ גאָרטן, וואו עס בליען פאַרשידנפאַרביקע בלומען פון אָנהייב פרילינג ביז אין שפּעטן האַרבסט אַריין און גיבן אַרויס אַלערליי מחיהדיקע דופטן.

ביי די הייזער איז פון פאָרנט, ביים סאַמע וועג, פאַראַן אַ קליין טירל מיט אַ שמאָלער סטעזשקע, וואָס פירט צווישן די בלומען צום גאַנעק, דורך וועלכן מען גייט אין די פּאָקאָיעס אַריין. דורכן גאַנעק גייען געוויינלעך נאָר געסט. אַ שטיק ווייטער נאָכן הויז איז פאַראַן אַ ברייטער טויער וואו מען קאָן אַרייַנפאָרן מיט אַ פערד און וואָגן אויפן הויף אַרויף. דאָרט, דורכן הויף, גייט מען אין קיך אַריין. הינטערן הויז טונקלען פרוכט־סעדער, צווישן די פרוכט־ביימער וואַקסן נידעריקע, רונ־דיקע ברייט־צעצווייגטע קשאַקעס מיט אַגרעסן און ווייַנפּערלעך. ביי די זייטן פון די פּלויטן אויף דינע שטעכיקע צווייגלעך רויטלען זיך מאַ־לינעס. אין אַ סך פאָרנטדיקע גערטנער וואַקסן איבער די בלומען אויך עפּל, באַרן און קאַרשן־ביימער. די וואָס ביים סאַמע עק פּלויט, זעען אויס מיט זייערע צעשפּרייטע צווייגן ווי אָפענע שירעמס. זומער צייט, ווען די פרוכטן שווערן אַראָפּ די צווייגן, מוז אַ דערוואַקסענער מענטש ביים פאַרבייגיין אַראָפּבייגן דעם קאָפּ, כדי נישט אָנצוקלאַפּן זיך אָן זיי.

די עלף־יאָריקע זלאַטע דערגרייכט נאָך נישט צו די אַראָפּגעשווערטע צווייגן. נאָר זי קאָן מיט אַ שפּרונג אָנכאַפּן אַ צווייג און אָנרייסן פרוכט. ווען קיינער זעט נישט טוט זי דאָס טאַקע נישט איינמאָל.

בייטאָג איז דאָס דאָרף אויסגעליידיקט, פּוסט. זעלטן וואו מען זעט אַ מענטשן. די פאַרמאַכטע הייזער שטייען ווי פאַרזונקען אין אַ דרימל. טייל זענען בלויז מיט אַ קייטעלע פאַרקייטלט, אַנדערע זענען פאַרשלאָסן מיט אַ שלעסל. אַלע זענען אין די הייסע זומער־טעג, אַ חוץ מיטאָג־צייט, פאַרנומען אויף די פעלדער. די שטאַלן זענען אויך ליידיק,

שטייען זיי אָפענע מיט צעפּראַלטע טירן, פון וועלכע עס טראָגן זיך שווערע מיסט־ריחות. אויף די פאָדווירן זעט מען נאָר וואו נישט וואו אַ הון, אַ חזיר, אַמאָל אַ שלאָפנדיקע קאַץ, צי אַן איינגעדרימלטן הונט.

ווייל דאָס זאַמד בריט זלאַטעס באַרוועסע פיס, גייט זי ביי די סאָמע פלויטן אונטער די צעוואַקסענע צווייגן, וואָס באַשאָטענען טיילווייז דעם וועג. אַמאָל שטעלט זי זיך אָפּ, קריכט אַרויף אויף אַ פּלויט און קוקט אויף דער פאַרגליווערטער שטילקייט פון אַ הויז. וואו די בלומען וואַקסן נאָענט, רוקט זי אַריין איר דאַר הענטל אין די שטאַכעטן־שפּאַרעס און רייסט בלומען. די הייזער זענען הילצערנע. טייל שטייען מיט זייער נאַטירלעכן האָלץ־קאָליר, אַנדערע זענען ווייס אָפּגעקאַלכט. יעדעס הויז האָט זיין באַזונדערע שיינקייט. די מערסטע זענען מיט שטרויענע דעכער, בלויז עטלעכע האָבן שינדל־דעכער. דערפאַר אָבער האָט יעדעס הויז אַנדערש־געפאַרבטע לאָדנס.

פאַרנאַכט ווערט אין דאָרף פריילעך. אַלע קומען אָן פון די פעלדער. טייל מענער קומען רייטנדיק אויף פערד, טייל זיצנדיק אויף אַ וואָגן און אַנדערע קומען צו פוס מיט זייערע פעלד מכשירים אויף די אַקסלען. די פרויען טראָגן אויך אַמאָל עפּעס — אַ סערפּ, אַ גראַבליע, צי אַ מאָטיקע. דערנאָך קומען אַריין די שעפּסן מיט די קי. פאַסטעכער טרייבן זאַטע טשערעדעס שעפּסן. זיי מעקען פריילעך, שפּרינגען שטיפעריש איינס אויפן אַנדערן, שטופּן זיך אין קנוילן, ווי שטיפערישע קינדער.

די סטאַדעס קי מיט פולע, שווערע אייטערס, קאָפּען זיך פאַמעלעך, שאַרן דאָס אויסגעטריקנטע זאַמד און עס הייבן זיך נאָך זיי קנוילן שטויב. דער שטויב הייבט זיך אויף הויך און שפּרייט זיך אויס ווי אַ געדיכטער טומאַן וואָלט זיך געלייגט איבערן דאָרף. אויף די דעכער פון די הייזער זעצט אַרויס פון די קוימענס אַ רויך. אינעווייניק אין די שטיבער קאָכן זיך גרויסע צוויי־אויערדיקע טעפּ מיט קאַשעס, קאָרענע קליסקעס און אַנדערע מאכלים; אויך טעפּ מיט קאַרטאָפליעס און שאָלעכצער פאַר בהמות און חזירים. פון אונטער די הילצערנע דעקלעך אויף די טעפּ זעצט אַרויס אַ געדיכטע פאַרע ווי אַ רויך. אויף דער ערד זיצן קניען־דיק קינדער, ברעכן שטעקעלעך מיט די הענט, וואַרפן זיי אין פייער אַריין און קוועלן אָן. זיי האָבן הנאה צו קוקן, ווי די שטעקעלעך כאַפּן זיך אָן, צעפלאַקערן זיך און דאָס פייער קנאַקט און עס שפּריצן אַרויס פונקען. אַמאָל קלאַפּן זיי מיט אַ שטיקל האָלץ אויף דער ערד און לעשן אָן אַרויסגעשפּרונגענעם פונק.

אויף דער אַנדערער זייט וועג, וואו די סטאַדאָלעס שטייען, קלאַפּט

מען מיט געבויגענע, שאַרפע אייזנס, מען ברעקלט אין גרויסע, רונדיקע קובלעס קאַרטאָפל, ווייסע בוריקעס מיט שאָלעכצער פּאָר בהמות און חזירים און עס סקריפּען האַנט־מאַשינקעס, וואָס שעטקעווען גראָזן און מאַכן דערפון שעטשקע. ביי די ברוגימער קליגען קייטן מיט אַראָפּגעלאָזענע עמערס. פערד שטייען דערלעבן און הירזשען; בהמות מרוקען ביי די קאָרעטעס, וואַרטן אויף דעם אַרויסגעצויגענעם וואַסער צו טרינקען.

מעלקערינס פאַרזעצן טיפער אין גאַרטל זייערע פּאַרקאַטשעטע קלייד־לעך, גרייטן זיך צו מעלקן די קי. זיי נעמען אַראָפּ פון די שטאַכעטן די קובעלקעס, גיסן אין זיי אַריין אַביסל וואַסער איינצוטונקען די פינגער צו באַנעצן די וואָרצלען פון די אייטערס, זיי זאָלן זיך בעסער גליטשן ביים מעלקען. טייל נעמען אויך מיט קליינע בענקעלעך כדי זיך אַוועקצוזעצן, אַנדערע לאָזן זיך אַראָפּ, בייגן איין די קני, נעמען דאָס קובעלקעלע צווישן די פיס און ציען די וואָרצלען מיט בידע הענט אויף אַמאָל. באַלד נעמט זעצן פון אונטערן אייטער אַ פּאַרע, וואָס פאַר־שפּרייט אַ ריח פון דער וואַרעם־שפּריצנדיקער מילך.

קליין און גרויס זענען דעמאָלט מיט עפּעס פאַרנומען. עס איז אַ רעש, אַ טומל. יונגען פייפן זיך פריילעך צו ביי דער אַרבעט, טשעפּען זיך מיט די מיידלעך און עס טראָגן זיך איבערן דאָרף הילכיקע געלעכטערס.

איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט, ווען די זון האָט זיך שוין געהאַט נידעריק אַראָפּגעלאָזט און דער הימל־ברעג האָט זיך געצונדן אין רויטן פלאַם, לויפט זלאַטע אַריין אַ פאַרסאָפּעטע אין שטוב און שרייט אויס מיט אַ וויינענדיק קול:

— מאַמע, אַ הינדעלע פּישטשעט, אונדזערס אַ הינדעלע האָט פאַר־בלאָנדזשעט אין די קשאַקעס.

די מאַמע הייבט אויף דעם קאָפּ פון מאַשין, קוקט אויף זלאַטען מיט פאַרזשמורעטע אויגן פון דער אָנגעשטרענגטקייט, וואָס זי האָט אין דער פאַרנאַכטיקער טונקלקייט געניית, ווי זי וואָלט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיידל וויל פון איר.

— וואו פּישטשעט אַ הינדעלע, וואָס דרייסטו אַ קאָפּ? די הון מיט די הינדעלעך זיצן שוין לאַנג אין קעמערל — האָט די מאַמע זיך געבייזערט אויף איר.

— יאָ, מאַמע, עס פּישטשעט, עס האָט מסתמא פאַרבלאָנדזשעט. איך האָב עס דערקאָנט, עס איז אונדזערס אַ הינדעלע, קום וועסטו זען —

האָט דאָס מיידל זיך געבעטן און געקנייטשט דעם זוים פון איר קורץ יאַקעלע.

די מאַמע האָט אַ רוק געטאָן דאָס בענקל, זיך אויפגעהויבן, עטוואָס אויסגעגלייכט דעם רוקן און געקוקט אויף זלאַטעס פאַרזאָרגט פּנים. זי האָט פּאַמעלעך איבערגעבונדן די פאַטשיילקע אויפן קאָפּ, אַריינגערוקט די אַרויסגעקראָכענע האָר און מיט אירע איינגעשטייפטע פיס פון אַ גאַנצן טאָג שטעפּן גראָבע פויערישע לייוונטן, האָט זי זיך פּאַמעלעך געלאָזט גיין צו דער טיר, וואָס איז אַ גאַנצן טאָג צוליב דער היץ געשטאַנען אויפגעפּראַלט.

— וואו האָסטו געהערט פּישטשען? — האָט די מאַמע אויפן פּאַדוויר איבערגעפרעגט.

— אָט דאָ אין דורקעס סאַד צווישן די מאַלינעס — און זי האָט אָנגעהויבן לויפן פאַראויס איר צו ווייזן.

די מאַמע איז צוגעגאַנגען צום פּלויט, האָט צוגעלייגט אַן אויער און קוים דערהערט דאָס שוואַכע, נעבעכדיקע פּישטשען פון אַ הינדעלע. זי האָט אַריינגערוקט אַ האַנט צווישן די שטאַכעטן, אַ טרייסל געטאָן מיט אַ מאַלינע צווייגל און אָנגעהויבן רופן: — טיו, טיו, טיו.

דאָס פאַרבלאָנדזשעטע הינדעלע, שוין מיד פון פּישטשען, האָט מיט די לעצטע כּוחות רחמנותדיק זיך אָפּגערופן און נאָך טיפער זיך פאַר־רוקט אין די מאַלינע קשאַקעס.

נישט פרעגנדיק ביי דער מאַמען, האָט זלאַטע פלינק אַרויפגעקלעטערט אויפן פּאַרקאַן. זי איז אַריבערגעקראָכן דעם פּלויט און האָט זיך אַריינ־געקוקט צווישן די שטעכיקע מאַלינע ביימלעך, וואָס האָבן ביז בלוט צעקראַצט אירע באָרוועסע פיס מיט אירע נאַקעטע, דאַרע הענטלעך. זי האָט געוואָלט כאַפּן דאָס הינדעלע און דאָס הינדעלע האָט געהאַלטן אין איין אַנטלויפן פון איר, ביז עס האָט זיך אַריינגערוקט אין די געדיכטסטע קשאַקעס מיט הויך געוואַקסענער קראָפּעווע. צוליב דער פינצטערניש, וואָס האָט צוגעשלאָגן, האָט שוין זלאַטע נישט געזען וואו דאָס הינדעלע איז פאַרקראָכן.

די מאַמע האָט געמוזט אַריינגיין אין קעמערל, אויפטרייסלען די קוואָקע, וואָס האָט שוין פון לאַנג געדרימלט מיט צעשפּרייטע פליגל איבערגעדעקט איבער אירע זעכצן הינדלעך. די מאַמע־הון האָט זיך שטאַרק דערשראָקן. זי האָט אָנגעהויבן מאַכן קולות און איר איבערגעשראָקן קוואָקען האָט געגרילצט, ווי אַ הייזעריקע טרובע. זי האָט זיך נישט גע־רירט פון אָרט, נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון אירע הינדעלעך. זלאַטעס

מאַמע האָט זי מיט אַ שטעקן געשטויסן און מיט גוואַלד זי אַראָפּגע־יאָגט פון איר אָרט.

די הינדעלעך האָבן זיך אויפגעכאַפּט און מוראדיק זיך צעפּישטשעט. די בייז־געוואָרענע מאַמע־הון האָט אויפגעשטעלט די פעדערן, זיך אָנ־געבלאָזן, געפּאַטשט מיט די צעשפּרייטע, ווי צעעפנטע פעכערס גרויס־געוואָרענע פליגל און איז געווען גרייט צו שפּרינגען זלאַטעס מאַמען אין פּנים אַריין. און זלאַטעס מאַמע האָט געהאַלטן אין איין פאָכען מיטן שטעקן אָפּצויאָגן פון זיך די קוואָקע און טרייבן זי צום אָרט, פון וואַנען עס האָט זיך געהערט דאָס פּישטשען.

דאָס פאַרבלאָנדזשעטע הינדעלע האָט נאָר דערהערט די מאַמע־הון, איז עס באַלד אַרויסגעקראָכן.

אַז זלאַטע איז שוין געווען אין סאָד און געזען, עס ליגן לעבן אירע פיס אַראָפּגעפאַלענע עפּל מיט באַרן, האָט זי אויפגעהויבן די יאַקע און אָנגעהויבן קלויבן די ציטרינגאַווקעס מיט די פּאָפּעראַוואַקעס.

מיטאַמאָל, ווי פון דער ערד אַרויס, האָט זיך פּלוצים באַוויזן דער שוואַרצער הונט ליסעק. ער האָט אַ שפּרונג געטאָן מיט ווילדן אימפּעט, דאָס מויל אָפן מיט די אַרויסגעשטשירעטע שפּיציקע ציין, און זיך אַ לאָז געטאָן גלייך צו זלאַטען. זי ווייסט גאָר נישט ווי אַזוי זי האָט באַוויזן אַרויפצוכאַפּן זיך אויפן פּלויט. ווען זי איז אין טויט שרעק אַראָפּגע־שפּרונגען אויף דער צווייטער זייט, איז זי געבליבן שטיין אָן אָטעם. זי האָט שווער געסאָפּעט, עטלעכע מאָל אָפּגעזיפצט און געקוקט פון ווייטנס. דער הונט רייסט די ברעטער און האַווקעט מיט ווילדן צאָרן. אַז זי איז צו זיך געקומען, האָט זי אַליין נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי דאָס איז געשען, אַז דער הונט האָט זי נישט אָנגעכאַפּט.

# די מורא פֿאַר דער שטאָט

דריי טעג נאָכאַנאַנד האָט גערעגנט, דערנאָך זענען ווידער געקומען וואַרעמע און טרוקענע טעג.

די זון שיינט ווידער העל מיט איר שטענדיק בלענדנדיקן גלאַנץ. זי גלעט וואַרים און ליבלעך די לעצטע זומער־טעג און באַגיסט מיט גינגאָלד דאָס דאָרף. אין די פֿרימאָרגנס און אין די אָוונטן בלאָזן שוין אָבער קילע ווינטן, וואָס זאָגן אָן, אַז דער הייסער זומער רוקט זיך אָפּ, אַז ער וועט באַלד אינגאַנצן פֿאַרשווינדן און עס וועלן אָנקומען אין גיכן טונקעלע, פֿאַרכמאַרעטע טעג. כאָטש די זון בריט נאָך היפּשלעך איז שוין אָבער די לופֿט פֿאָרט אָנגעהויכט מיטן האַרבסטיקן אַראָמאַט, מיטן ריח פֿון געל־ווערנדיקע בלעטער און מיט צעגראָבענער פֿייכטער ערד.

דאָס דאָרף אָטעמט מיט זאַטקייט, עס שמעקט מיט שפֿע. די שייערן זענען איבערגעפּאַקט מיט תּבֿואה, די קעלערס זענען פֿאַרלייגט מיט בוריקעס, מייערן, ברוקוועס, פּאַסטערנאַק. פֿון אַלע ווינקעלעך שפּאַרט אַרויס די גערעטעניש, וואָס די פֿעלדער האָבן דעם זומער געגעבן. די פּויערים זענען נאָך פֿאַרהאָרעוועט מיטן אַראָפּנעמען די פֿאַרבליבענע רעשטלעך אויף די פֿעלדער. אויף די לאַנקעס טריקנט זיך שוין דאָס לעצטע אָפּגעשניטענע היי.

די פּאָדווירן זענען אין גרויס אומאָרדענונג. אין די זייטן ליגן אויסגעגראָבענע גריבער מיט אָפֿענע מיילער, וואַרטן מען זאָל זיי אָנפֿילן מיט קאַרטאָפֿליעס, מיט ווייסע און רויטע בוריקעס. דערנאָך וועט מען זיי מיט ערד פֿאַרדעקן, אַרומהילן מיט שטרוי, זיי זאָלן ווינטער נישט פֿאַרפֿרוירן ווערן.

אַ טיפֿער בלויער הימל וויגט זיך אויף האַרבסטיקע ווינטלעך און דאָך איז דער דרויסן שוין נישט קיין פֿריילעכער. צעפּאַלמעסטע, אויסגעלייידיקטע פֿעלדער קוקן מיט זייער נאַקעטקייט אין די פֿענצטער אַריין און פֿאַרשפּרייטן אַן אומענדלעכע פּוסטקייט. עס קוקט אויס ווי די גאַנצע

וועלט וואָלט געווען אויסגעליידיקט. מיט די אָפּשטאַרבנדיקע גראָזן און בלעטער, ווייזט זיך אויס זלאַטען, שטאַרבט אַלץ אָפּ. און אָט די פוסטקייט פון די פעלדער יאָגט אָן אויף איר אַ שווערן לאַנגווייל. איר דאַכט זיך, אַז זי אַליין איז אויך אויסגעליידיקט, אויסגעהוילט. עס באַפאַלט איר אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט, אַן אומרואיקייט. עס ציט, עס שלעפט זי ערגעץ, נאָר זי ווייסט אַליין נישט צו וועמען און וואוהין. אָט אַזוי האַרבסטיק פילט זיך איצט אָט די שטיפערישע זלאַטע, וואָס האָט אַלע מאָל ליב אַרומצולויפן מיט די דאָרפישע קינדער, אַריינצוכאַפן זיך אין פרעמדע גערטנער, אין סעדער, רייסן פרוכטן און צוזאַמען מיט די אַנדערע קינדער מאַכן קאָזשעלקעס אויף די לאָנקעס, קריכן איבער פלויטן, רייסן בלומען, פלעכטן קרענצלעך און מיט זיי זיך פאַרפוצן, באַהענגען, אָנטאָן אויפן קאָפ עס זאָל אויסקוקן ווי אַ קרוין, אָנהענגען זיי אויפן האַלדז ווי שנירלעך קרעלן און אויף די הענט ווי בראָנזלעטן. אָט די ווילדע מויד, ווי מען האָט זי גערופן אין שטוב, האָט פלוצים אויפגעהערט צו וועלן זיין אין דרויסן. זי זיצט גאַנצע טעג אין הויז, קוקט זיך צו ווי אַזוי די מאַמע מעסט סחורה, שניידט צו, ריגעווועט אויס און נייט.

זינט זלאַטע האָט געהערט די מאַמען רעדן פון ציען זיך אין שטאָט אַריין, איז זי גאָר אַן אַנדערע, ווי זי וואָלט מיטאַמאָל געוואָרן אַ דערוואקסענע. באָלעק גייט אָפט פאַרביי זייערע פענצטער און פייפט זייער טרויעריק. זיין פייפן רייסט אויף איר האַרץ, זי וויל אַרויסלויפן אים זאָגן ער זאָל אויפהערן אַזוי טרויעריק צו פייפן, אָבער זי רירט זיך נישט פון אָרט. איר דאַכט זיך, ווען זי וועט אים דאָס זאָגן, וועלן זיינע אומעטיקע בלויע אויגן זיך אָנפילן מיט טרערן, און זי האָט זייער פיינט צו זען ביי באָלעקן טרערן. אַז זי זעט אים וויינען, גיסן זיך באַלד אויך פון אירע אויגן טרערן.

אַמאָל וויל זי פרעגן דער מאַמען: „מאַמע, ווען וועלן מיר שוין פון דאַנען זיך אַרויסציען? איך וויל נישט זיין מער אין דאָרף“, נאָר זי טוט דאָס נישט, זי האָט מורא די מאַמע זאָל זיך אויף איר נישט צעשרייען און זאָגן: „דריי מיר נישט קיין קאָפ.“

זינט די מאַמע האָט אָנגעהויבן טראַכטן פון וואוינען אין שטאָט, קאָן זי נישט ליידן, וואָס זלאַטע רעדט צו איר. זלאַטע זעט, אַז דער מאַמעס פנים איז געוואָרן דינער און לענגער. אַמאָל דאַכט זיך איר, אַז ס'איז אויך טונקעלער געוואָרן, ווי אַ כמאַרע וואָלט זיך אויף איר אַרויפגעלייגט. זי איז כסדר אומעטיק, פאַרזאָרגט און זי האַלט אין איין שרייען, זיך בייזערן אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרוועז. זלאַטע וויל איר אַמאָל

זאָגן: „זאָרג נישט, מאַמע, וואָס דאַרפסטו זיך זאָרגן? איך בין שוין אַ גרויסע, איך קאָן שוין אַרבעטן, אין שטאָט וועל איך קריגן אַן אָרט צו ניאַנטשען אַ קינד, דיר אַרויסהעלפן צו דער פרנסה". נאָר זי ווייסט נישט פאַרוואָס זי קאָן דאָס איר נישט זאָגן.

און די מאַמע האָט אַלץ געהאַלטן אין איין טראַכטן, קלערן און חשבונען, וואָס זי קאָן דורך דער וואָך אויפנייען, וויפיל זי קאָן פאַרדינען, ווען זי וועט שוין אפילו האָבן גענוג אַרבעט. און וויפיל זי האָט נישט געציילט און גערעכנט, האָט זיך איר אַלץ געדאַכט, אַז זי וועט נישט פאַרדינען גענוג אויף די הוצאות, אַז עס וועט איר זיין אוממעגלעך אַדורכצולעבן. געדאַנקען נאָך געדאַנקען האָבן זיך ביי דער מאַמען געהאַלטן אין איין ראַנגלען און איין געדאַנק דעם אַנדערן האָט נישט געקאָנט גובר זיין.

כמעט אַלע טאָג קומט עלקע די מילנערקע צו דער מאַמען און זי האַלט זי אין איין שרעקן מיט דער שטאָט.

— דאָ אין דאָרף — זאָגט זי — וועט איר קיין הונגער נישט ליידן, די קאַרטאָפליע מיטן שטיקל ברויט האָט איר, גאָט צו דאַנקען, צו־זאָט. אָבער דאָרט אין שטאָט ווערט דער יקרות פון טאָג צו טאָג גרעסער. היינט דאָס דירה־געלט וואָס מ'דאַרף דאָרט צאָלן, איז דאָך אַ שרעק — מאַכט זי נאָך שווערער דער מאַמעס האַרץ.

— אַזוי לאַנג ווי דער טאַטע איז דאָ געווען, האָב איך געמוזט דאָ וואוינען צוליב אים, אָבער איצט, אַז ער איז אַוועק און איך בין געבליבן מיטן איינעם מיידל אַליין, וואָס־זשע האָב איך שוין דאָ ס'זאָל מיך צוהאַלטן? — האָט זי זיך ווי פאַרענטפערט פאַר איר געדאַנק, וואָס זי וויל נישט זיין איינע אַליין אויפן דאָרף. —אַז איך וועל וואוינען אין שטאָט, וועט לייזער, וואָס איז אויף דער לערע, זיך נישט דאַרפן וואַלגערן אין דער פרעמד, ער וועט האָבן אַ היים — גיט די מאַמע צו, אָפּרייסנדיק דעם פאָדים פון פאַרענדיקטן שטעפּל.

— עס זאָל אייך נאָר נישט באַנג טאָן, ווען איר וועט זיך אַרויסציען — וואָרנט זי עלקע.

זלאַטע, וואָס האָט די גאַנצע צייט אַרויסגעקוקט דורכן אָפענעם פענצטער, גיט זיך אַ דריי אויס און זאָגט פּלוצים:

— מאַמע, האָב נישט מורא, איך קאָן שוין גיין אַרבעטן, וועל איך דיר העלפן.

— זע נאָר, זע נאָר ווער עס רעדט פון אַרבעט, די שטרויענע ליאַלקע, — האָט די מילנערקע חוזקדיק אַ לאַך געטאָן. — דו דאַרפסט

ערשט זיך דערבאַקן, צו קאָנען העלפן דער מאַמען — מאַכט זי זלאַטען צו גאָרנישט.

פון גרויס פאַרדראָס וואָס זי מאַכט שווער דער מאַמעס האַרץ, רעדט זי אָפּ פון אַרויסציען זיך, און וואָס זי לאַכט אָפּ פון איר, האָט זיך זלאַטע פאַרקרימט און אין דער זייט, יענע זאָל נישט זען, אַרויס־געשטעלט עלקען אַ צונג. אַלע מאָל רופט זי די מילנערקע „די נישט־דערבאַקענע", דערפאַר האָט זלאַטע זי זייער פיינט. זי וואָלט וועלן אַז עלקע זאָל זיך צעוויינען, ס׳זאָל זי עפּעס קרענקען אַזוי ווי ס׳קרענקט זלאַטען פאַרוואָס יענע זאָגט, אַז זי איז נישט דערבאַקן, רופט זי שטרויענע ליאַלקע. אין זלאַטען וויינט דאָס האַרץ.

אין די טעג וואָס זי איז געוועזן פאַרזאָרגט האָבן זיך ביי דער מאַמען די הענט נישט געלייגט צו קיין שום זאַך. וואָס זי האָט געטאָן איז עס ביי איר נישט אַרויסגעקומען ווי עס באַדאַרף צו זיין. זי האַלט אין איין אָפּבינדן און שטאַרקער צוציען אונטער דער גאָמבע די פאַ־טשיילקע, וואָס זי טראָגט די גאַנצע וואָך אויפן קאָפּ, פונקט ווי די שטייפ־קייט פון דער פאַטשיילקע וואָלט פאַרלייכטערט איר די זאָרג, גרינגער געמאַכט איר שווער געמיט.

אַ לאַנגע צייט האָט זיך זלאַטעס מאַמע אַזוי געישובט צי זאָל זי זיך אַרויסציען פון דאָרף אין שטאָט אַריין. זי האָט זיך געראַטן, גע־פרעגט עצות ביי אייגענע און ביי פרעמדע און אַלץ נישט געקאָנט באַשליסן צי זאָל זי יאָ, אָדער זאָל זי נישט אַרויס פון דאָרף. די גאַנצע מורא אירע איז געווען, צי די פּויערטעס וועלן ברענגען די אַרבעט אין שטאָט אַריין. דאָ קומט מען צו איר מיט פּעק אַליין אויסגעאַרבעטע און פון קראָמען געקויפט שטאָפן זי זאָל פאַר זיי פאַרשידענע זאַכן אויפניייען. און נישט נאָר ברענגט מען איר אַרבעט פון די דערפער איגאַן, נאָר פון אַנדערע אַרו־מיקע דערפער אויך. איינע זאָגט דער אַנדערער: — די שייקאָווע, ווי זיי רופן זי אויפן מאַנס נאָמען, — איז די בעסטע שניידערקע. איר דאַרף מען נישט זאָגן ווי אַזוי צו מאַכן, זי טראַכט אַליין צו פאַר יעדערן אַ פאַסאָן, אַ נייע מאָדע.

אַז זי נייט נאָר איינמאָל עפּעס אויף פאַר עמיצן, קומט מען שוין צו איר אַלעמאָל. היינט פאַר כלות מאַכט זי קליידער, איז גאָר אַ וואונדער, נישטאָ אירס גלייכן אין גאַנצן אַרום.

אַ דאַנק אָט דעם גוטן שם, וואָס ס׳האָט זיך וועגן איר פאַרשפרייט, האָט זי צו נייען אויף טעג און נעכט.

אַחוץ דעם נייען, האָט זי נאָך אַ שטיקל מסחר אויך. זי האַלט נאָך

אָן דאָס שטיקל שפּייז־קרעמל. אויף דער לײַמענער פּאָדלאָגע אין אַ ווינקל פון שטוב שטייען זעקלעך מעל, זעקלעך מיט גרעבערע און דינערע קאַשעס, אַ פּאַפּירענער בײַטל מיט הירזש, אַן אַנדערער מיט רײַז, אַ זעקל זאַלץ, אַ זעקל צוקער, אַ באַנקע נאַפּט, אַ בלעך אײל, אַ קובעל הערינג און נאָך פאַרשידענע קלייניגקייטן, און דאָס העלפט איר אין אַ היפּשער מאָס צו דער פּרנסה.

אַלע זומער זעצט זי אַוועק הינער אויף אייער און האָדעוועט אויס די הינדלעך, אַמאָל אויך קאַטשקעס. שפּעטער פאַרקויפט זי זיי, האָט זי עטלעכע רובל צו קויפן אַ פורל האָלץ צי אַנדערע זאַכן אויפן ווינטער. אין שטאָט, ווייסט זי, וועט זי דאָס אַלץ נישט האָבן.

נאָר סוף כל סוף האָט די מאַמע פאַרט באַשלאָסן מער אין דאָרף נישט צו וואוינען. איינמאָל אין אַ קילן באַגינען איז זי אַוועק פון הויז און האָט אין סאַמע עק שטאָט ביי ר׳ סענדער זיסמאַן אין דער אָפּיצינע געדונגען אַ שטיבל.

געווען איז דאָס ראש חודש אלול, ווען די מאַמע האָט זיך פון דאָרף אין שטאָט אַרײַנגעצויגן. זלאַטע האָט זייער ליב צו פאָרן, איז זי אַרויפגעקראָכן אויפן וואָגן נאָך איידער די מאַמע האָט זיך אומגעקוקט צי אַלע זאַכן פון שטוב זענען שוין אַרויסגעטראָגן. זי האָט זיך געזעצט אין דער מיט אויף אַ פּאַק בעטגעוואַנט מיטן פּנים צו די הינטערשטע רעדער, און מיט דער לינקער האַנט האָט זי צוגעהאַלטן אַ פוס פון אַ בענקל, וואָס ס׳האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז עס האַלט ביים אַראָפּפאַלן.

— מאַמע, קום אַרויף, דאָ האָסטו אַן אָרט — האָט זי מיט דער רעכטער האַנט געקלאַפּט אויפן פּאַק בעטגעוואַנט. נאָר די מאַמע איז אויפן וואָגן נישט אַרויף.

די שווער־אָנגעלייגטע פור מיט זאַכן האָט זיך פּאַמעלעך אַרויס־געשלעפּט פון פּאָדוויר, איז אַרײַנגעפאָרן אין די טיפע אויסגעטריקנטע זאַמדן פון דאָרף־וועג און איז געבליבן שטיין באַלד לעבן צווייטן הויז, וואו די מאַמע איז אַרײַנגעגאַנגען.

די מאַמע איז צופרידן, וואָס ס׳איז מיטאָג־צײַט, וועט זי יעדערן טרעפן אין דערהיים און זיך קאָנען מיט אַלעמען געזעגענען. זי איז אַרויס פון איין הויז און אַרײַן אין אַ צווייטן. זי איז געגאַנגען כמעט פון שטוב צו שטוב זאָגן אַ „זייט געזונט״. יענע האָבן באַדויערט וואָס זי ציט זיך אַרויס, וואָס זי פאַרלאָזט זיי. כמעט יעדע באַלעבאָסטע האָט איר עפּעס צוגעטראָגן, ווער אַ ביסל קאַשע, ווער אַ ביסל מעל, צי בעבלעך; אַנדערע האָבן געגעבן מייערן, בוריקעס, קאַרטאָפליעס, צי

עטלעכע הייפטלעך קרויט, אַ קאַלענדע, הייסט דאָס ביי זיי, אַ מתנה אויפן וועג. די מערסטע זענען אַרויס פון די שטיבער, זי באַגלייט עטלעכע טריט ביז צום וועג און איר מיטגעשיקט גוטע וואונטשן: „זאָל אײַך גאָט געבן געזונט", מיט נאָך ברכות. די מאַמע איז פון זייער גוט־האַרציקייט געוועזן גערירט. זי האָט אַלע מאָל אויפגעהויבן אַ שפּיץ פון לייווענטענעם פאַרטעך און אויסגעווישט אירע פייכט־געוואָרענע אויגן.

דער פורמאַן איז פאַמעלעך נאָכגעפאָרן נאָך דער מאַמען. עטלעכע מאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געוואַרט זי זאָל אַרויסקומען און אַלע מאָל געזוכט אויפן וואָגן אַן אָרט, וואו אַרייַנצולייגן וואָס מען האָט איר געגעבן.

יעדעס הויז איז זלאַטען זייער גוט באַקאַנט, איצט אָבער האָט זי אויף זיי פּלוצים אָנגעהויבן קוקן ווי מיט פרעמדע אויגן. איר בליק פאַרהאַלט זיך אויף אַן אַלטן אָפּגעלאָזענעם הויז מיט אָפּגעריבענע לאָדנס, וואָס זעט אויס ווי אַ וואונדיק לייב מיט אָפּגעקראָכענער הויט. באַלד וועט מען די אָפּגעריבענע ווענט, טראַכט זלאַטע, אַרומדעקן מיט ברוינע נאָדלען, מיט טרוקענע, אַראָפּגעפאַלענע בלעטער, וואָס די פויערטע וועט צונויפשאַרן אין וואַלד. די אָרימע פויערטע, וואָס וואוינט דאָרט, וועט די ווענט אין גיכן אַרומבעטן אויפן ווינטער, עס זאָל דורך די שפּאַרעס נישט אַרייַנייאָגן די קעלט. אַ סך יאָרן האָט אין דעם הויז קיינער נישט געוואוינט. ערשט נישט לאַנג צוריק, האָט זיך אַהין אַרייַנ־געצויגן אַן עלטער פּאָרפאָלק. לעבן דעם הויז, אויפן אָפּגעלאָזענעם, מיט ווילד־גראז פאַרוואקסענעם פּאָדוויר, שטייט די הוידעלקע מיט אַ האַלב אָפּגעבראָכן ברעטל, אויף וועלכער זלאַטע פלעגט זיך הוידען. דאָ זענען נישט געוועזן קיין קינדער און קיין הינט, האָט זי נישט געהאַט פאַר וועמען מורא צו האָבן. זי האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דער הוידל־קע שטייענדיק אויף דעם אָפּגעבראָכענעם ברעטל, דאָס יאַקעלע אַרייַנ־גענומען צווישן די פיס, כדי דאָס אונטערלייב זאָל זיך ביי איר נישט אַרויסזען. זי פלעגט זיך אָנגעמען מיט אירע דאַרע הענטלעך ביי די גראָבע אַלטע שטריק, און ווי אַ פויגל מיט צעשפּרייטע פליגל האָט זי זיך געוויגט און געפלאַטערט העט העט אין דער הויך. איצט, דאַכט זיך איר, שטייט די הוידעלקע אַ טרויעריקע, אַ פאַרלאָזטע.

די מאַמע איז אַרויסגעקומען מיט אַ פילן פאַרטעך קאַרטאָפליעס, וואָס אַ באַלעבאָסטע האָט איר געגעבן. זי האָט די אַלע געקראָגענע זאַכן אַרייַנגעלייגט אין אַ זעקל. דער פורמאַן האָט גענומען די לייצעס אין האַנט און דאָס פערד האָט פאַמעלעך זיך גערירט פון אָרט. אַ הון, וואָס האָט

אין מיטן וועג געזוכט און געפונען אַ קערנדל, האָט זיך דערשראָקן און איז מיט אַ געפּילדער אַנטלאָפן.

ריחות פון רייפע ווינטער־איבסטן האָבן אַרויסגעשמעקט פון סעדער. עס האָבן אַרויסגעקוקט בּאַרנעס די גרויס און די פאָרם פון קליינע לאָמטערנעס. זייערע פאַררויטלטע בעקעלעך האָבן אין בליאַסק פון דער זון געגלאַנצט, געפינקלט, ווי זיי וואָלטן געוואונקען, זיך געבעטן, מען זאָל זיי אַראָפּרייסן. זלאַטען האָט אָנגענומען אַ חשק אַריינצוכאַפּן זיך אין איינעם פון די סעדער, ווי זי פלעגט דאָס אָפטמאָל טאָן, און אָנרייסן אַביסל פון אָט די גרויסע בּאַרנעס מיט די שווערע געפינגערטע עפּל, נאָר די מאַמע איז שוין אַרויף אויפן וואָגן מיט אַ זאַק קרויט פון דער לעצטער געזעגענונג.

אַ פוילער ווינט האָט פּאַמעלעך געוויגט די ביימער. די האַלב פאַר־געלטע, באַפלעקטע, ווי פאַרזשאַווערטע בלעטער, האָבן זיך שוין קוים געהאַלטן אויף די צווייגן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי טרייסלען זיך אין שרעק, ווי זיי וואָלטן געציטערט פאַר די קומענדיקע טעג, מורא געהאַט פאַר יעדן בלאָז פון ווינט.

האַרבסטיקע, שוין האַלב פאַרוויאַניעטע בלומען אין גערטנער האָבן פּאַמעלעך געשאָקלט מיט די קעפּלעך און איבערן וועג געשפּרייט אַן אומעט.

דאָס פערד מיטן וואָגן איז פון זאַמדיקן וועג אַרויסגעקראָכן און זיך אַוועקגעלאָזט צום שאָסיי. זלאַטע זיצט אויפן פּאַק בעטגעוואַנט און קוקט אין דער וועלט אַריין, אין דעם פרייען פוסטן אַרום. פּלוצים ווערט איר זייער אומעטיק. זי האָט אַלע מאָל געטראַכט, אַז די מאַמע וועט זיך אַרויסציען פון דאָרף, וועט זי זיין פריילעך. זי ווייסט נישט פאַרוואָס זי איז איצט טרויעריק. זי גיט אַ קוק אויף דער מאַמען, זי זעט אַז איר פּנים איז שטאַרק פאַרזאָרגט, ווערט איר נאָך טרויעריקער, עס ווילט זיך איר אַזש וויינען.

די רעדער הילכן אָפּ איינטאָניק אויף די שאָסיי־שטיינער. נאָר אָט קומען זיי אַרויף אויף דער הילצערנער בריק און זיי קייקלען זיך ווייך און שטיל. זלאַטע בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ, קוקט אַריין אין דעם לויטערן רואיקן טייך, ווי עס לויפן פאַרביי די כוואַליעס, יאָגן זיך נישט, נאָר גייען פּאַמעלעך איינע נאָך די אַנדערע. אַהער, צו דעם טייך, איז זי אַלעמאָל געגאַנגען, דערמאָנט זי זיך, מיט דער מאַמען אויסקלאַפּן די וועש. אין הייסע זומער־טעג איז זי מיט די דאָרפישע קינדער אַהער געלאָפן זיך באָדן אָדער אַזוי זיך פּליעסקען, שאַרן מיט די באָרוועסע

פּיס דאָס וואַסער. נישט ווייט פון שאָסיי רוישן די רעדער פון דער וואַסער־מיל. זיי שלאָגן דעם טייך, שליידערן און שוימען דאָס וואַסער. אָט זעט זי דאָס וועלדל, וואוהין זי פלעגט גיין קלויבן שוואָמען, שטיקלעך האָלץ, שטעקעלעך די מאַמע זאָל האָבן אָפּצוקאָכן אַביסל עסן. דאָס וועלדל רוקט זיך אָפּ פון איר ווייטער און ווייטער.

מיטאַמאָל איז איר באַפאַלן אַ באַדויער־געפיל, עס איז איר געווען אַ שאָד, וואָס זי פאַרלאָזט די אַלע אַזוי גוט־באַקאַנטע היימישע ערטער. זי האָט אינגאַנצן פאַרגעסן ווי שטאַרק זי האָט זיך דערפרייט, ווען זי האָט געהערט, אַז די מאַמע קלויבט זיך צו וואוינען אין שטאָט, וואו דער פערצן־יאָריקער ברודער אירער, לייזער, לערנט זיך פאַר אַ היטל־מאַכער. טאַקע אַ שטיק צוליב אים האָט די מאַמע זיך אַריינגעצויגן אין שטאָט אַריין, אַז לייזער זאָל נישט דאַרפן מער זיך וואַלגערן אין דער פרעמד, נישט דאַרפן אָפּקומען מיט טרוקן ברויט און שלאָפן ביים מייסטער לעבן דער פּאָמויניצע אויף אַ שעניקל ביי דער טיר, וואו ער האָט זיך ווינטער אָפּגעפרוירן די פינגער פון די פיס.

# אויפן גוטן אָרט

**ווען** די מאַמע האָט זיך שוין געהאַט אַ ביסל איינגעשטעלט אין דער נייער דירה אין שטאָט, האָט זי גענומען זלאַטען מיט לייזערן און איז מיט זיי אָוועק אויפן גוטן אָרט צום טאַטנס קבר. זלאַטע איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אויפן הייליקן אָרט. זי האָט נישט געוואוסט צו וואָס זיי גייען אַהין. זי האָט אָבער שטאַרק ליב צו גיין אויף נייע ערטער, איז זי צופרידן וואָס די מאַמע נעמט זי מיט. זי זעט, אַז די מאַמע מיטן ברודער גייען זייער טרויעריק. פאַרוואָס, ווייסט זי נישט. זי וויל וויסן צו וואָס מען גייט אַהין, רוקט זי זיך צו צום ברודער, קוקט צו אים אַרויף און זאָגט צו אים שטיל, ווי זי וואָלט מורא געהאַט צו רעדן אין דער הויך:

— לייזער, צו וואָס גייט מען אויפן הייליקן אָרט?

לייזער שטופט זי אָפּ פון זיך, שטעלט אָן אויף איר זיינע בייז־געוואָרענע גרויע אויגן און גיט אַ בורטשע:

— פינצטערע בהמה, גלאָמפּ, ביזט קליין צו וואָרטן?

ביי זלאַטען איז נישט קיין נייעס צו הערן אַ קללה אָדער אַ צונאָמען. די עלטערע קינדער רופן זי זעלטן ביים נאָמען, נאָר מיט פאַרשידענע צונעמענישן: שוואַרצער פּיזשיק, לאַנגער דראַנג, ווייל זי איז הויך און דאַר. מען רופט זי אויך: ליימענער גולם, מאַלפּע און נאָך אַ סך אַזוינע צונעמענישן. די עלטערע קינדער האַלטן, אַז זי איז אַ שרעק־לעכע מיאוסקייט, אַ פאַרזעעניש.

ערגער פון אַלץ אַרט זלאַטען, וואָס די עלטערע שוועסטער און ברידער האַלטן זי פאַר אַ שרעקלעכן נאַר. וואָס זי טוט לאַכן זיי אָפּ פון איר, מאַכן חוזק, שרייען, אַז זי האָט אַפילו נישט קיין שכל פון אַ קאַץ. צו דעם האַלט מען איר אין איין איינרעדן, אַז זי איז אַ גרויסער שלים מזל, וואָס טויג צו גאָרנישט. אַזוי, אַז אַמאָל הייבט זיך איר שוין אָן

צו דאַכטן, אַז זיי זענען גערעכט, און זי דערפילט זיך שטאַרק אַראָפּ־געפאַלן ביי זיך. עס דאַכט זיך איר, אַז זי איז אַן איבעריק באַשעפעניש אויף דער וועלט, יעדערער האָט זי פיינט און קאָן זי נישט אָנקוקן.

נישט איינמאָל רעדט זי צו גאָט אין דער שטיל:

— גאָטעניו, פאַרוואָס קומט מיר דאָס? פאַרוואָס האָסטו מיך נישט באַשאַפן אַזוי שיין, אַזוי קלוג און געראָטן, ווי מיינע שוועסטער זענען? און כאָטש זי גלייבט טאַקע, אַז זי קאָן זיך נישט פאַרגלייכן מיט די עלטערע קינדער, קאָן זי פאָרט נישט פאַרטראָגן די צונעמענישן. יעדעס מאָל וואָס מען באַליידיקט זי, איז זי גרייט יענעם די אויגן אויסצו־דראַפּען, די האָר פון קאָפּ אויסצורייסן.

נאָר דאָס מאָל, ווען דער ברודער האָט זי אָנגערופן גלאָמפּ און פינצטערע בהמה, האָט זי זיך נישט ווייסנדיק געמאַכט. די טרויעריקייט, וואָס איז געלעגן אויף איר און אויף דער מאַמען דעם גאַנצן וועג, האָט דערשלאָגן אויך איר געמיט און אָנגעוואָרפן אויף איר אַ שרעק פאַר דעם אָרט, וואוהין זיי גייען. ס'האָט זיך איר שטאַרק געוואָלט וויסן, וואָס אַזעלכעס אַ הייליק אָרט איז. ס'האָט זי געמאַטערט און נישט אָפּ־געלאָזט. האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— מאַמע, צו וואָס גייט מען אַהין אויף דעם אָרט?

— מען גייט אויף קבר אבות צום טאַטן, — האָט די מאַמע שנעל געענטפערט.

זלאַטע האָט אָבער נישט פאַרשטאַנען וואָס קבר אָבות איז. אָבער נאָך אַמאָל איבערפרעגן האָט זי שוין מורא געהאַט.

זי איז נאָך קיין צוויי יאָר נישט אַלט געווען, ווען דער פאָטער אירער איז געשטאָרבן. זי האָט אים נישט געדענקט, עס האָט זיך איר אָבער אויסגעוויזן, אַז זי געדענקט אים גוט. אַ שיינער ייד, דער טאַטע אירער, מיט אַ לאַנגער טונקל־ברוינער באָרד, מיט גוטע שמייכלענדיקע אויגן. זי זעט אים, דאַכט זיך איר, ווי ער וואָלט אַ לעבעדיקער געשטאַנען פאַר אירע אויגן, זי געדענקט אַפילו, מיינט זי, ווי ער האָט זי אַרומגעטראָגן אויף די הענט און זיך געשפּילט מיט איר.

ווען זיי זענען צוגעקומען צום הייליקן אָרט, איז די מאַמע אַריינ־געגאַנגען אין אַ קליין איינגעבויגן שטיבל. די דרויסנדיקע אַלטע ווענט זענען ערטערווייז געווען איינגעפאַלן, ערטערווייז בייכיק אויסגעבויגן. הינטער די נידעריקע פענצטערלעך כמעט ביי דער סאַמע ערד, איז דאָס

האָלץ געווען פּריכנענדיק, געלעכערט און פאַרוואָקסן מיט גרינלעכן מאָך. זלאַטען האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס שטיבל זינקט אין דער ערד אַריין. די קליינע, מער צעבראָכענע ווי גאַנצע שויבן, האָבן געקוקט מיט חושכ־דיקער טונקלקייט און געוואָרפן אויף איר אַ פּחד, ווי טויטע וואָלטן פון דאָרט אַרויסגעשפּאַרט. אַ גליק וואָס זי האָט נישט געדאַרפט לאַנג שטיין און וואַרטן. די מאַמע איז באַלד אַרויסגעקומען. נאָך איר איז אַרויסגעגאַנגען אַן אַלטער, איינגעהויקערטער ייד מיט אַ ציגן, לאַנגן, אָפּגעריבענעם, פאַרשמאַלצענעם כאַלאַט. זיין געלבלעך, שמאָל, שפּיציק בערדל איז געווען מער גרוי ווי געל, ענלעך צו אַ בינטל אויסגעטריקנט גראָז. דער ייד איז געגאַנגען פאַראויס, נאָך אים די מאַמע, נאָך דער מאַמען דער ברודער, הינטער זיי אַלעמען איז געגאַנגען זלאַטע. זיי זענען געגאַנגען איבער די שמאָלע, פאַרוואָקסענע סטעזשקעס. דעם גאַנצן וועג האָט דער ייד געהאַלטן אין איין הוסטן און שפּייען, און ווייל זלאַטע איז געגאַנגען די לעצטע, איז איר געוואָרן שטאַרק אומהיימלעך, ווי זי וואָלט זיך פּלוצים פאַר עפּעס דערשראָקן. זי האָט נישט געוואוסט פאַר וואָס זי האָט מורא, צי פאַר דעם ייד, וואָס פירט זיי איבער די פאַרלאָזטע סטעזשקעס, צי פאַר די פאַרבייגעגאַנגענע קברים. זי לויפט אונטער, שפּרייזט אַריבער קברים, מיידט אויס דעם ברודער און רוקט זיך צו צו דער מאַמען. עס ווייזט זיך איר אויס, אַז דער געדרייטער וועג, דורך וועלכן דער ייד פירט זיי, איז זייער אַ לאַנגער, אַז ער ציט זיך און ציט זיך אָן אַ סוף.

ענדלעך האָט זיך דער ייד אָפּגעשטעלט. ער האָט אַ ווייז געטאָן מיטן פינגער אויף אַ קליינער אויסגעבויגענער מצבה. די מאַמע האָט אים אַריינגעלייגט אַ פּאָר גראָשן אין האַנט אַריין און ער איז אַוועק.

זי איז באַלד צוגעפאַלן צום שטיין און האָט אָנגעהויבן מאַכן מיט די הענט און רעדן, ווי מען רעדט צו אַ לעבעדיקן מענטשן.

— שייע, — האָט זי געזאָגט, — איך בין דיך געקומען בעטן, דו זאָלסט נישט פאַרגעסן אין דיינע יתומים, וואָס דו האָסט איבערגעלאָזט אויף דער וועלט. דו זאָלסט בעטן גאָט ער זאָל מיר צושיקן די פּרנסה אין שטאָט אַריין, איך זאָל שוין מער נישט דאַרפן זיין פאַרוויסט און פאַרפינצטערט איינע אַליין אין דאָרף.

באַלד נאָך די ערשטע ווערטער האָבן זיך פון אירע אויגן אַ גאָס געטאָן טרערן. דורכן געוויין איז שוין שווער געווען צו פאַרשטיין, וואָס זי זאָגט. זי נעמט אַרום מיט ביידע הענט די מצבה, ווי מען נעמט

אַרום אַ טייערן פריינט, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויפן ראַנד פון נידעריקן עטוואָס איינגעבויגענעם שטיין, רעדט מיט אַן אומעטיקן קול און גיסט אויס איר ביטער האַרץ.

זלאַטע קריגט גרויס רחמנות אויף דער מאַמען. עס דאַכט זיך איר, אַז דער מאַמעס האַרץ ווערט צעריסן און אַז פון אירע רויט־געוואָרענע אויגן טריפט בלוט. אַפילו אויפן ברודער לייזער האָט זי איצט אויך רחמנות. ער שטייט מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, אויסגעדרייט מיט דער זייט צום קבר, די פינגער פון דער רעכטער האַנט אויף דער מצבה. ער וויינט אויך, מאַכט מיט די ליפּן, רעדט עפּעס שטילערהייט, נאָר זי קאָן נישט הערן וואָס ער רעדט. זלאַטע אָבער קאָן נישט קיין וואָרט אויסרעדן, און עס נעמט זי נישט קיין געוויין. אַלעמאָל ווען זי זעט עמיצן וויינען, כאַפּט איר אויך אָן אַ געוויין און דאָ קאָן זי נישט וויינען. זי קאָן זיך גאָר נישט פאַרשטעלן, אַז דאָ אונטער דעם קליינעם עטוואָס־געבויגענעם שטיין ליגט איר טאַטע.

פון ערגעץ אַ וויטן עק פון בית־עלמין טראָגט זיך אַ ווייבערשער יאָמער, נאָך אַ העכערער און מער האַרץ־רייסנדיקער ווי דער מאַמעס, וואָס לעכערט די בית־עלמינדיקע שטילקייט.

אַן אַלטע יידענע מיט אַ מיטליאָריקער טאָכטער קומט־צו נישט וויט פון זיי. יענע שטעלן זיך אָפּ ביי אַ פרישן קבר נאָך אָן אַ מצבה. ביידע קוקן אויף דעם נאָך נישט פאַרוואָקסענעם בערגל ערד, הייבן די קעפּ צום הימל, מאַכן מיט די הענט און שרייען צו גאָט.

דער הימל איז גראָד זייער הויך און לויטער, וואַרעמע זון־שטראַלן טאַנצן אויף די קברים, וויקלען זיך, ווי גאָלדענע בענדער אַרום די מצבות.

זלאַטע שטייט אַ בלאַסע. זי איז דערשראָקן, ווי די ערד וואָלט געצי־טערט אונטער אירע פיס, נאָר זי ווייסט נישט פאַרוואָס זי שרעקט זיך. מיט אַ פאַרכטיקן ציטער האַלט זי איין דעם אָטעם, פונקט ווי זי וואָלט מורא געהאַט איינצואָטעמען די בית־עלמין לופט. פון דער מאַמעס מיטן ברודערס געוויינען איז איר שטאַרק טרויעריק און זי וויל וואָס גיכער פון דאָרט אַוועקגיין. כדי אויסצומיידן דער מאַמעס מיטן ברודערס פאַרוויינטע פּנימער, האַלט זי אין איין קוקן אויפן הימל, ווי זי וואָלט געזוכט פון דאָרט הילף זי זאָל שוין קאָנען אַהיימגיין. מיטאַמאָל האָט זי זיך צוגעטוליעט צו דער מאַמען, זיך איינגעדרייט אין איר קלייד און מיט אַ וויינענדיקן קול אָנגעהויבן:

— מאַמע, קום שוין אַהיים, איך וויל אַהיימגיין.

נאָר די מאַמע האָט זיך נישט גערירט. זי איז געלעגן אָנגעשפּאַרט, ווי זי וואָלט געוואָרן צוגעקלעפּט צום שטיין. נאָר ווען זי האָט דער־פילט, אַז עס לאָזן זיך איר אויס די כוחות, אַז עס פעלן איר אויס טרערן און זי קאָן שוין מער נישט שרייען, האָט זי שטיל און פּאַמעלעך אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אָפּגעווישט מיטן פאַרטעך דאָס פּנים און פאַר־ריכט דאָס שייטל. מיט שטילע טריט האָבן אַלע דריי פאַרלאָזט דאָס הייליקע אָרט.

# אין דער נייער היים

אויפן וועג צוריק פון גוטן אָרט גייט די מאַמע איינקויפן עפּעס אויף וועטשערע. דער ברודער דאַוונט מנחה, זלאַטע בלייבט אויפן באַלקאָן פון דער נייער היים. זי שאַרט זיך פּאַמעלעך לעבן דער אייזערנער פאַרזשאַווערטער, צעבויגענער פאַרצאַמונג. אירע קליינע, טונקלברוינע אויגן לאָזן זיך ווייט אַוועק איבער דער שטאָט, אויף די קלענערע שטיבלעך און גרויסע שווערע מויערן. פון יעדן פאַר־בייפאָרנדיקן פערד־און־וואָגן, דאַכט זיך איר, קרעכצט די האַרטע ערד אונטער די שטיינער. אויף מערב גליט נאָך אַ שטיקל הימל. ווי אַ ברענענדיקער פייער־פלאַם הינטער אַ זוים פון אַ העל־גרוילעכן וואָלקן לייכט זיך אַדורך אַ פלעמל פון דער פאַרגייענדיקער זון, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ אַלץ נידעריקער און נידעריקער. אַ קירכן־גלאָק לעכערט דורך די פאַרנאַכטיקע שטילקייט און פאַרטויבט דעם אויסגייענדיקן טאָג. פון ווייטנס שוואַרצן זיך שויבן, ווי בלינדע אויגן. אָוונט־שאָטנס קריכן אויף די ווענט, די טונקלקייט ווערט געדיכטער. ווי מיט אַ שלייער דעקט זי איין די שטאָט. די מויערן, דאַכט זיך, זענען געוואָרן נידעריקער, ווי איינגעשרומפּן, ווי זיי וואָלטן אַריינגעזונקען אין דער ערד.

דער שטאָט געררויש וועקט אין זלאַטען מאָדנע געפילן. זי ווייסט נישט צי דאָס זענען פרישע האָפענונגען, דער ציטער פון דערוואַרטן עפּעס נייעס, צי דאָס איז שרעק פאַר דער פרעמדקייט פון דער נייער סביבה. צי אפשר איז דאָס אַ בענקשאַפט נאָך דער היימישקייט פון דאָרף, פון וועלכן זי האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט אַוועק? זי ווייסט נאָר, עס ליגט אויף איר אַ שווערקייט. איר דאַכט זיך, אַז די מענטשן דאָ זענען גאָר אַנדערע ווי אין דאָרף און זי וועט זיך מיט זיי נישט פילן נאָענט און היימיש. זי זיפצט אָפּ שווער און אָטעמט אַריין מיט אַן אָפענעם מויל די קילע אָוונטדיקע לופט. די מאַמע זאַמט זיך, זי איז נאָך נישט צוריקגעקומען פון גאַס און זלאַטע וויל זי שוין זען.

דער באַלקאָן איז אַ לאַנגער, ציט זיך איבער דריי פענצטער מיט

צוויי טירן: איין פענצטער מיט אַ טיר פון זייער שטיבל און צוויי פענצטער מיט אַ טיר פון אַ צווייטער שטוב, וואו עס וואוינען די אַלטע טאַטע־מאַמע פון ר׳ סענדער זיסמאַן, דעם ווירט פון הויז.

זלאַטע שפּרייזט איבערן באַלקאָן הין און צוריק פון איין עק ביזן צווייטן. זי בליקט אַריין אין יענע פענצטער און אַז זי זעט דאָרט קיינעם נישט, בלייבט זי שטיין און פאַרקוקט זיך אויף דעם אַנטקעגנאיבערדיקן גאָר גרויסן מויער מיט די גרויע פעלזיקע ווענט, מיט די קליינטשיקע פיר־עקיקע פענצטערלעך. די פענצטערלעך זענען געדיכט איינס לעבן אַנדערן אויף אַלע פיר זייטן. דעם נידעריקן טייל מויער זעט זי נישט, ווייל ער איז אַרומגעצאַמט מיט אַ זייער הויכן געמויערטן פאַרקאַן. זי ווייסט נישט פאַרוואָס דער מויער איז אַנדערש פון אַלע אַנדערע מויערן. זי פאַרשטייט נישט, אַז דאָס איז אַ תפיסה.

אויפן הויף שפּילן זיך קינדער און מאַכן אַ סך טומל. אַ מיידל, ווי אין זלאַטעס יאָרן, קומט צו צו אירס אַ קליין שוועסטערל, נעמט זי אָן ווייך ביים הענטל, רעדט צו איר גוטע, ליבלעכע ווערטער און פירט זי אַריין אין דעם גרויסן פאַרנטדיקן מויער אַריין.

זלאַטע געדענקט גאָר נישט, אַז אירע עלטערע שוועסטער זאָלן זי אַמאָל האָבן געפירט ביי דער האַנט און אַזוי ווייך צו איר גערעדט.

אין דער זעלבער וואָך איז פון ר׳ סענדערס שנור, וואָס וואוינט אין דער גרויסער, פאַרנטדיקער געביידע, אַוועק דאָס דינסט־מיידל. איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט קומט־אַריין די אַלטיטשקע פון איבער דער וואַנט, זעצט זיך צו און זאָגט צו דער מאַמען:

— אפשר וועט אייער מיידל אַרויפגיין צו מיין אייניקל איבער די יום־טובים אַכטונג געבן אויף די צוויי קינדער, מיינע אוראייניקלעך?

זי רוקט אַריין בײדע הענט הינטערן פאַרטעך און וואַרט אויף אַן ענטפער.

זלאַטע זיצט לעבן אויוון, האַלט אויף די קני אַ קעסטעלע, אין וועלכן זי שיילט אַריין קאַרטאָפליעס. זי האָט באַלד געוואָלט אויסשרייען: „יאָ, יאָ, איך וועל גיין״, נאָר זי האַלט זיך איין, וואַרט די מאַמע זאָל דאָס זאָגן.

די מאַמע פעדימט אַ נאָדל, דערנאָך קוקט זי אויפן העמד, וואָס זי האַלט אין נייען, און שווייגט. זלאַטע וואַרפט אַריין די קאַרטאָפליע אין טעפּל, שטעלט אַראָפּ אין מיטן שטוב דאָס קעסטל, לויפט צו צו דער מאַמען, קוקט אויף איר און זאָגט:

— יאָ, מאַמע, איך וויל אַרויפגיין.

— גוט, — זאָגט די אַלטיטשקע, נישט וואַרטנדיק אויף דער מאַמעס וואָרט. — קאָנסט נאָך היינט אַרויפגיין, אויפן צווייטן שטאָק וואוינט זי, די טיר פון רעכטס.

זי רעדט שוין צו זלאַטען ווי צו אַ דערוואַקסענעם מענטשן.

דאָ האָט די מאַמע, נישט אויפהייבנדיק די אויגן פון העמד, זיך אָנגערופן:

— וואָס איז דאָס איילעניש? זי וועט אַרויפגיין מאָרגן.

אין זלאַטעס קאָפּ האָבן זיך אָנגעהויבן וויקלען פאַרשידענע געדאַנקען וועגן דער אומבאַקאַנטער אַרבעט, ניאַנטשען קינדער. זי שרעקט זיך פאַר דעם פרעמדן הויז, פאַר די אומבאַקאַנטע מענטשן. זי ווייסט גאָר נישט וואָס זי דאַרף דאָרט טאָן. זי וויל די באַלעבאָסטע זאָל זיין צופרידן פון איר אַרבעט, זי זאָל זי וועלן האַלטן אויפן ווינטער. אַז זי וועט בלייבן אויפן ווינטער, טראַכט זי, וועט זי פאַר דעם געלט, וואָס זי וועט פאַרדינען, זיך לערנען שרייבן און לייענען. זי איז שטאַרק מקנא די קינדער, וואָס גייען אין די שקאָלעס, טראָגן זיך מיט ביכער און קאָנען לייענען און שרייבן. זי איז שוין באַלד צוועלף יאָר אַלט און זי ווייסט נישט נאָך וואָס אַן אלף איז. זי האָט אַמאָל געהערט עמיצן זאָגן, אַז אין ביכער ווערט באַשריבן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, עס ווערן דערציילט אַלערליי סודות, שיינע און מיאוסע זאַכן פון מענטשן. דאָס רייצט זי שטאַרק: זי האָט אַזוי ליב אַלץ צו וויסן. די עלטערע קינדער האָבן זי דערפאַר פיינט, וואָס זי וויל אַלץ וויסן, הערט זיך אונטער וואָס זיי רעדן. זיי זאָגן, אַז זי וועט סיי־ווי־סיי קיינמאָל גאָרנישט פאַרשטיין, אָבער איר ציט שטאַרק צו לערנען. זי וויל גיין ניאַנטשען קינדער, טאָן וואָס עס זאָל נישט זיין, אַבי פאַרדינען צו קאָנען זיך לערנען שרייבן און לייענען.

— מאַך פייער, שטעל צו וועטשערע — זאָגט צו איר די מאַמע. נאָר זלאַטע הערט נישט וואָס מען רעדט צו איר.

ר׳ סענדערס אַלטע מוטער זיצט און פּלוידערט מיט דער מאַמען און זלאַטע לויפט אַרויס אויפן באַלקאָן. זי קוקט אַרויף אויפן צווייטן שטאָק צו די גרויסע פענצטער, וואוהין זי וועט מאָרגן אַרויפגיין אַרבעטן, ניאַנטשען צוויי אומבאַקאַנטע, פרעמדע קינדער. זי וועט דינען אַזוי ווי אירע ביידע עלטערע שוועסטער.

אויפן צווייטן שטאָק וויגן זיך פון אָפענעם לופטשיק ווייסע, טולענע פאָרהאַנגען. ביי די זייטן זעט זי, ווי עס טונקלען צוויי פאָסן גרינע פּלושענע פאָרטירן. דורך די פינקלענדיקע שויבן, דאַכט זיך איר,

שפּאַרט אַרויס אַ פרעמדע, אומהיימלעכע שווערקייט, וואָס לייגט זיך ווי אַ לאַסט אויף איר. אַ קאַלטער פאַרנאַכטיקער ווינט יאָגט מיט האַרבסטיקן ריח און בלאָזט אָן ווי אַ באַלון איר דין קרעטאָנען קליידל. אויפן דאַך קלאַפּן מאָנאָטאָן שטיקער אָפּגעריסענע בלעך. זלאַטען ווערט פון דעם קלאַפּן שטאַרק אומעטיק. עס גלוסט זיך איר אַזש וויינען.

די זון ליגט שוין גאָר נידעריק, כמעט ביי דער סאַמע ערד. דאָרט איז דער הימל רויט, ווי מיט בלוט פאַרגאָסן. די לעצטע פייערדיקע שטראַלן ציען זיך גלייך צו דער אַנטקעגנאיבערדיקער טורעמע און פאַרגיסן מיט פלאַמען די ריזיקע פעלזן־וואַנט. מחנות פייגל הייבן זיך פּלוצים אויף, פליען איבערן באַלקאָן, ווי זיי וואָלטן מיט אַמאָל זיך אַרויסגעלאָזט פון זייערע נעסטן. זיי הייבן זיך העכער און העכער, זיי זענען שוין ביי די ווייסע געקרייזלטע וואָלקנס. איין מחנה יאָגט זיך נאָך דער אַנדערער, ווי זיי וואָלטן וועלן איינע די צווייטע איבעריאָגן.

דער הימל הייבט־אָן צו ווערן טיפער און טונקעלער. אין די אונטערשטע פענצטער פון דעם גרויסן פאָרנטדיקן מויער איז מיט אַמאָל ליכטיק געוואָרן. די ליכטיקייט פונעם גרויסן בליצלאָמפּ האָט כמעט דעם גאַנצן הויף באַלויכטן. און ווען זלאַטע האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער ליכט, האָט זי אין איינעם פון די ליכטיקע פענצטער דערזען אַ בחורל פון אַ יאָר פופצן, וואָס האָט גלייך צו איר אויפן באַלקאָן אַרויפגעקוקט. פון דער אומגעריכטער באַגעגעניש מיט זיינע אויגן האָט זי זיך אַזש אַ צאַפּל געטאָן. זי האָט דאָס פון ווינט אויפגעבלאָזענע קליידל מיט די הענט צום לייב צוגעפּלאַטשט און פון דעם ליכטיקן פענצטער אָפּגעווענדט איר בליק. מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט ביי די זייטן איז זי געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך ווי אַ סטאַטוע. זי האָט אַליין נישט געוואוסט פאַרוואָס דאָס בלוט האָט איר אַ זעץ געטאָן אין פּנים אַריין, פאַר וואָס זי האָט זיך פאַרשעמט.

# II.

# אין דער פרעמד

# די ערשטע באַלעבאָסטע

**זלאַטע** האָט שטאַרק ליב קינדער, וועט זי אויף זיי גוט אַכטונג געבן, זי וועט זיך מיט זיי שפּילן, טראַכט זי צופרידן. זי וועט זיי דערציילן מעשהלעך, זיי זינגען לידלעך. זי קאָן אַ סך פּוילישע לידלעך.

זי פלעכט שטיף אירע צעפּלעך נאָכן אויסוואַשן דעם קאָפּ און ברומט שטיל אַ לידל. זי וויל זיין זיכער, צי זי געדענקט די ווערטער.

יענעם פרימאָרגן האָט זיך זלאַטען נישט געגלוסט צו עסן. די מאַמע דערלאַנגט איר אַ שיסעלע גריץ, גיט זי אַ מיש מיטן לעפל, פאַרזוכט און רוקט אָוועק דאָס שיסעלע. זי שטעלט זיך ביים פענצטער און קוקט אַרויס אויפן וואַיענעם פּלאַץ, וואו מען מושטירט זעלנער.

די באָבע פון איבער דער וואַנט גייט פאַרביי. זי דערזעט זלאַטען אין פענצטער, שפּאַרט זי אָפּ די טיר, רוקט אַריין דעם קאָפּ מיטן טשופּיקל, און זאָגט

— ביסט נאָך נישט אַרויפגעגאַנגען צו די קינדער? קום מיט מיר, איך גיי איצט טאַקע אַהין אַרויף.

זי שטעלט אַריבער אַ פוס איבער דער שוועל און נעמט אָן זלאַטען ביי דער האַנט. זלאַטע איז בלייך, עס קלאַפּט איר דאָס האַרץ שטאַרקער ווי געוויינלעך. עס שרעקט זי די פרעמדע שטוב מיט די אומבאַקאַנטע מענטשן און דאָס וואָס זי ווייסט נישט, וואָס זי וועט דאָרט דאַרפן טאָן, ווי אַזוי זי וועט אָנהייבן איר אַרבעט. שטיל, אָן ווערטער, שאַרט זי זיך אַרויס פון שטיבל, בשעת די מאַמע איז פאַרטאָן אין צושניידן אַ בלוזקע. זיי גייען פּאַמעלעך, די באָבע קוים וואָס זי קריכט אויף די טרעפּ. צוויי שטאָק איז פאַר איר אַ שווערער גאַנג. נאָר זלאַטען אַרט דאָס נישט. פאַרקערט, זי וואָלט וועלן דער וועג זאָל זיך ציען וואָס לענגער. די אַלטע עפנט די טיר און גייט אַריין אין קיך מיט היימישקייט. זלאַטע גייט איר נאָך שעמעוודיק. זי טרעט אַריבער די שוועל און בלייבט שטיין ביי דער וואַנט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם. אַז זי זעט קיינעם נישט אין קיך, קוקט זי זיך אַרום.

אין דער ברייט שטייט אַ קורץ בעט, ווי פאַר אַ קינד, פאַרשפּרייט מיט אַ ראָזען פּיקענעם צודעק. ביי דער וואַנט לענג אויס שטייען צוויי שענקלעך מיט געפעס. שפּעטער האָט זי אויסגעפונען, אַז איינס איז פאַר מילכיקע, דאָס אַנדערע פאַר פליישיקע כלים. אַנטקעגן איז אַ טיש מיט צוויי שטולן. אויף דער וואַנט איבערן טיש הענגען עטלעכע קופּערנע פּענדלעך. אין אַ זייט אויף דער גרויסער קאַכלענער קיך שטייט אַ פאַרלאָפענער, קענטיק לאַנג נישט געפּוצטער סאַמאָוואַר.

— הינדעלע, ביסט דאָ?! — שרייט מיט אַ הינעריש קעלכל די באָבע.

— איך בין דאָ, איך בין דאָ, וואו דען בין איך, אין דער ערד? — דערהערט זיך פון אַן אַנדער צימער אַן אויפגערעגטע שטימע.

די באָבע נעמט ווידער אַן זלאָטען ביי דער האַנט, גייט מיט איר איבער אַ פּלושענעם כאָדניק דורכן עס־צימער, וואָס פירט אין שלאָף־צימער אַריין. אין דער אָפענער טיר שטעלט זיך אַריין הינדעלע מיט אַ קינד אויף דער האַנט.

זי איז אַ נידעריקע, אַ פעטלעכע מיט אַן אַראָפּהענגענדיקן גוידער, ווי אַן אָנגעבלאָזענער פּענכער. אָנגעטאָן איז זי אין אַ ראָזעווער זיידענער נעגליזשע, אַ „מיטינקע", וואָס איז אין קאָליר ענלעך צו אירע ראָזעווע באַקן, באַפּוצט מיט ווייסע שפּיצן, וואָס גרייכן איר כמעט ביז צו די קני. אונטן טראָגט זי אַ גאָלד־קאָלירטע, זיידענע האַלקע, וואָס גלאַנצט נאָך מער ווי די מיטינקע. אַ בלוי זיידן טיכל אויפן קאָפּ פאַרדעקט איר דעם שמאָלן שטערן ביז צו די געדיכטע טונקעלע ברעמען. דאָס טיכל איז ביז איבער די אויערן פאַרבונדן אויף הינטן, אַז קיין איינציקע האָר זאָל זיך נישט אַרויסזען. איר פּנים איז רויט צעפלאַמט. דאָס קינד ציט זיך צו דער באָבען, וויל נישט איינזיצן ביי איר אויף די הענט.

— גיי, גיי — רעדט זי אויפגערעגט צום קינד און טראָגט עס אונ־טער דער באָבען. — זי האָט מיך שוין היינט פאַרמאַטערט.

— ס'איז דען פאַר מיינע כוחות זי צו האַלטן? — זאָגט די באָבע און נעמט אַרויס דאָס קינד פון אירע הענט. — אָט האָב איך דיר אַרויפגעבראַכט דאָס מיידל.

די אַלטע זאָגט דאָס מיט אַ טאָן פון אַן אויפטו און אַ טובה.

הינדעלע לאָזט אַראָפּ די הענט אויף אירע קיילעכדיקע ווייכע היפטן און קוקט אויף דער דאַרער, לאַנגער זלאָטען, וואָס זעט אויס עלטער ווי אירע קנאַפּע צוועלף יאָר. זי וואַרפט אומרואיק, נערוועז אירע קליינע גראָע אויגן אויפן מיידל, באַטראַכט זי פון קאָפּ ביז די פּיס.

זלאַטע פילט, אַז אַט ווערט איר קאַלט און אַט איז איר הייס. איר דאַכט זיך, אַז הינדעלע קוקט אויף איר מיט חוזק. זי לאָזט אַראָפּ די אויגן, קוקט אויף איר קרעטאָנענע קליידל פון וועלכן זי איז שוין אַרויס־געוואקסן, אויף אירע אָפּגעקראַכענע לייוועגטענע שיכלעך און פאַר־שעמט זיך פאַר איר הולך.

— ווער סט קאָנען אויסוואַשן אַביסל וועש? — פרעגט הינדעלע מיט אַ נישט־זיכערן טאָן.

זלאַטע, נאָך אַלץ האַלטנדיק אַראָפּגעלאָזט די אויגן, גיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף יאָ. זי דרייט אויס דעם קאָפּ אין דער זייט און דערזעט אין שפּיגל־שאַנק ווי איר פּנים איז בלאַס. זי פילט ווי דאָס האַרץ וואַרפט זיך אין איר און די פיס טרייסלען זיך. זי וואָלט שוין וועלן צוריק אַראָפּגיין צו דער מאַמען, אַנטלויפן פון דאַנען.

די באָבע דערלאַנגט זלאַטען דאָס קינד:

— נאָ, נעם זי, דאָס איז כּלענקע — שטעלט זי פאַר איר דאָס צען־חדשימדיקע קינד.

זלאַטע נעמט דאָס ביי איר צו און גייט צו מיטן קינד צום פענצטער. זי קאָן שוין מער נישט פאַרטראָגן הינדעלעס בליקן. דאָס קינד קוקט אויף זלאַטען מיט גרויסע פאַרטרערטע אויגן. ס'איז גרייט אַרויסצולאָזן אַ געוויין.

הינדעלע נעמט ביי איר אָפּ דאָס קינד און דערלאַנגט איר אַ בינטל שליסלען.

— דאָס לאַנגע שליסעלע — זאָגט זי — איז פון קעלער, וואו די קוילן ליגן. דאָס קורצע איז פון קעמערל מיטן האָלץ. נעם דעם קובעל, וואָס שטייט לעבן קוימען, און ברענג שנעל אַרויף קוילן מיט האָלץ. דער הער וועט שוין באַלד קומען אויף מיטאָג.

זלאַטע כאַפּט דעם פאַרשוואַרצטן קובעל, לויפט מיט אים ווי פון אַ שׂרפה אַראָפּ די טרעפּ אין קעלער אַריין. זי גייט פון איין טיר צו דער אַנדערער, ביז זי געפינט דעם שלאָס, וואו עס גייט אַריין דער לאַנ־גער שליסל, נאָר אויפשליסן קאָן זי נישט.

זי דרייט אַהין, אַהער, עס מאַכט זיך נישט אויף. דער שליסל רירט זיך נישט. זי ווערט אומרואיק, שאָקלט, און רייסט דעם שלאָס אויף אַלע זייטן. זי איז בייז אויף זיך, וואָס זי קאָן נישט אויפשליסן. זי איז שוין גרייט אָוועקצוגיין. זי וועט נעמען דאָס האָלץ און זיך איבערפרעגן צי דאָס איז דער ריכטיקער שליסל. נאָר זי בלייבט שטיין. דערנאָך פּראָ־בירט זי די אַנדערע שלעסער און גייט ווידער צו יענעם שלאָס. עס

ווילט זיך איר אַזש וויינען. דאָבע מיט באַשקען זענען געגרעכט: זי איז טאַקע אַ שלימעזאַלניצע. עס זשומען איר איצט אין קאָפּ די רייד פון אירע שוועסטער, אַז זי טויג צו גאָרנישט, קען אַ קאַץ אַן עק נישט פאַרבינדן. וואָס זאָל זי טאָן? אַוועקגיין מיטן ליידיקן קובעל? ניין, זי קאָן נישט אַרויפגיין אָן קוילן! זי גיט נאָך אַמאָל אַ שטעק אַריין דאָס שליסעלע, גיט עס אַ דריי מיט איר גאַנצן כוח. דאָס אויערל גיט אַ שפרונג אָפּ, דער שלאָס מאַכט זיך אויף. עס באַגיסט זי אַזש אַ שוויס. זי וואַרפט שנעל מיטביידע הענט די שטיקער קוילן אין קובעל אַריין און לויפט אויפן הויף צום קעמערל. דאָס שלעסל האָט זי באַלד אויפגעמאַכט. זי לייגט אָן אויף דער לינקער האַנט האָלץ, ביז צום האַלדז, דאָס לעצטע שטיקל האָלץ האַלט זי צו מיט דער גאָמבע, און מיט דער רעכטער האַנט פאַרשליסט זי דאָס קעמערל. זי כאַפּט דעם קובעל מיט די קוילן און לויפט אַרויף. לויפנדיק אויף די טרעפּ פילט זי, עס פאַרהאַלט זיך איר דער אָטעם. זי וואָלט געוואָלט כאָטש אויף אַ מינוט זיך אָפּרוען, נאָר זי שטעלט זיך נישט אָפּ. זי קאָן ביי זיך נישט פועלן זיך אָפּצורוען. „דער הער", דערמאָנט זי זיך, „וועט באַלד קומען אויף מיטאָג". דאָס מויל איז ביי איר אָפּן. די צונג פאַרטריקנט פון שווערן אָטעמען. זי פאַלט אַריין אין קיך אַ פאַרסאָפּעטע און גיט אַ וואָרף דאָס האָלץ פון אָרעם.

— וואו ביסטו דאָס פאַרפאַלן געוואָרן? ביי וועמען האָסטו אָפּגע־טראָטן? — צעשרייט זיך אויף איר הינדעלע. — כ'האָב געמיינט ביסט אַוועק וואו דו ביסט געבוירן געוואָרן, קיין איגאַן אפשר?

זי קוקט אויפן מיידל מיט אירע שפּיציקע גרוילעכע אויגן, ווי זי וואָלט זי אין עפּעס פאַרדעכטיקט. דערנאָך גיט זי אַ וויג דעם קאָפּ מיטן שווערן גוידער אַהין און צוריק, ווי איינער זאָגט: „איך האָב אַריינגע־קריגן די ריכטיקע מציאה", און לויפט צו צו דער קיך מאַכן פייער.

דער אַכט־יאָריקער יאַנוש איז געקומען פון שקאָלע, זיצט ער שוין ביים טיש און עסט מיטאָג. ער דערזעט זלאַטען, גיט ער זיך אַ גליטש אַראָפּ פון שטול, שפּאַרט אָן די לינקע האַנט אויפן שפּיץ טיש און שרייט מיט אַ קעלכל, ווי אַ האָן וואָלט געקרייט:

— מאַ־מו־שו, דאָס איז אונדזער נייע דינסט?

הינדעלע ענטפערט אים נישט. זי איז שטאַרק אויפגעבראַכט, וואָס זלאַטע האָט זיך צו לאַנג געזאַמט. דער מאַן וועט באַלד אָנקומען און זי האָט נאָך נישט צוגעשטעלט צו קאָכן. זי שאַרט גיך, גיך מיט אַן אייזנדל

דעם אַש אין קוימען, אײַלט זיך צו מאַכן פֿײַער. דאָס פֿלייש ליגט נאָך אויפֿן זאַלץ־ברעטל. דאָס לאָקשנברעט, אייער און מעל ליגן גרייט אויפֿן טיש, צו פֿאַרקנעטן לאָקשן. דאָס פֿײַער פֿלאַקערט שוין.

— עי, דו! — שרײַט יאַנוש צו זלאַטען — גיב מיר אַ טרונק וואַסער.

נאָר זלאַטע שטייט אין מיטן שטוב ווי אַ נאַר, ווייסט נישט וואָס פֿריער צו טאָן. זי איז צעטומלט. אַזאַ איז זי. ווען מען בייזערט זיך אויף איר, מען באַליידיקט זי, ווערט זי צעטומלט, ווייסט נישט וואָס צו טאָן און וואָס יענעם צו ענטפֿערן.

— וואָס שטייסטו ווי אַ ליימענער גולם?! — גיט הינדעלע אַ קוויטש מיט אַ זייטיקן קוק אויף איר.

— וואָס זאָל איך טאָן? — פֿרעגט דאָס מיידל אַ פֿאַרלוירענע, האַלב פֿאַרשעמט, האַלב דערשראָקן.

— זעסט נישט, ביסט בלינד? מען דאַרף אַרײַנלייגן קוילן אין קיך אַרײַן. ווילסט אפֿשר די מאַדאַם זאָל דאָס פֿאַר דיר טאָן? מען דאַרף אָפּגיסן דאָס פֿלייש, פֿאַרקנעטן לאָקשן, אָפּשאָבן די מייערן פֿאַרן צימעס. און דו שטייסט ווי אַ גלאָמפּ! — שרײַט זי.

ווי אַ פֿאַרזינדיקטע בייגט זיך זלאַטע אַראָפּ און נעמט לייגן שטיקלעך קוילן אויפֿן פֿײַער.

— די באָבע, זע איך, האָט מיר שוין געטאָן די אמתע טובה מיט דער מויד, אַזאַ יאָר אויף מײַן שוויגער מיט איר באַנדע — רעדט הינ־דעלע כמעט ווי צו זיך אַליין, — אַ כאַמישן קאָפּ, אַ פֿערד האָט זי מיר געבראַכט, איך זאָל אָוועקלייגן דאָס האַרץ לעבן איר.

און דאָס פּנים ווערט איר רויט ווי אַ בוריק.

זלאַטע וויל שוין ווידער אַראָפּלויפֿן צו דער מאַמען, אויסשיסן מיט אַ געוויין און מער אַהער נישט אַרויפֿקומען. זי זעט איין, אַז די גראָבע שאָשע, וואָס דינט ביי ר׳ סענדערן, איז גערעכט, וואָס זי האָט געזאָגט, אַז ביי הינדעלען קאָן זיך נישט דערהאַלטן קיין מיידל. זי באַהאַנדלט זיי ערגער ווי מען באַהאַנדלט אַ הונט. נאָר די פּאָר גילדן, וואָס עס שטייט איר פֿאַר צו פֿאַרדינען לאָזן זי נישט אַוועקגיין. די באָבע, ר׳ סענדערס מאַמע, האָט איר פֿאַרזיכערט, אַז זי וועט קריגן פֿאַר די פֿינף וואָכן ביז איבער די יום־טובים נישט ווייניקער, ווי צען גילדן, און אויב הינדעלע וועט זײַן פֿון איר צופֿרידן וועט זי איר אפֿשר געבן די גאַנצע צוויי רובל.

פֿאַר צוויי רובל, טראַכט זלאַטע, וועט זי האָבן צו צאָלן גאַנצע פֿיר

חדשים דעם רבין, וואָס קומט דריי מאָל אין וואָך צו ר׳ סענדערן אין הויז לערנען מיט די מיידלעך עברי און יידיש שרייבן. זי וויל זיך אַזוי שטאַרק אויסלערנען שרייבן און לייענען.

און אַזוי איז זלאַטע געוואָרן אַ דינסט ביי הינדעלען. זי האָט זיך ביסלעכווייז צוגעוואוינט צו הינדעלעס פירעכצן. אין דער פרי טראָגט זי אַריין אַ שיסל, אַ קרוג וואַסער, דאָס ציין־בערשטל, זייף מיט אַ האַנטוך אין שלאָפצימער, זי זאָל זיך דאָרט אַרומוואַשן ליגנדיק אין בעט. דערנאָך טראָגט זי איר אַריין דאָס גלאָז טיי מיט לימענע און שטעלט עס אַוועק אויף אַ שטול לעבן בעט. די טיי מוז זיין פינקטלעך מיט אַ מאָס אָנגעגאָסן. נישט צו בלאַס און נישט צו שטאַרק. אויב עס איז נישט אַקוראַט אַזוי ווי הינדעלע האָט ליב, מוז זי דאָס הייסע גלאָז טיי צוריק טראָגן אין קיך אַריין, בריען די הענט און אָפּגיסן אָדער צוגיסן. אַמאָל דאַרף זי עטלעכע מאָל גיין הין און צוריק, ביז זי טרעפט איר צו.

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן זאָגט הינדעלע צו איר: — נעם צוויי לעפעלעך קאַקאַאָ, דריי שטיקלעך צוקער, מיש אויס מיט אַ פערטל גלאָז הייסע וואַסער און קאָך דאָס איבער מיט אַ ביסל מילך עס זאָל זיין אַ פול גלאָז.

זלאַטע טוט פונקט ווי הינדעלע האָט איר געהייסן. זי פּאָרזוכט, עס איז טעם גן־עדן. זי זעצט זיך אַוועק און טרינקט, רוט זיך אָפּ פון איין זופּ צום אַנדערן, כדי לענגער צו פילן דעם גוטן מחיהדיקן טעם, און באַלעקט זיך נאָך יעדן זופּ.

הינדעלע, טראַכט זי, איז גאָר נישט אַזאַ שלעכטע ווי די גראָבע שאַשע באַרעדט זי. אָט האָט זי דאָך איר געגעבן אַזאַ גוטן געטראַנק צו טרינקען. דאָס מוז קאָסטן אַ סך געלט. זי איז צופרידן וואָס זי האָט זיך נישט געלאָזט אָנרעדן פון דער גראָבער שאַשען אַהער נישט אַרויפצוקומען. ווען וואָלט זי געוואוסט פון אַזאַ טייערן מאכל?

זי האָט אָפּגעטרונקען, אויסגעזויגן ביזן לעצטן טראָפּן און בלייבט זיצן אַ ווײַלע, פּאַסמאַקעוועט זיך מיטן גוטן נאָכטעם, לעקט די פּאַר־זיסטע ליפּן.

כעלענקע שלאָפט, קומט הינדעלע אַריין זייער שטיל. זי דערזעט דאָס ליידיקע גלאָז מיטן ליידיקן פענדל, בלייבט זי שטיין. — וואָס האָסטו געטאָן מיטן קאַקאַאָ? — גיט זי אַ קוויטש, גלייך ווי זי וואָלט פּלוצים דערזען עפּעס שרעקלעכס.

זלאַטען צינדט זיך אָן דאָס פּנים מיט די אויערן צוזאַמען. זי פילט

ווי דער שטערן ברענט איר אויך. עס ווערט איר שטאַרק הייס, זי פאַר־לירט דאָס לשון.

— האָסט נישט צעמישט דעם קאַקאַאָ, איז אוודאי געוואָרן קליסקעס, האָסטו דאָס אַרויסגעגאָסן?

זי טרייסלט מיטן שווערן קאָפּ און דער גוידער ווערט ביי איר לענגער, אויסגעצויגענער, אַזוי ווי דער כעס וואָלט זיך אַהין אַריינ־געגאָסן.

זלאַטען לויפט אָפּ דאָס בלוט פון פּנים. זי גיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף יאָ. דאָס איז עס טאַקע. ס'איז געוואָרן קליסקעס, זי האָט אויס־געגאָסן. און זי נעמט זיך אויסוואַשן דאָס פענדל מיטן גלאָז.

— גיי מאַך פון אַ כאַמישן קאָפּ אַ מענטש! — וואָרטשעט הינדעלע און נעמט זיך אַליין מאַכן פרישן קאַקאַאָ.

נאָר זלאַטען אַרט איצט גאָרנישט וואָס יענע רעדט, אַבי זי האָט איר אַליין געגעבן דעם געדאַנק ווי אַזוי אַרויסצוראַטעווען זיך פון איר טעות. זאָל זיין קליסקעס, זאָל זיין אַרויסגעגאָסן, ס'איז אַלץ בעסער ווי די מאַדאַם וואָלט געוואוסט דעם אמת. פונדעסטוועגן פאַרדריסט איר וואָס זי האָט געהאַט אַזאַ טעות. טאַקע אַ גלאָמפּ, טראַכט זי.

אַז הינדעלע גייט אַוועק פון הויז, זאָגט זי אָן דעם מיידל:

— אויב ס'וועט עמיצער קומען, זאָג די מאַדאַם איז נישטאָ, קומט ווען די מאַדאַם וועט זיין. דו ווייסט גאָרנישט אָן דער מאַדאַם. די מאַדאַם וועט זיין שפּעטער.

זי האָט שטאַרק ליב מען זאָל זי רופן מאַדאַם, כאָטש אַלע מינוט וואָלט זי דאָס געוואָלט הערן. און ווייל זי האָט דאָס אַזוי שטאַרק ליב צו הערן, האָט גראַד זלאַטע פיינט דאָס צו זאָגן. זי האָט דאָס וואָרט „מאַדאַם" כמעט אַזוי פיינט, ווי זי האָט פיינט ווען מען רופט זי „די דינסט", אָדער „די מויד". זי קאָן גאָרנישט פאַרשטיין פאַרוואָס מען רופט זי נישט ביים נאָמען. ספּעציעל הינטער די אויגן, זאָגט מען נישט אַנדערש נאָר די דינסט, די מויד.

דאָס וואָרט „באַלעבאָסטע" האָט זי אויך נישט ליב. מיידט זי אויס צו רופן הינדעלען מיט וועלכן עס איז טיטול. אַז יאַנוש רופט זי אָנשטאָט זלאַטע — שמאַטע, לאַטע, וואַטע, און הינדעלע מאַכט אים אויף דעם קיין שום באַמערקונג נישט, שטעכט דאָס איר ווי מיט שפּיזן. און אַז יאַנוש הייבט זיך מיט איר אָן רייצן, זיך איר נאָכקרימען, זי רופן מיט נישט קיין שיינע נעמען, מוז זי שווייגן. הינדעלע וויל נישט ליידן זי זאָל דעם יינגל אָפּענטפערן. אוי וואָלט זי אים דערלאַנגט, ווען זי ווייסט נישט

אַז די מאַמע זיינע האַלט מיט אים. דאָס איינציקע, וואָס זי קאָן אים אָפּטאָן, איז אָוועקדרייען זיך פון אים, זאָל ער רעדן צום לאָמפּ. און אַזוי טאַקע טוט זי. דעמאָלט גייט זי בעסער צו צו כעלענקען. דאָס קינד האָט זי שטאַרק ליב, כעלענקע האָט זי אויך ליב. אַז הינדעלע צעשרייט זיך אויף איר, גייט זי אויך צו צום קינד, שפּילט זיך מיט דעם ביז דער כעס גייט איר איבער. די קליינע האָט זי אַזוי ליב, אַז זי וויל ביי קיינעם נישט עסן, לאָזט זיך פון קיינעם נישט פאַרוויגן, נאָר פון זלאַטען.

זלאַטע האָט זיך שוין אויסגעלערנט צו טאָן אַזוי, ווי הינדעלע וויל. אַז זי רייבט אויס אַ שטיקל וועש, צעשאָקלט זי דאָס און באַקוקט עס פון אַלע זייטן. און אַז עס דאַכט זיך איר, ס'איז נאָך נישט אַזוי ווי הינדעלע האָט ליב, ווייקט זי דאָס ווידער איין און רייבט עס נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל אויס, אַבי הינדעלע זאָל עס מיט כעס נישט אַריינשליידערן צוריק אין דער באַליע, ווי זי האָט דאָס די ערשטע צייט געטאָן, און זיך צעשרייען: „ביסט בלינד? זעסט נישט וואו דו לאָזט איבער דעם שמוץ?" גיט זי שוין בעסער אַליין שטאַרק אַכטונג. זי האָט זייער פיינט, אַז מען הייסט איר איבערטאָן; אַז זי פוצט אָפּ די פּאַדלאָגעס, קאָן מען זיך אין זיי שפּיגלען.

— זלאַטע, — רעדט צו איר די מאַמע — עס גייט דאָך דיר אין דאָס פּנים. זאָג דיין באַלעבאָסטע, אַז דו האָסט זיך נישט באַדונגען צו פּוצן ביי איר פּאַדלאָגעס און וואַשן פעק וועש. ס'איז נישט פאַר דיינע כוחות. דו וועסט אָוועקפּטרן דאָס געזונט.

נאָר זלאַטע הערט זיך נישט צו צו דער מאַמעס רייד. זי טוט וואָס מען הייסט איר. און אַז הינדעלע געפינט נאָר נישט קיין חסרון אויף דעם אָפּגעטאָנענעם, אַרט איר נישט ווי שווער זי אַרבעט. אַז מען איז פון איר צופרידן, וואַקסט אין איר אַ זיכערקייט, אַ גלויבן, אַז זי איז נישט קיין שלימזל און איז שוין אויך מער נישט קיין קינד. דאָס שטאַרקט זי און זי קריגט ליב און ליבער די אַרבעט.

דאָס איינציקע וואָס זי האָט שטאַרק פיינט איז וואָס זי דאַרף יעדן איינדערפרי אַראָפּטראָגן דאָס מיסט. ס'איז נישט בלויז דער מיאוסער ריח, נאָר עס דאַכט זיך איר, אַז דאָס דערנידעריקט מען זי און זי ווערט פון דעם ביי זיך שטאַרק געפאַלן. דאָס ערגסטע איז, ווען זי באַגעגנט דעמאָלט דאָס בחורל, וואָס האָט יענעם פאַרנאַכט, איידער זי איז אָנגעקומען צו הינדעלען, צו איר אויפן באַלקאָן אַרויפגעקוקט. און וויפיל זי

באַמיט זיך אים נישט צו טרעפן מיטן מיסט אין די הענט, קאָן זי דאָס נישט אַלע מאָל אויסמיידן.

ווען ער טרעפט זי אָן אַנדערש מאָל, נישט מיטן מיסט, קוקט ער אויף איר, גלייך ער וואָלט זי שוין פון לאַנג געקענט. אַמאָל דאַכט זיך איר, אַז זיינע ליפּן באַוועגן זיך, אַז ער זאָגט איר שטיל אַ גוט מאָרגן, ער שמייכלט צו איר. און זי, אַ צופרידענע וואָס זי זעט אים, דרייט גאָר אַוועק איר בליק פון אים, ער זאָל נישט באַמערקן איר צופרידנקייט.

ווען זלאַטע גייט אַראָפּ אויפן הויף, לויפט זי כמעט שטענדיק אַרויף צו דער מאַמען זען וואָס זי טוט, צי עמיצער איז דאָ. דעם ברודער, לייזער, זעט זי זעלטן. ער גייט אַוועק אין דער פרי צו דער אַרבעט און קומט שפּעט ביינאַכט.

אין אַ מאַרק־טאָג ווילט זיך איר נאָר זיין ביי דער מאַמען. דעמאָלט קומען פויערטעס פון די דערפער, דער מאַמעס שטיבל איז אָנגעפילט מיט מענטשן און עס איז פריילעך. טייל ברענגען צו נייען, אַנדערע קומען אָפּנעמען דאָס אויפגענייטע און זלאַטע האָט ליב צו זען ווער עס קומט, וואָס מען ברענגט, וואָס מען נעמט אַרויס. זי האָט בכלל ליב צו זיין דאָרט, וואו עס זענען פאַראַן אַ סך מענטשן. טוט זי שנעל אָפּ איר אַרבעט, כדי זי זאָל קאָנען זיין מער ביי דער מאַמען.

איינמאָל אין אַ מאַרק טאָג האָט זי, אַדורכלויפנדיק דעם הויף, דורך די שפּאַרעס פון פּלויט דערזען באַלעקן. זי איז אַרויס אויפן גאַס און גענומען אים לויפן אַנטקעגן. ער האָט זי באַלד דערזען און פאַרהאַלטן אויף איר זיין בליק. זיין שטיפמאַמע מיטן טאַטן זענען געגאַנגען מיט אים, און ער האָט זיך נישט געקאָנט מיט איר אָפּשטעלן.

— אַט דאָ וואוינסטו? — האָט ער פאַרבייגייענדיק אַ זאָג געטאָן.

— יאָ, דאָרט אין דער אָפּיצינע — גיט זי אַ וויז מיט דער האַנט וואו די מאַמע וואוינט.

פון דעמאָלט אָן, כאָטש זי ווייסט, אַז באַלעק קומט זעלטן אין שטאָט אַריין, ווייל די טאַרקאָווסקעס נעמען אים מיט בלויז ווען זיי דאַרפן אים עפּעס קויפן, וואָס ער מוז אָנמעסטן. דאָך קוקט זי אַרויס אויף אים יעדן מאַרק־טאָג. עס דאַכט זיך איר אַלץ, אַז אָט־אָט וועט זי אים דערזען פונקט ווי דעמאָלט. אַלע ווײַלע זוכט זי אויס אַ תירוץ אַראָפּצוגיין און כאַפּט זיך דערווייל אַרויף צו דער מאַמען.

נאָר הינדעלע וויל דאָס נישט ליידן. אַז זי גייט אַראָפּ עפּעס אַרויפּ־ברענגען, וויל זי באַלד זען זי צוריק. און אַז זי פאַרזאַמט זיך, שרייט

די מאַדאַם אויף איר: — אַזאַ חוצפּה פון אַ מויד! ביי מיר עסט זי און זיצן זיצט זי גאַנצענע טעג ביי דער מאַמען!

הינדעלע קומט אַרויס פון גרויסע למדנים. דעם זיידן דערמאָנט זי נישט אַנדערש נאָר מיט אַ זכרונו לברכה און דער פאָטער אירער האָט סמיכה אויף רבנות, נאָר ער האָט בעסער אויסגעקליבן צו זיין אַ שוחט.

אַליין איז זי טאַקע אויך זייער אַ פרומע, דאַוונט אַלע טאָג, געטרויט נישט קיינעם ביי דער קיך, זאַלצט אַליין דאָס פליש. יעדן פרייטיק צונאַכטס גייט זי אין יידישן שפּיטאָל, טראָגט אַהין יויך מיט פלעצע־לעך. זי טיילט דאָס אַליין אויס צו די קראַנקע, כדי די מצוה זאָל זיין אַ גרעסערע. זי גיט אַ סך צדקה און אין שול איז זי אַלע מאָל אויף עפּעס מנדר.

נאָר מיטן מאַן אירן איז זי נעבעך אַריינגעפאַלן.

„ווער זאָל זיך דאָס ריכטן, אַז אַ בחור ווי פּנחס, וואָס האָט ביז ניינצן יאָר געלערנט תורה, זאָל אינגאַנצן זיין אויסגעטון פון יידיש־קייט!״, באַקלאָגט זי זיך נישט איינמאָל פאַר דער מילך־יידענע און פאַר דער יידענע, וואָס ברענגט איר פליש מיט פיש.

די גאַנצע ניין יאָר זינט זי האָט מיט פּנחסן חתונה געהאַט, הערט זי נישט אויף פאַרן שלאָפן גיין אַוועקצולייגן אויפן טיש, וואו פּנחס עסט, דעם טלית און תפילין. אַמאָל לאָזט זי דעם טלית ליגן אין בלויען, סאַמעטענעם זעקל מיטן אויסגענייטן גאָלדענעם מגן דוד. אַמאָל נעמט זי אַרויס דעם טלית און שפּרייט אים אויס איבער דער גאַנצער לענג פון טיש. זי האָפט נאָך אַלץ, אַז ווען ער וועט זען דעם טלית פאַר די אויגן, וועט ער אפשר אים פאַרט אָנטאָן, כאָטש אָנמעסטן אויף זיך און נעמען דאַווענען.

נאָר פּנחס רוקט אים אַוועק יעדן פרימאָרגן אין אַ זייט, טרינקט אָפּ די טיי און גייט אַוועק אין זיין פאָטערס ציגעלניע, וואו ער גיט אַכטונג אויף די אַרבעטער, פאַרשרייבט ווי לאַנג איינער אַרבעט און וואָס עס ווערט פאַרקויפט.

אין אַ שבת־צו־נאַכט, ווען פּנחס גייט אַרויף אין „הזמיר״ און טאַנצט דאָרט מיט מיידלעך, צינדט הינדעלע אָן ליכט און זעצט זיך אַוועק זאָגן תהילים. זי זאָגט הויך מיט אַ צעוויינטן טרויעריק קול, ווי מען זאָגט קינות. אָפטמאָל וויינט זי טאַקע מיט ביטערע טרערן. און זי הערט נישט אויף זאָגן ביז ער קומט אַהיים אין מיטן נאַכט. ערשט אַז ער פאַרשליסט די טיר און דערזעט זי זיצן ביי די ברענענדיקע ליכט מיט פאַרוויינטע אויגן, פאַרמאַכט זי דאָס תהילימל, לעשט אויס די ליכט און הייבט

אַז שעלטן זיין טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן אויסגעהאָדעוועט אַזאַ זון. פאַר וואָס האָט זי גאָט געשטראָפט מיט אַזאַ מאַן?

נאָר זייער זעלטן אַז פנחס ענטפערט איר, ער מאַכט זיך נישט־וויסנדיק, ווי נישט אים מיינט זי.

„אפשר אַ גט און אַ סוף זאָל נעמען צו די צרות", טראַכט זי דע־מאָלט. מיט אַזאַ מאַן טאָר אַ יידישע טאָכטער נישט וואוינען. פאַרוואָס איז זי יענעם זומער, ווען זי איז געווען ביי אירע עלטערן (יאַנוש איז דעמאָלט אַלט געווען בלויז אַ יאָר), דאָרט נישט פאַרבליבן? זי ווייסט נישט וועלכער טייוול עס האָט זי געצויגן צוריק צו קומען צו אים. עס האָט זיך איר נאָר אויסגעוויזן, אַז אָן אים וועט זי נישט קאָנען לעבן.

אַבי מען זאָגט, טראַכט זי, אַז אַ ווייב קאָן מאַכן אַ מאַן זאָל זיין גוט און פרום. שוין דאָס צענטע יאָר ווי זי פּרובירט פון אים מאַכן אַ פרומען יידן און עס גייט נישט. „נישט אַנדערש, גאָט האָט אויף מיר אָראָפּגעשיקט זיין שטראָף, מיך פאַרשאָלטן", רעדט זי צו זיך דורך טרערן און זיפצן, וואָס רייסן זיך פון איר אַרויס אין שלאָפלאָזע נעכט.

וויפיל מאָל זי האָט שוין באַשלאָסן זי זאָל אַוועק פון אים, אַוועק צו אירע עלטערן און פאָדערן פון אים אַ גט, קאָן זי ביי זיך אַלץ נישט פועלן פון אים זיך אָוועקצורייסן, גלייך ווי ער וואָלט איר אַ כישוף אָפּגעטאָן. אַמאָל דאַכט זיך איר, אַז ער איז צו איר זייער אַ גוטער מאַן. ער האָט זי נאָך קיינמאָל נישט באַליידיקט, קיין קרום וואָרט איר נישט געזאָגט. אָפּטמאָל פאַרדריסט איר גאָר אויף זיין גוטסקייט. זי וואָלט וועלן ער זאָל איר דווקא אָפּענטפערן אויף אירע טענות, וואָלט איר געווען גרינגער צו מאַכן אַ סוף צו זייער צוזאַמענלעבן. אַזוי איז איר שווער, זייער שווער.

ווען זי קומט צוריק פון מקווה וואו ווייבער גייען אַלע חודש, פאַר־געסט זי אין זיין נישט־פרומקייט. דעמאָלט זעט זי זיין פול קיילעכדיק פנים מיט די ראָזעווע באַקן, ווי די שכינה וואָלט אויף אים גערוט. זיינע ברייטע פּלייצעס, דאַכט זיך איר, זענען נאָך ברייטער געוואָרן, זיין הויכער וואוקס ווערט נאָך העכער אין אירע אויגן. איר דאַכט זיך, אַז ער איז פול מיט גוטסקייט און זי איז אים דעמאָלט אַלץ מוחל. זי ווערט אים אונטערטעניק, מאַכט פאַר אים זיינע באַליבטע מאכלים, רעדט צו אים ווייכע גוטע רייד, וואָס קלינגען ווי אַ געבעט, ער זאָל איר מוחל זיין פאַר אירע זינד. און ער, ווי אַלע מאָל, נאָכן אָוונט־מאָל־צייט, ציט זיך אויס אין זיין פולער לענג אויף דער פלושענער, ווייכער סאָפע און נעמט לייענען אַ צייטונג אָדער אַ בוך.

און ווייל ער פירט זיך אַזוי, איז זי דערפאַר איר שוויגער דינצע מיטן שווער אירן קיין גוטער פריינט נישט. אַ שטיק צוליב דעם האָט זי שוין די אַנדערע קינדער פון גרויס ביז קליין אויך פיינט. צוועלף קינדער איז ביי זיי פאַרבליבן. געווען זענען זיי פערצן. זיבן זין מיט זיבן טעכטער, נאָר צוויי מיידלעך זענען אָפּגעשטאָרבן. פּנחס איז פון אַלע זין און טעכטער דער עלטסטער.

„אַז ער, דער סאַמע עלטסטער, איז אַזוי אַראָפּ פון יידישן וועג", טענהט הינדעלע ביי די קריגערייען מיטן שווער און שוויגער, „איז וואָס קאָן מען שוין דערוואַרטן פון די יינגערע? אַזעלכע דאַרפן גאָר נישט געבוירן ווערן, און אַז זיי ווערן געבוירן, איז אַ שאָד וואָס זיי וואַקסן אויף, וואָס זיי לעבן אויף דער וועלט!"

זי וויל קיינעם פון זיי דערפאַר נישט אָנקוקן. זי לאָזט זיי נישט איבערטרעטן איר שוועל. אַפילו די קלענערע, זעקס־אַכט־יאָריקע קינדער, וואָס קומען אַמאָל אַרויפצולויפן זיך אַ שפּיל טאָן מיט בעלענקען, לאָזט זי נישט אַריין אין איר הויז. אַז זיי כאַפּן זיך אַמאָל אַריין בגנבה, וואַרפט זי זיי באַלד אַרויס. ווען זיי לויפן שוין אַראָפּ פון די טרעפּ, שרייט זי זיי אַלץ נאָך:

— זאָלסט מער אין מיין שטוב זיך נישט ווייזן. כ'וועל דיר הענט און פיס צעברעכן, אַז דו וועסט נאָך אַמאָל אַרויפקומען.

די קליינע בעלענקע הייבט אָן וויינען אין אַזעלכע מאָמענטן. זי וויינט אי דערפאַר וואָס זי דערשרעקט זיך פון דער מאַמעס געשרייען, אי דערפאַר וואָס די קינדער לויפן אַוועק אין מיטן שפּילן זיך מיט איר.

די איינציקע, וואָס דערשרעקט זיך נישט פאַר הינדעלעס געשרייען, הערט זי ווי די קאָץ און פאַרהאַלט זיך שפּילן מיטן קינד ווי לאַנג עס גלוסט זיך איר, איז פּנחסעס שוועסטערל, רבקה, אַ מיידל אַביסל עלטער פון זלאַטען, נאָר אַביסל קלענער געוואַקסן.

רבקה איז אַ מויד אַ ברען. זי קען זיך קעגנשטעלן, אָפּענטפערן. ווען הינדעלע וואָגט לייגן אויף איר אַ האַנט, ווייסט זי, אַז רבקה וועט איר נישט פאַרשווייגן, זי וועט דערלאַנגען צוריק. דאָס זאָגן אויס אירע ברענענדיקע אויגן מיט אירע שוואַרצע געקרייזלטע האָר.

די אַנדערע קינדער אין הויז האָבן זי צוליב דעם, וואָס זי דערלאַנגט צוריק, נישט ליב, נאָר איר אַרט דאָס נישט. זי אַמפּערט זיך פאַר דעם וואָס זי וויל ביז זי קריגט דאָס. מיט יאַנושן קומט זי אויך נישט אויס. נישט איינמאָל גיבן זיי זיך אַ שטורך איינע דעם אַנדערן. אַפילו ווען ער שרייט שוין „מאַמעשי", רופט די מאַמע צו הילף, לויפט זי נישט

אַוועק, נאָר שטייט קעגן אים, ווי אַ האָן קעגן אַ האָן, ביז ער רוקט זיך אָפּ.

רבקה האָט זייער ליב קליינע קינדער. קומט זי כמעט אַלע טאָג אַרויף זיך שפּילן מיט כעלענקען, און יעדעס מאָל ברענגט זי עפּעס דעם קינד: אַ צוקערקע, אַ קיכעלע אָדער אַ שפּילעכל, וואָס זי קויפט פאַר די פּאָר גראָשן, וואָס די מאַמע גיט איר אויף נאַשעריי. זינט זלאַטע איז אַהין אַנגעקומען, פאַרפעלט זי נישט יעדעס מאָל זלאַטען אויך עפּעס געבן. רבקה רופט זי זלאַטקע און אַמאָל גאָר זלאַטעלע. דאָס ערשטע מאָל, דאַכט זיך זלאַטען, הערט זי פאַרציִען איר נאָמען. עס דאַכט זיך איר אויך אַז רבקה רעדט צו איר כמעט מיט אַזאַ ליבשאַפט, ווי זי רעדט צו כעלענקען — און אין זלאַטען גייט אויף אַ וואונדערלעכער געפיל. זי טוט גאָר מיט מער פליסיקייט איר אַרבעט און עס וואַקסט אין איר נאָך מער דער חשק צו זען אָפטער רבקהן.

הינדעלע האָט רבקהן נאָך מער פיינט, ווי די אַנדערע קינדער. זי זאָגט, אַז רבקה וואַקסט דאָס ערגסטע אויף דער וועלט, אַ סימן: זי חברט זיך מיטן שוסטערס קינדער פון אַנטקעגנאיבער. און אין די שפּי־לערייען אויפן הויף שלעפּט זי אַריין דעם סטרוזשס קינדער. איצט ווערט זי שוין אַ שמעלקע מיט זלאַטען, וויל זי איבערפירן. יאָגט זי דערפאַר רבקהן פון שטוב. נאָר רבקה, ווי נישט זי מיינט מען, בלייבט אין שטוב. און אַז הינדעלע דרייט זיך אויס, ווייזט זי איר אַ צונג און שפּילט זיך ווייטער מיט כעלענקען. אין זלאַטען קוועלט דאָס האַרץ, וואָס רבקה רעכנט זיך אָפּ מיט איר באַלעבאָסטע.

ערב יום טוב נעמט הינדעלע מיט די דינסט אין מאַרק אַריין איינ־צוקויפן. אַז זי האָט אָנגעפילט צוויי קוישן מיט גרינסן און מיט פרוכטן, זאָגט זי צו זלאַטען:

— דו גיי אַהיים, די אַנדערע זאַכן, וואָס איך דאַרף נאָך איינקויפן, וועל איך שוין אַליין ברענגען.

זלאַטע שלעפּט מיט ביידע הענט די שווערע קוישן, קוים וואָס זי גייט. זי מוז זיך אַלע מאָל אָפּרוען. זי קוקט אויף די עפּל מיט די רויטע בעקעלעך און די גרויסע, שיינע באַרנעס, וואָס שיינען אַרויס פון די קוישן. דער געשמאַקער אויבסט־ריח רייצט זי, עס וואַסערט איר דאָס מויל. עס וויל זיך איר עפּעס נעמען, כאָטש אַ קליין עפּעלע אויפעסן. זי האָט אַזוי ליב פרוכטן, נאָר זי טוט אַ כאַפּ די קוישן און גייט ווייטער. ווען זי רוט זיך אָפּ נאָכאַמאָל, ציט איר ווידער צו נעמען עפּעס. זי נעמט אַרויס אַן עפּל, באַקוקט אים פון אַלע זייטן. זי לייגט אים צו צו דער נאָז, ציט לאַנג דעם אָטעם און לייגט אים צוריק אַוועק. זי פּרובירט גיין

גיך. זי איז שוין באַלד לעבן הויז. זי מוז זיך אָבער ווידער אָפּרוען איידער זי גייט אַרויף. אין אַנדערן קויש ליגט פון אויבן־אויף אַ געלע באַרנע. נישט קיין גרויסע, דאַכט זיך די סאַמע קלענסטע. לעבן עקעלע איז אַ שטיקל הויט אָפּגעריבן, רינגט פון איר דער זאַפט. זלאַטען דאַכט זיך אַז די באַרנע בעט זיך ממש ביי איר: „נעם בייס אַריין די ציין, וועסטו וויסן וואָס פאַר אַ גוטן טעם איך האָב". זי וויל זיך שוין אַראָפּבייגן און נע־מען די באַרנע, נאָר עס גיט איר פּלוצים אַ שלאָג אַ געדאַנק: אפשר האָט הינדעלע אומיסטן אַוועקגעלייגט פון אויבן די אָפּגעריבענע באַרנע פאַר אַ סימן, כדי אויסצופּרובירן איר ערלעכקייט? נאָר דער נסיון איז צו גרויס און זלאַטע קאָן אים מער נישט ביישטיין. זי ציט אויס די האַנט, קוקט זיך אַרום צי קיינער זעט נישט. דאָס האַרץ צאַפּלט זיך אין איר. זי עפנט ברייט דאָס מויל, בייסט אייַן די באַרנע, דער זאַפט גיט אַ שפּריץ, פאַרגיסט איר די גאָמבע. פּלוצים, ווי פון דער ערד אַרויס, וואַקסט אויס הינדעלע צוויי טריט הינטער איר. זי וואַרפט שנעל אַוועק די באַרנע, גיט מיט דער האַנט אַ וויש דאָס מויל, כאַפּט ביידע קוישן און הייבט אָן גיין. די פּיס טרייסלען זיך איר, זי ציטערט. דאָ ווערט זי שוין, טראַכט זי, כאַפּן דעם אמתן פּסק. נאָר הינדעלע האָט, ווייזט אויס, גאָרנישט באַמערקט. זי האָט איר וועגן דער באַרנע קיין וואָרט נישט געזאָגט.

פון דעמאָלט אָן האָט זלאַטע שוין קיין שום זאַך אַליין נישט אָנ־גערירט. אַפילו קיין שטיקל ברויט האָט זי אַליין זיך נישט גענומען.

די אַלטיטשקע באָבע האָט שוין אַ פּאָר מאָל דערציילט סימען, ווי אַזוי די קליינע כעלענקע קלעפּט צו זלאַטען און ווי שטאַרק הינדעלע איז פון איר צופרידן. דאָס גיט זי אָן אַנצוהערעניש, אַז מען וויל זי דאָרט ווייטער האַלטן אויפן ווינטער. נאָר זלאַטע האָט שוין געבעטן די מילך־יידענע זי זאָל איר שאַפן אַן אַנדער אָרט. דאָ, זאָגט זי, וויל זי פאַר קיין שום געלט נישט בלייבן.

— דו ווייסט, — זאָגט צו איר איינמאָל די באָבע ביי דער מאַמען אין שטוב, — הינדעלע האָט מיר געזאָגט, אַז אַנדער מיידל צאָלט זי צוועלף רובל, דיר וועט זי געבן פופצן פאַרן זמן, און אַז זי וועט ווייטער פון דיר זיין צופרידן, וועט זי אויף פּסח, מען זאָל דערלעבן מיט געזונט, דיר נאָך געבן אַ שיינע מתנה, אפשר וואָלנס אויף אַ קליידל.

— איך זוך אַן אַנדער אָרט — ענטפערט איר זלאַטע שטיל און קוקט אויפן נאָר־וואָס שטייף פאַרפלאָכטענעם צאָפּ.

— פאַרוואָס ? — פרעגט די באָבע מיט געבעט — האָסט דען חלילה דאָ נישט גענוג צו עסען ?

— ניין, — זאָגט זי און פלעכט איבער דעם צאָפּ. — נישט אין עסן גייט עס.

— וואָס־זשע דען ווילסטו ?

—איך וויל גאָרנישט. איך וויל נישט מ׳זאָל אויף מיר שרייען און צו מיר רעדן, ווי מ׳רעדט צו אַ קאַץ.

זי האָט נערוועז געשלעפּט דעם צאָפּ צום מויל, געביסן די שפּיץ האָר און מיט אַלע כוחות איינגעהאַלטן די טרערן, וואָס האָבן זי גע־וואָרגן אין האַלדז.

# די שוועסטער ווערט אַ כלה

**אַ גרויער,** וואַסערדיקער הימל נידערט איבער די הייזער און פאַרטונקלט די שטאָט. עס גייט אַ דריבנע רעגנדל, נעצט די גאַסן, ווייקט די דעכער מיט די ווענט פון הייזער. די דינע, שטעכיקע טראָפּנס קלאַפּן מיט פּראַסטיקער קאַלטקייט אין די פענצטער. דורך די פאַרטרערטע שויבן קוקט אַריין דער פאַרוויינטער האַרבסט, זאָגט אָן אַז דער ווינטער איז ביי דער שוועל.

דער קלאָגעדיקער דרויסן דערמאָנט סימען, אַז זי מיט זלאַטען האָבן נישט קיין גאַנצע שיך, קיין וואַרעמען בגד, אַז זי האָט נאָך נישט אָנגעגרייט קיין שטיקל האָלץ, קיין קאַרטאָפליעס אויפן ווינטער. אָט־אָט וועלן אָנקומען די גרויסע פרעסט, די שנייען מיט זאַווערוכעס. די מערק וועלן זיין ליידיק, עס וועט באַלד זיין שווער עפּעס צו קריגן, און אין שטוב וועט דאָס וואַסער פאַרפרוירן ווערן אַזוי ווי פאַר־אַ־יאָרן. עס וועט נישט זיין מיט וואָס איינצוהייצן דעם אויוון, מיט וואָס אַ לעפל עסן אָפּצוקאָכן.

גייט אַרום די מאַמע מיט אַ שווער געמיט, זיפצט, שרעקט זיך פאַר דער אָנקומענדיקער קעלט. זי הייבט די אויגן צום הימל, בעט ביי גאָט ער זאָל כאָטש שענקען דאָס געזונט, געבן איר כוח איבער־צוקומען דעם ווינטער.

אַחוץ דער זאָרג פאַר פּרנסה, האָט זי נאָך אַ פאַרדרייטן קאָפּ מיט די צוויי דערוואַקסענע קינדער.

דאָס עלטסטע מיידל אירס, דאָבע, שטייט אין שידוכים. צום דריטן מאָל פאַרט זי שוין קיין וואַרשע, אַלע מאָל באַפעלט מען זי זאָל קומען. דאָ, לאָזט מען איר וויסן, האַלט עס פאַר אַ זעאונג. דאָ איז שוין נאָך אַ זעאונג. שוין עטלעכע מאָל האָט עס געהאַלטן אָט־אָט ביים שליסן דעם שידוך. סימע האָט געגומען דעם לעצטן רובל, האָט געלייגט הוצאות, זיך אָפּגעזאָמט עטלעכע טעג אין וואַרשע. צום סוף האָט די כלה חרטה געהאָט און עס איז געוואָרן אויס שידוך.

דאָבען איז אַלץ שווער זיך צוצופּאַסן אַ חתן. זי איז אַ שיין מיידל מיט גרויסע שמייכלענדיקע אויגן. אַלע זאָגן איר, אַז זי איז אַ קלוגע אויך. האָט זי דערפאַלג ביי בחורים. קיין בעלנים פון די פּראָסטע יינגלעך, וואָס זענען גרייט צו נעמען אַ דינסטמיידל, פעלן איר נישט. אָבער זי איז איבערקלייבעריש. נישט ווייל זי גרויסט זיך קעגן זיי. אַ דינסטמיידל, מיט וואָס קאָן זי זיך גרויסן? נאָר ווייל איינער אַ שערער, וואָס לערנט זיך צו ווערן אַ פעלדשער, אַרבעט לעבן טויער, וואו זי דינט. ווען ער זעט זי דורכן פענצטער, קוקט ער איר נאָך. ווען ער איז נישט פאַרנומען מיט שערן, גייט ער אַרויס, שטעלט זי אָפּ. — וואָס איילט איר זיך? — פרעגט ער זי. אַמאָל, ווען דער הימל איז לויטער, רייסט ער אַרויף דעם קאָפּ, גיט אַ קוק אַרויף, לאָזט באַלד אַראָפּ אויף איר זיינע שמייכלענדיקע אויגן און זאָגט: — אַ זעלטן שיינער טאָג היינט. — און ווען ס'איז נישט שיין, פרעגט ער: — וואוהין לויפט איר אין אַזאַ וועטער? — און פרובירט פאַרפירן מיט איר אַ שמועס. ער פרעגט זי, צי זי גייט אָפט אין טעאַטער, צי זי האָט געזען די לעצטע פאַרשטעלונג. עטלעכע מאָל האָט ער זיך מיט איר אַפילו באַשטעלט צו טרעפן אין זאַקסישן גאָרטן און האָט מיט איר דאָרט לאַנג שפּאַצירט. ער האָט איר שוין אַ פּאָר מאָל פאַרגעלייגט, אַז ער וויל זי לערנען שרייבן און לייענען פּויליש. אָבער זי זוכט אַלץ פאַרשידענע תירוצים, זי שעמט זיך ביי אים נעמען לעקציעס.

דאָבע האָט זיך אַ סך אָנגעהערט, זייענדיק אין וואַרשע, וועגן דעם וואָס אַזעלכע יונגעלייט טוען מיט דינסטמיידלעך, האָט זי מורא און האַלט זיך מיט אים פון דער ווייטנס. ער רעדט אָבער צו איר אַזוי איידל און באַנעמט זיך אַזוי לייטיש, אַז זי טראַכט אפשר איז ער אויף אַן אמת אין איר פאַרליבט? זי איז שטאַרק אומצופרידן דאָ מיט איר שטעלע, נאָר דאָס וואָס ס'ציט זי אים צו זען, לאָזט איר נישט אַוועקגיין פון דאַנען. אין דעם הויך־געוואַקסענעם בלאָנדן בחור מיט די גרויע גוטמוטיקע אויגן זעט זי אַלע מעלות. ער איז אי שיין, אי קלוג, אי פיין, אי גוט און דאָך האָט זי פאַר אים מורא. זי האָט מורא, ער איז פאַר איר צו געלערנט. זי טראַכט: „איך בין נישט זיין גלייכן. ווי קום איך, אַ דינסטמיידל, צו האָבן אַ פעלדשער פאַר אַ מאַן? ניין, ער איז נישט פאַר מיר און איך בין נישט פאַר אים. קיין גוטס פון אַזעלכע שידוכים קומט נישט אַרויס". פּרוּווט זי זיך איינרעדן. אָט דערפאַר וויל זי אויסמיידן מיט אים זיך צו טרעפן, נאָר עס האַלט זי אין איין ציען צו אים.

אַ סך מאָל דאַרף זי גאָר נישט אַראָפּגיין אין גאַס, זי האָט אַ סך אַרבעט, נאָר זי זוכט אויס אַ תירוץ צו גיין עפּעס קויפן, כדי אַ קוק צו געבן אויפן שערער, ער זאָל זי אַ רוף טאָן, זי פאַרטשעפּען מיט אַ וואָרט. אַמאָל, אַז ער זעט זי און מאַכט זיך נישט ווויסנדיק, פאַר־דריסט דאָס איר ביז גאָר. עס לאָזט זי נישט רוען, ביז ער קומט ווידער אַמאָל אַרויס און הייבט אָן מיט איר צו רעדן.

נאָך יעדער זעאונג, וואָס זי מאַכט מיט אַ בחור, וויל זי נאָר זען ביי אים די מעלות, וואָס זי זעט ביי דעם בלאָנד־האָריקן שערער, וועלכער שפּאַרט אַ גראָשן צו אַ גראָשן פון זיינע מאַגערע פאַרדינסטן און פאַרנעמט זיך מיט איינגעשפּאַרטקייט צו ווערן אַ פעלדשער. אין אירע אויגן איז קיינער פון די אַנדערע בחורים צו אים נישט גלייך. און דעריבער איז איר שווער צו באַשליסן וועמען זי זאָל נעמען.

די מאַמע קאָן גאָר נישט פאַרשטיין פאַר וואָס זי איז אַזוי איבער־קלייבעריש, זוכט אויס אויף יעדן איינעם חסרונות. אַ חוץ דעם איז דער מאַמען אונטערגעקומען נאָך אַ שווערע זאָרג. דער עלטערער זון פוליע דאַרף אין אַ קנאַפּ יאָר אַרום זיך צושטעלן צום מיליטער־דינסט. קיין חסרון האָט ער נישט, וועט מען אים זיכער צונעמען פאַר אַ זעלנער. האָט ער מיטאַמאָל באַשלאָסן, אַז ער וויל נישט גיין דינען דעם קייסער און איידער די צייט לויפט אַריבער, וויל ער בעסער אַוועק־פאָרן קיין אַמעריקע. ער האָט אָבער נישט קיין גראָשן אויף דער הוצאה, מוז דאָבע, וואָס האָט מיט גרויס מי און מאַטערניש אָפּגעשפּאָרט הונ־דערט רובל אויף נדן, געבן אַ העלפט פון דעם געלט דעם ברודער, ער זאָל האָבן צושטייער אויף דער רייזע.

ווייסט נישט די מאַמע פאַר וואָס פריער זיך צו זאָרגן. זלאַטע מיט אירע נאַרישקייטן, וואָס זי וויל דווקא ווידער קריגן אַן אָרט, זי זאָל קאָנען אין די אָוונטן זיך לערנען, ליגט איר שוין גאָר נישט אין זינען. ענדלעך האָט זיך זלאַטע אָבער פאַרט באַדונגען אויף אַן אָרט, ווידער ביי אַ קליין קינד. נאָר דאָ זענען געווען צוויי באַלעבאָסטעס, די מאַמע פון קליינעם קינד און איר אַלטע מוטער.

דאָס נייע אָרט איז געווען אין אַ שטילער, זייטיקער גאַס, כמעט הינטער דער שטאָט. דאָרט האָבן געוואוינט מער קריסטן, ווי יידן. ס'איז אַ גאַס, וואו איין הויז איז אַ שטיק אָפּגערוקט פון אַנדערן, מיט אַ סך ביימער און גערטנער. ווען זי איז אַהין אָנגעקומען, איז די ערד צום ערשטן מאָל באַשאָטן געוואָרן מיט אַ דיקן, ווייכן שניי, וואָס האָט זיך געלייגט ווי אַ קלאָר־ווייסע פּוכיקע דעק. די נאַקעטע ביימער זענען

באַדעקט געוואָרן מיט אַ בלישטשענדיקער ווייסקייט און האָבן אויס־געזען גראַציעז מיט זייערע צענומענע צווייגן, ווי זיי וואָלטן מיט שטאָלץ געהאַלטן אויף זיך דעם שניי. פון די מיט יונג־פראָסט אָנגעלאָדענע צווייגן האָבן געפינקלט אין בליאַסק פון דער זון אַראָפּהענגענדיקע צאַפּנס, ווי געשליפענע קרישטאָלן. און אונטער דער וואַרעמקייט פון די זון־שטראַלן האָבן שווערע טראָפּנס נאָך טראָפּנס פון זיי אַראָפּגעקאַפּעט און געלעכערט ווי מיט שפּיזלען דעם גלאַט־ווייסן צודעק פון דעם פריש־געפאַלענעם בלישטשענדיקן שניי.

לויט דער אָרדענונג פון דער גאַס מיט אירע פאַרפּוצטע הייזער, אַרומגענומענע מיט גערטנער, האָט מען געקאָנט פאַרשטיין, אַז דאָרט וואוינען רייכע מענטשן. דאָס איינציקע הויז, וואָס האָט זיך שטאַרק אָב־געזען מיט דער אָפּגעלאָזנקייט, איז געווען דאָס הויז, וואו זלאַטע איז אָנגעקומען. דאָרט איז דער פאַרקאַן געווען איינגעפאַלן און די פאַרב פון די שטאַכעטן אָפּגעקראַכן. אין גערטנדל אונטער די פענצטער איז געווען אָנגעוואָרפן. אַן אַלטע באַנק איז געלעגן מיט אירע דריי פיס אַרויף. עס האָט זיך געוואַלגערט אַן אָפּגעבראָכענע לאָפּעטע, אַן איינ־געשפּאַלטענער טאָפּ האָט געזשאַווערט אונטער אַן אָפּשטאַרבנדיקן, צעקרימטן בוים. בלעטער, פּאַפּירן, מיט שמאַטעס האָבן געמיסטיקט אויף בערגלעך.

אינעווייניק אין די פינף גרויסע צימערן איז געשטאַנען פאַרציי־טיק, אָפּגעריבן מעבל. אין איין צימער זענען געשטאַנען צוויי טונקל־ברוינע בעטן מיט הויכע געשניצטע קאָפּשטיק, אַ קליידער־שראַנק מיט אַן ענלעכער שניצעריי און אַ קאָמאָד מיט שופלאָדן. אין עסצימער איז געשטאַנען זייער אַ ברייטער קרעדענץ. יעדעס מאָל וואָס מען איז צו־געגאַנגען אים עפענען, זענען אַרויסגעפאַלן די טירלעך. ערטערווייז האָט זיך שוין געקרישלט דאָס האָלץ און זיך געשאָטן די פריכנע. ביי אַ צווייטער וואַנט איז געשטאַנען אַן איינגעפאַלענע פלושענע קאַנאַפּע, אָנגעזאַפּט מיט שטויב און אין מיטן שטוב אַ גרויסער טיש מיט לעדער־באַצויגענע שטולן. אין דער סאַליע איז געשטאַנען אַ קליידער־שאַנק מיט אַ שפּיגל־טיר, צוויי פאָטעלן, אַ לאַנגער שפּיגל צווישןביידע פענצטער, אויך אַ קיילעכדיק טישל מיט אַ וואַזע טויטע, פאַרשטויבטע בלומען און אַ קליין פלושן קאַנאַפּקעלע מיט צוויי פון האָלץ געשניצטע שטולן ביי די זייטן. אין דער יונגערס שלאָפצימער איז שוין געווען מאָדערנע מעבל : צוויי ניקלנע בעטן מיט אַ שפּיגל־שראַנק פאַר וועש און דעם קינדס בעטעלע.

די באַלעבאָסטע פון דעם הויז איז די אַלטע מוטער, וואָס האַלט ביי זיך די אויסגעגעבענע טאָכטער. אַליין שוין לאַנגע יאָרן אַן אַלמנה, איז נישטאָ ווער זאָל אַכטונג געבן אויפן הויז. די אַלטע איז אַ הויכע, צעוואָקסענע יידענע מיט אַן אָדערדיקן, אויסגעצויגענעם האַלדז. אַ חוץ דעם הויז, וואו זי וואוינט, האָט זי נאָך אַ הויז אויף אַן אַנדער גאַס, וואָס זי פאַרדינגט, און האָט פונעם דירה־געלט געגוג אויף צום לעבן. די אַלטע איז די גאַנצע באַלעבאָסטע סיי איבערן הויז, סיי אין קיך.

ווען זלאַטע האָט זיך ביים באַדינגען אויסגערעדט, אַז זי וויל דריי אָוונטן אַ וואָך אַוועקגיין זיך לערנען, האָט מען איר צוגעזאָגט, אַז די אַלטע זיצט סיי ווי סיי אין שטוב, וועט זי קאָנען גיין. נאָר ווען זי האָט איינגעשלעפערט דאָס קינד און זיך געגרייט צום אַוועקגיין, האָט די אַלטע שטענדיק פאַר איר אויסגעזוכט אַרבעט. יעדעס מאָל אַן אַנדער תירוץ:

— היינט מוז מען אַרויסנעמען דאָס גלאָזווארג פון קרעדענץ און עס איבערוואַשן, וועסט זיך שוין אַן אַנדערש מאָל אויסבילדעווען.

אַ צווייט מאָל זאָגט זי:

— שוין, דו לויפסט שוין? וואַרט נאָר צו אַביסל, פריער נעם אַראָפּ דאָס קופּער פון וואַנט איבערצופּוצן.

— איך וועל דאָס טאָן שפּעטער — האָט זלאַטע זיך ביי איר געבעטן. — איצט איז די שעה וואָס איך דאַרף אַוועקגיין.

— אַז דו וועסט היינט נישט גיין, וועט אויך נישט זיין קיין לאָך אין הימל. טו שוין אויס דאָס טיכל — האָט זי באַפוילן — און נעם אַראָפּ די פאַנען.

אַמאָל האָט זי איר אונטערגעטראָגן דאָס פּרעס־אייזן מיט אַ פּאָר זאַכן אויסצופּרעסן. אַלע מאָל עפּעס אַנדערש. אַזוי האָט זלאַטע זייער אָפט געמוזט אַדורכלאָזן אירע לעקציעס. די אַלטע האָט נישט געקאָנט ליידן וואָס זלאַטע לערנט זיך. אַז זי האָט געזען זי נעמט שרייבן אָדער לייענען פון ביכל, זענען אויפגעלאָפן די אָדערן אויף איר לאַנגן האַלדז, ווי בלוי־שוואַרצע קישקעס, גלייך דאָס גאַנצע בלוט אירס וואָלט זיך אין זיי אַנגעגאָסן.

— שוין די ביוראַליסטקע זעצט זיך שוין ביי די ביכער — האָט זי אָנגעהויבן. — וואָלסט בעסער איבערגעוואַשן די פאַדלאָגע אין קיך, איבערגעפּוצט די זילבערנע בעכערלעך. זע נאָר ווי שוואַרץ זיי זענען. — די אַנדערע פאַדלאָגעס וואָלסטו שוין אויך געמעגט איבערפּאַטירן, — האָט זי איר אָנגעהויבן אויסרעכענען אַלערליי אַרבעטן. אַמאָל האָט זי

איר געהייסן איבעררייבן די שלאָפבאַנק־דעק. — נאָר די ביכער ליגן דיר אין זינען — האָט זי אויף איר געשריגן און נישט איינמאָל האָט זי ביי איר אַרויסגעריסן דאָס ביכל אָדער דעם העפט פון האַנט. זלאַטען האָט פון דעם געבלוטיקט דאָס האַרץ.

אַז די טאָכטער איז געווען אין הויז, ווען זלאַטע האָט זיך גע־זעצט מאַכן די לעקציעס, האָט די אַלטע צו איר געהאַט אַ טענה:

— זע נאָר ווען דו האָסט דאָ, דיין ביוראָליסטקע נעמט זיך שוין צו די ביכער. אַ נייע מאָדע, אַ דינסט זאָל גיין אויף לעקציעס. ווען איז דאָס געהערט געוואָרן? נאָר ביי אַזאַ באַלעבאָסטע ווי דו ביסט קאָן מען דאָס אויספירן.

נאָר די יונגע האָט איר אויף דעם נישט געענטפערט. די אַלטע האָט אַליין קיין וואָרט נישט געקאָנט איבערלייענען, האָט זי, ווייזט אויס, נישט געקאָנט פאַרליידן אַז אַ דינסטמיידל זאָל זיך לערנען. און דערפאַר האָט זי זי גערופן נישט אַנדערש, נאָר די „ביוראָליסטקע", און זלאַטען האָט דאָס וואָרט געשטאָכן. זי האָט דאָס כמעט אַזוי פיינט געהאַט ווי די ווערטער „דינסט" אָדער „מויד". און דערפאַר איז איר אויך דאָ יעדער טאָג געוואָרן איבעריק. עטלעכע וואָכן פאַרן זמן האָט זי פאַר־לאָזט דאָס אָרט און איז אַהיימגעקומען צו דער מאַמען.

אַרום פורים־צייט איז די עלטסטע שוועסטער אַ כלה געוואָרן פאַר אַ שניידער.

דער חתן האָט געוואָלט נישט אַנדערש ווי הונדערט און פופציק רובל נדן, דאָס געלט זאָל איינגעלייגט ווערן נישט שפּעטער ווי חול־המועד פּסח. אויף דער מאַמען איז אַרויפגעפאַלן אַ נייער עול. זי האָט זיך געשוואַרצט דאָס פּנים, געבעטן קרובים און באַקאַנטע מען זאָל איר אַנטלייען עט־לעכע רובל. און צום סוף האָט זי געמוזט אָנקומען צו צוויי מער פאַרמעגלעכע מענטשן, זיי זאָלן זיין די גוטזאָגער אין אַ ליי־קאַסע. מער ווי פינף־און־צוואַנציק רובל האָט זי דאָרט נישט געקראָגן. און עס איז איר אָנגעקומען זייער שווער איינצולייגן דעם נדן.

באַלד נאָך פּסח איז פוליע אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. דער יינגע־רער ברודער, לייזער, האָט אים געהאַלטן אין איין אָנזאָגן: — ווי גיך דו וועסט קומען אויפן אָרט, זאָלסטו מיר באַלד אַרויסשיקן אַ שיפס־קאַרטע.

דער מאַמען איז דערפון זייער טרויעריק געוואָרן: איין זון פאַר־לאָזט זי און דער צווייטער קלויבט זיך אויך צו פאָרן אין דער ווייטער

אַמעריקע. נאָר זלאַטען אַרט דאָס נישט. פאַרקערט, זי איז גאָר צו־פרידן. עס איז פריילעך, זאָגט זי, ווען מען פאָרט אַוועק.

די עטלעכע טעג, וואָס פוליע איז געווען אין דער היים פאַרן פאָרן, זענען צו זיי געקומען אַ סך מענטשן מיטגעבן אַדרעסן מיט בריוולעך צו אייגענע קיין אַמעריקע. מ׳האָט אים אָנדערציילט מעשיות און אומ־געציילטע מאָל אים אָנגעזאָגט, וואָס ער זאָל זיי דאָרט איבערגעבן:

— זאָלסט נישט פאַרגעסן — רעדט אין אים אַריין אַ ייד — צו זאָגן מיין ברודער, אַז דער פעטער פייוויש איז געשטאָרבן און ס׳איז נישטאָ ווער עס זאָל פאַר אים אַפילו שטעלן אַ מצבה; און אַז די מאַמע איז קראַנק, אַלע וואָך גייט זי צו אַן אַנדער קינד. זי האָט נעבעך נישט וואו צו זיין.

אַ יידינע רעדט אָפּ עטלעכע שעה, גייט אַרויס און קומט ווידער אַריין. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי דאַרף אים נאָך עפּעס אָנזאָגן:

— גיב דאָרט איבער דער טאָכטער מיינער, אַז די מומע זעלדע איז געשטאָרבן און דער פעטער פיניע האָט אין עטלעכע חדשים אַרום חתונה געהאַט. און מיין זון זאָלסטו זאָגן, אַז די שוויגער זיינע, אויס־געריסן זאָל זי ווערן, האָט אויף פּסח באַקומען אַ פּאַק מיט אַלעם גוטן פון דער טאָכטער אירער, האָט זי מיר אַפילו נישט דערציילט, מורא געהאַט מיר אויסצוזאָגן.

זלאַטע האָט שטאַרק ליב צו הערן די אַלע זאַכן. נאָך מער האָט זי ליב גיין צו דער באַן. איר געפעלט דער נישט־לאַנג אויפגעבויטער וואָקזאַל מיט די לאַנגע, זייער ברייטע פענצטער, וואָס זעען אויס ווי גלעזערנע ווענט, מיט דער זייער הויכער קייעלכדיקער סטעליע. און אין דעם גאָר גרויסן זאַל מיט די לאַנגע בענק זענען שטענדיק פאַראַן מענטשן. טייל זיצן אויף די בענק, אַנדערע אויפן דיל מיט זייערע פּעקלעך, טייל דרייען זיך אַרום. אַלע מאָל איז דאָרט היימלעך, נאָר דאָס מאָל, ביי פוליעס אַוועקפאָרן, האָט די מאַמע געהאַלטן אין איין וויינען. און זלאַטע האָט פיינט ווען די מאַמע וויינט.

דאָבעס חתונה איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף שבת נאָך שבועות. די מאַמע האָט געהאַט אַזוי פיל זאָרג, אַז וועגן זלאַטען האָט זי שוין גאָר נישט געטראַכט, וואָס זי האָט פאַרלאָזט די שטעלע און זי איז אַהיים־געקומען.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט די יונגע באַלעבאָסטע זיך דערפרעגט וואו די מאַמע וואוינט. זי קומט אַריין אין קליינעם שטיבל און שפּאַרט

זיך אָן אַ בעט. זלאַטע זיצט אויפן קופערט לעבן קוימען, האַלט אַ הילצערנע שיסל אויף די קני און צופּט קליסקעלעך פון קאָרן־מעל.

— ווער האָט דאָס דיך געיאָגט, וואָס דו ביסט פליצטאַלבן אַנט־לאָפן? האָסט מיר אפילו נישט געזאָגט, אַז דו גייסט אַוועק, — האָט זי זיך געווענדט צו זלאַטען, וואָס האָט נישט אַוועקגענומען די אויגן פון דער שיסל. — דאָס קינד האַלט דיך אין איין רופן — האָט זי אַ ווײַלע שפּעטער צוגעגעבן.

אַז זי האָט קיין ענטפער נישט געקראָגן, האָט זי דעם בליק אָפּ־געקערט צו דער מאַמען, וואָס האָט גענומען נאָך שנעלער יאָגן די ניי־מאַשין. די יונגע באַלעבאָסטע האָט אויפגעהויבן איר קול, כדי אַרי־בערצושטייגן דעם רויש פון דער מאַשין און גענומען טענהן צו סימען:

— איר זענט דאָך איר מאַמע, דאַרפט איר וויסן פאַרוואָס אַ מיידל פאַרלאָזט אַ שטעלע אין מיטן זמן.

— אַז זי איז אַוועק, מן הסתם האָט זי דאָך אַ סיבה — האָט די מאַמע רואיק געזאָגט נישט אַוועקנעמענדיק די אויגן פון דער טאַנצנדיקער נאָדל, וואָס איז געשפּרונגען איבער קאָלירטע קעסטעלעך פון דיקן לייוונט.

— איך יאָג זי נישט אַרויס, מיך אַרט נישט, אַז זי איז אין דערהיים.

— דו ווייסט, — האָט די באַלעבאָסטע, נאָכן קאַלטן אָפּזאָג פון סי־מען, געזאָגט צו זלאַטען מיט אַ ווייכערן טאָן: — מיין מאַן האָט גע־זאָגט, אַז דו וועסט צוריק קומען, וועט ער פון אונדזער געשעפט אַרויס־נעמען אַ גאָלדן זייגערל, דיר געבן אַ מתנה. דאָס קינד וויל דיך זען. זי שרייט זלאַטע, זלאַטע זאָל איר געבן עסן.

נאָר זלאַטען האָט דער צוזאָג פון דער טייערער מתנה נישט גע־נומען. זי האָט געזאָגט רואיק, נאָך אַלץ צופּנדיק די קליסקעלעך:

— איבער אייער מאַמען וויל איך ביי אייך נישט זיין.

— דו ווילסט נישט קיין זייגערל? — האָט זי פּרובירט זי איבער־ריידן.

— איך בין אייך מוחל דאָס זייגערל — האָט זלאַטע איר געענטפערט.

— הער נאָר אַ לשון פון אַ סמאַרקאַטקע, — האָט זי אַ שעפּטשע געטאָן און מיט אַ מאַנענדיקן בליק געקוקט אויף סימען. זי האָט גע־מיינט אַז דאָ וועט די מאַמע אויפשפּרינגען פון אָרט און אָנשרייען אויפן מיידל. נאָר די מאַמע איז געזעסן איינגעבויגן, אַריינגעטאָן די אויגן אין דעם געניי, און זיך נישט־ווויסנדיק געמאַכט.

די באַלעבאָסטע האָט נאָך אַ ווײַלע ברוגזלעך געקוקט אויףביידן און זי איז אַוועק אָן אַ גוטן־טאָג.

# שלעכטע צייטן ביי ר׳ סענדער זיסמאַן

אַז די שויבן זענען באַפרייט געוואָרן פון דעם לאַנג־פאַרזעסענעם פראָסט, איז אין דער מאַמעס שטיבל ליכטיקער געוואָרן.

אין דעם דאָפּלטן פענצטער איז די פאַרטונקלטע וואַטע אַרויסגע־קראָכן פון די שפּאַרעס און ווי אַראָפּגעטריפטער חלב פון אַ ליכט ביי די זייטן אַראָפּגעהאַנגען. די איבעריקע וואַטע האָט זיך געוויקלט אין די ריטשקעלעך וואַסער פון נאָכלאָזנדיקן פראָסט.

די ערד איז געוואָרן ווייכער, דאָס גראָבן אויף ר׳ סענדער זיסמאַנס טאָרף־פעלדער האָט זיך אויפדאָסניי אָנגעהויבן. אַלע טאָג קומען פּויערים, קלאַפּן אָן אין טיר, נעמען אַראָפּ די היטלען, האַלטן זיי אין די אַראָפּ־געלאָזטע הענט און בלייבן שטיין ביי דער שוועל ווי בעטלער. אַז מען עפנט די טיר צו זען ווער דאָס איז, פאַרנייגן זיי זיך, פרעגן זיך נאָך אויפן פּאַן אָדער פּאַניע זיסמאַן.

די דיקע דינצע זיצט געווייניטלעך מיט איר גאַנצער ברייטקייט אין עס צימער ביים פענצטער און לייענט אַ צייטונג. אַז זי דערהערט מען פרעגט זיך נאָך אויף איר, הייבט זי זיך אויף און גייט פּאַמעלעך אַריין אין קיך. דער פּויער ביים שוועל בייגט אַראָפּ נידעריק דעם קאָפּ.

— אפשר דאַרפט איר צו דער אַרבעט? — פרעגט ער מיט האַלבע ווערטער. דינצע פאַרשטייט שוין דאָס לשון פון די פּויערים. זי ווייסט, אַז זיי ווילן זי זאָל זאָגן: „קום מאָרגן מישן ליים אין ציגעלניע, אָדער, גראָבן טאָרף״, נאָר זעלטן ווען זי זאָגט דאָס. געווייניטלעך ענטפערט זי: „ניין, מען דאַרף נישט האָבן״.

אַלע שבת פאַרנאַכט שטייט אין דרויסן אַרום זיסמאַנס ווענט אַ ריי פּויערים מיט די היטלען אין די הענט. די ריי ציט זיך פון דער קיך־טיר דורכן הויף ביז אויף דער גאַס אַרויס. די פּויערים וואַרטן די טיר פון קיך זאָל זיך עפענען. זיי קוקן אויפן הימל די שטערן זאָלן זיך באַווייזן, מען זאָל זיי די עטלעכע קערבלעך פאַר זייער וואָך אַרבעט אויסצאָלן.

די פעקלעך געלט טיילט אויס דינצע. זי דערלאַנגט יעדערן אין האַנט אַריין זיין פּאַרדינסט. די הויכע, דיקע דינצע באַוועגט זיך פּאַ־מעלעך און שווער מיט אַ האַרטן טראַט. און פּונקט מיט אַזאַ רואיקייט ווי אין אירע אויסערלעכע באַוועגונגען נעמט זי אויף געשעענישן, פון וועלכע זי הערט אָדער לייענט אין דער צייטונג. זי איז אַ מענטש מיט אַ פעסטן ווילן, אָבער יאָגן זיך האָט זי פיינט. זי זיצט ביים פענצטער אויף איר ספּעציעלער שטול און לייענט די צייטונג. זי שעפּט אויס דאָס לעצטע ביסל טאָג־ליכט. אַמאָל קריכן שוין טונקעלע שאָטנס איבער די ווענט, שטערן פינקלען שוין אויפן הימל, און דינצע האַלט נאָך צוגעשמידט די אויגן צום בלאַט. אַלצדינג, וואָס אין דעם „מאָמענט" מיט דעם „היינט" איז געדרוקט, מוז זי איבערלייענען. איר אַרט נישט וואָס מען וואָרט, וועלן די פויערים שטיין נאָך אַביסל. זיי וועלן נישט אַנטלויפן, טראַכט זי.

אין שטאָט שמועסט מען, אַז ר' סענדער זיסמאַן ווערט וואָס אַמאָל אַ גרעסערער בעל־חוב. אַ סימן, אַז עס גייט אים נישט גוט, איז וואָס די עלטסטע טאָכטער, אַ מיידל אין די צוואַנציקער, האָט זיך אין מיטן יאָר אומגעקערט פון איר לערנען אין אויסלאַנד, וואו זי האָט שטודירט אויף דאָקטאָר מעדיצין. איצט לייענט זי גאַנצע טעג פראַנצויזישע און דייטשע ביכער. זי שפּאַצירט נאָר מיט הויך־געלערנטע און מיט אָפּיצערסקע זינד־לעך, מיט רוסישע אָדער פּוילישע סטודענטן, נישט מיט קיין יידישע.

עס טראָגן זיך קלאַנגען, אַז ביידע זין, וואָס שטודירן אין אויס־לאַנד, איינער אויף אינזשעניר אין פראַנקרייך, דער צווייטער אַלס כעמיקער אין דייטשלאַנד, האַלטן אויך ביים אַהיימקומען צוליב דעם, וואָס ר' סענדערן איז שווער צו שיקן זיי געלט.

אַלע מאָנטיק קומט דער אַלטער זישע, וואָס וואוינט שוין באַלד דרייסיק יאָר ביי דער ציגעלניע, און ברענגט די אויסגעשלאָגענע פּוטער מיט די געמאַכטע קעזלעך פון די צוויי קי, וואָס פּאַשען זיך אויף די לאָנקעס אַרום דער ציגעלניע. ער בלייבט זיצן אין קיך און קרעכצט:

— אוי, — זאָגט ער צו דער עלטערער פרוי, דער דינסט, — עס טוען וויי די אויגן צוצוזען ווי דאָס געשעפט זינקט. פון זינט דער פּאָליאַק האָט נישט ווייט פון זיי געמאַכט די ציגעלניע, פאַלט יעדן טאָג אַראָפּ דאָס לייזעכץ. דאָס געשעפט איז שוין גאָרנישט וואָס געווען.

פּאָר אַ צולאָג קומען נאָך אַלע מאָל צו לויפן די זינדלעך און כאַפּן אַ פּאָר קערבלעך לייזעכץ צו קאָנען הולטאַיעווען גאַנצע נעכט.

דער אַלטער זיסמאַן אַליין זעט, אַז ער גייט אונטער. דער קרעדיט

זיינער איז שוין אויך נישט דאָס וואָס אַמאָל. ס'איז נאָך אַ גליק, וואָס ער איז נישט פון די מענטשן וואָס נעמען זיך פון אַזעלכע זאַכן שטאַרק צום האַרצן. ר' סענדער זיסמאַן פאַרלאָזט זיך אויף גאָט. האָפט ער, אַז גאָט וועט אים נישט פאַרלאָזן. ווען נישט, וואָלט ער נישט אויסגעהאַלטן.

נאָר דינצע האַלט אים אין איין דערמאָנען, אַז די לאַגע ביי זיי ווערט אַלץ שווערער. די שווערע לאַגע האָט די ערשטע דערפילט זיס־מאַנס אַלטע מאַמע, וואָס וואוינט איבער דער וואַנט מיט סימען. דאָס דרייערל, וואָס זי קריגט אַלע וואָך פון זון, האָט זיך אָנגעהויבן פאַרציען, צוערשט אויף אַ טאָג, צוויי, דערנאָך אויף אַ האַלבער וואָך, און איצט קריגט זי דאָס אַלע צוויי וואָכן.

רבקה האָט זייער ליב די באָבע. אַז זי קומט פון שקאָלע און גייט צו צום קרעדענץ נעמען אַ קיכל אָדער אַ פרוכט, ווייסט זי, אַז זי דאַרף נעמען פאַר דער באָבען אויך. זי לויפט איבערן לאַנגן באַלקאָן און ברענגט עפּעס דער באָבען.

פון זינט זלאַטע איז אין דער היים, איז נישטאָ דאָס מאָל אַז רבקה זאָל פאַרבייגיין און נישט אַריינקומען צו סימען. זי האָט ליב צו הערן דאָס הודזשען פון דער מאַשין און זען וואָס סימע נייט.

איינמאָל זעט זי ווי זלאַטע פּרובירט נאָכשרייבן אַ פּוילישן בוכ־שטאַב. נעמט זי אַרויס דעם בלייער פון אירע פינגער און שרייבט פאַר איר אָן אַ גאַנצע שורה בוכשטאַבן, דערנאָך שטעלט זי דעם בלייער אויף יעדן בוכשטאַב און פרעגט זלאַטען צי זי ווייסט, וואָס דאָס איז. זלאַטע דערקאָנט שוין עטלעכע בוכשטאַבן און קאָן זיי אָנרופן. און די וואָס זי ווייסט נישט זאָגט איר רבקה און הייסט איר צוויי מאָל איבערזאָגן.

זלאַטען קומט אַזש דאָס בלוט אין פּנים אַריין פון פרייד. אויף מאָרגן געדענקט זי שוין יעדן בוכשטאַב. רבקה קוועלט אָן און שרייבט איר אויף אַ נייע שורה און אַמאָל צוויי.

סימע גרייט דעם אויסשטייער, די „וויפּראַווע" פאַר דאָבען. זי נייט פאַר איר צוויי ציכן מיט פיר ציכלעך, זוימט אַרום צוויי ליילעכער מיט עטלעכע האַנטעכער. די דריי העמדער פאַר דאָבען מאַכט זי מיט קאַר־טשיקעס פון האַפטן און דעם ברעג אַרום האַלדז באַפּוצט זי מיט שפּיצן. צוויי וואָלענע מיט אַ סאַטינען קלייד האָט מען אָוועקגעגעבן אויפּצונייען צו אַ גוטער שניידערקע. אַ חופּה קלייד וועט זי נעמען אויף נויץ־געלט. פאַר זיך נייט איבער די מאַמע אַליין אַ גאָלד־זיידן קלייד, וואָס זי האָט נאָך ליגן פון איר חתונה.

דאָבע איז אין דער היים. זי לויפט אַלע טאָג וועגן עפּעס אין

גאַס אַריין. זי איז אויפגערעגט, בייזערט זיך איבער יעדער קלייניקייט. כמעט אַלע טאָג וויינט זי. זי וויל האָבן זאַכן, וואָס די מאַמע קאָן איר נישט געבן. אין אַ וואָך אַרום דאַרף שוין דאָבע מיט דער מאַמען פאָרן קיין וואַרשע, וואו די חתונה וועט פאָרקומען.

— ווייז מיר דיין קלייד, וואָס דו וועסט טראָגן צו דער שוועסטערס חתונה — גיט רבקה אַן אומגעשיקטן זאָג צו זלאַטען נאָכן פאַרענדיקן אַ שורה אין דעם העפט. זלאַטע שווייגט. זי קוקט אויף דער אָנגעשרי־בענער שורה מיט האַלב־צונויפגעשטעלטע ווערטער, וואָס איז איר שווער צו באַנעמען. — האָסט שוין פאַרטיק דאָס קלייד? — ציט רבקה ביי איר ווייטער.

— איך האָב נישט קיין קלייד — גיט זלאַטע פאַרשעמט אַ זאָג.

— איז אין וואָס וועסטו פאָרן אויף דער חתונה?

— איך פאָר נישט, — ענטפערט זי און פרובירט נאָכשרייבן אַ גרויסן פוילישע „בע”.

רבקה פאַרבייסט די אונטערשטע ליפּ, זי זעט ווי זלאַטען קומען טרערן אין די אויגן. רבקה דערמאָנט זיך אַז נעכטן האָט די שניידערקע אָפּגעבראַכט פאַר איר אַ נײַ קלייד, וואָס די מאַמע האָט געהייסן מאַכן פאַר איר אויף שבועות. ס'איז פון ווייסן באַטיסט מיט העל־בלויע פינ־טעלעך, אַ זייער שיין־געמאַכט קליידל, עס וועט פאַסטן זלאַטען און זי וועט דאָס קאָנען טראָגן אויף דער חתונה.

אויף מאָרגן, ווען די מאַמע אירע האָט נישט געזען, האָט זי אַ כאַפּ געטאָן דאָס נייע קליידל און אַרויסגעטראָגן צו זלאַטען.

— מעסט נאָר אָן, צי עס פּאַסט דיר, — זאָגט זי מיט אַ גדולה און ציט איר אַריבער איבערן קאָפּ דאָס קליידל. זי שפּיליעט עס צו. — ס'איז פּונקט גוט, ווי אויף דיר געניייט — זאָגט זי. — וועסט האָבן אין וואָס צו גיין צו דער חתונה. זי דרייט זלאַטען אויף אַלע זייטן און קוועלט אָן ווי שיין דאָס קלייד פּאַסט איר.

זלאַטע קוקט זי אָן, זי ווייסט נישט וואָס דאָ האָט פּאַסירט, צי רבקה באַרימט זיך נאָר מיט איר נייעם קלייד, אָדער זי וויל עס איר טאַקע אויף אַן אמת לייען. סימע שטייט דערביי און פאַרשטייט אויך נישט וואָס דאָ טוט זיך.

נאָר רבקה נעמט נישט צוריק דאָס קליידל. — האַלט דאָס ביי דיר — זאָגט זי צו זלאַטען — איך וועל דאָס ביי דיר אָפּנעמען, ווען דו וועסט צוריק קומען.

שבועות צעשרייט זיך דינצע אויף רבקהן:

— וואָס גייסטו אַרום אין די אַלטע שמאַטעס? טו אָן דאָס נייע קליידל.

נאָר רבקה מאַכט זיך נישט וויסנדיק, זי לויפט אַרויס אין דרויסן. זי האָט מורא די מוטער זאָל נישט צוגיין צום שראַנק און דערזען, אַז דאָס קליידל איז נישטאָ. קיין צרות וואָלט רבקהן נישט געפעלט, ווען מען דערוויסט זיך אין שטוב, אַז זי לייט־אויס זלאַטען איר ניי קליידל.

מען שרייט שוין אַזוי אויך אויף איר פאַרוואָס זי לויפט צו סימען. אַז די עלטסטע שוועסטער זעט זי פון דאָרט אַרויסגיין, גיט זי איר אַ לעקציע ווי אַזוי אַזאַ מיידל דאַרף זיך פירן און זי האַלט אין איין רעדן צו דער מוטער, אַז רבקה וועט נישט זיין קיין לייט. — זי חברט זיך, — שרייט זי, מיטן סטרוזשס קינדער און מיט זלאַטען.

און ווי אויף צו להכעיס דער שוועסטער, אַז זי טרעפט זלאַטען, כאַפּט זי זי אַרום דער טאַליע, צי אונטערן אָרעם און שפּאַצירט מיט איר איבער די גאַסן. אַז זי האָט אַ בוך, וואָס געפעלט איר, שלעפּט זי זלאַטען אין גאָרטן אַריין און לייענט פאַר איר. אין מיטן לייענען גיט זי אַלעמאָל אַ קוק אויף זלאַטען. זי וויל זען אויף זלאַטעס פּנים צי עס געפעלט איר, וואָס זי לייענט פון פּוילישן בוך.

זלאַטען געפעלט אַלצדינג, וואָס רבקה לייענט פאַר איר. די געביל־דעטע פּוילישע שפּראַך איז זלאַטען פרעמדלעך, זי רעדט די שפּראַך פון די פּויערים, זי פאַרשטייט אָבער יעדעס וואָרט. רבקה ווייסט, אַז ווען זלאַטען איז עפּעס נישט פאַרשטענדלעך, דעמאָלט לייגט זי אַוועק די הענט אויפן אָפענעם בוך, דערציילט פון אויסנווייניק, וואָס זי האָט איבערגעלייענט, דערקלערט איר וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. זי זעט ווי זלאַטעס פּנים איז ערנסט. זי שלינגט יעדעס וואָרט, זי וויל אין זיך אַלץ אַריינעמען און פאַרגעדענקען. אירע קליינע ברוינע אויגן ווערן גרעסער, זיי לויכטן און זענען אָנגעפילט מיט פרייד.

רבקה קוועלט וואָס זי פאַרשאַפט זלאַטען פאַרגעניגן און זאָגט צו איר:

— די ווערטער גייען דיר אַריין אין די קישקעס, זלאַטעלע.

זלאַטע שמייכלט. זי פאַרשעמט זיך אַביסל. זי ווייסט נישט צי עס פּאַסט צו זיין אַזוי זשעדנע, צו וועלן אַלץ וויסן.

דערפון אַליין, וואָס רבקה טיילט זיך מיט איר ווי מיט אירס אַ גלייכן, פילט זיך זלאַטע שטאַרק דערהויבן. ווי קומט זי צו רבקהן? יענע איז דאָך אַ רייכע טאָכטער און אַזוי געלערנט, זי איז אויך עלטער פון איר, איז ווי אַזוי קאָן זי זיך צו איר גלייכן?

אויף ביכער קוקט זלאַטע ווי אויף הייליקע זאַכן. זי גלויבט אַז דאָרט דערציילט זיך וועגן טיפע זאַכן, וואָס זי וועט קיינמאָל נישט קאָנען פאַרשטיין. זי האָט אָבער אַ שטאַרקן פאַרלאַנג צו פאַרשטיין, זי וויל וויסן צוליב וואָס מען שרייבט די אַלע זאַכן און וואָס מען דאַרף פון זיי אַרויסנעמען.

רבקהן דאַכט זיך, אַז זלאַטעס אויגן רעדן צו איר און זאָגן:

— „טייערע רבקהלע מיינע, איך האָב דיך אַזוי ליב דערפאַר וואָס דו לייענסט פאַר מיר די מעשהלעך. דו פירסט מיך אַריין אין אַ נייער וועלט. אמת, דאָס איז נישט מיין וועלט, יענע מענטשן זענען מיר פרעמד, אָבער איך האָב ליב צו וויסן ווי אַזוי אַנדערע לעבן, וואָס עס קומט פאַר אין אַנדערע היימען, ביי אַנדערע אין די נשמות."

רבקהן דאַכט זיך, אַז זלאַטעס ליפן באַוועגן זיך, זיי שעפטשען, זי וויל דאָס אַלץ איר זאָגן, נאָר זי שעמט זיך. זי דערקאָנט אין אירע שיינענדיקע אויגן, ווי דאָס אָרימע מיידל דאָרשט נאָך וויסן.

און אין רבקהן וואַקסט די ליבשאַפט צו זלאַטען. פון גרויס ליבשאַפט זעצט זי איר צו אַ נאָמען, זי רופט זי „זלאַטעלע, מאַטעלע" אַמאָל דרייט זי איבער די נעמען און זאָגט: „מאַטעלע, זלאַטעלע".

זלאַטע דערפילט אין דעם צוגעזעצטן נאָמען גראָד די צערטלעכקייט, נאָך וועלכער זי בענקט אַזוי שטאַרק פון קינדווייז אָן.

און רבקה לייענט פאַר איר און לייענט און ווערט גאָר נישט מיד. זי פאַרגעסט, אַז זי זיצט שוין צו־לאַנג אין גאָרטן, אַז אין שטוב וואַרט מען אויף איר מיט דער וועטשערע. זי באַמערקט גאָר נישט, אַז דער טאָג איז פאַרשוואונדן, אַז דאָס ליכט, וואָס פאַלט אויפן בוך, איז פון דעם לאַמטערן. עס פאַלט איר נישט איין, אַז די מוטער אירע קלערט שוין איבער וואו איז זי ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן. זי פאַרגעסט, אַז זי האָט נישט געמאַכט אירע לעקציעס און די לערער פון שקאָלע וועלן איר ווידער געבן שלעכטע צייכנס. און אַז די מוטער וועט אויף איר שרייען, וואָס זי פאַרנאַכלעסיקט דאָס לערנען. פאַר די עקזאַמענס וועט מען ווידער דאַרפן צונעמען פאַר איר אַ פּריוואַטן לערער, ער זאָל איר אַרויסהעלפן דורכצוגיין אין אַ העכערן קלאַס, אַזוי ווי מען האָט געמוזט טאָן לעצטן יאָר.

# די דימענטענע אוירינגלעך

**יענעם** זומער האָט זלאַטע געקראָגן אַן אַנדער אָרט, נישט ביי קיין קליין קינד. זי איז אָנגעקומען צו יידל גרינבערג, וואו מען צאָלט אַ דינסטמיידל זייער ווייניק, דערפאַר אָבער מאַכט דאָרט אַ מיידל נעבנביי.

צו יידל גרינבערג קומען אָפּט אַריין יידן, חסידים פון איין רבין, שפילן קאָרטן, „מאַכן אַן אָקע". פירט זיך, אַז פון יעדן קאָן נעמט מען אַרויס אַ קאָפּיקע פאַרן מיידל, וואָס באַדינט זיי. זי דערלאַנגט זיי טיי, לויפט אַלע מאָל אין גאַס אַריין קויפן פאַר זיי פּאַפּיראָסן מיט נייע קאָרטן. אַמאָל הייסן איר די שפּילער קויפן פאַרשידענע זאַכן צום עסן און זיי פּראַווען אַ גאַנצע סעודה. נאָך האַלבער נאַכט.

די פאַמיליע גרינבערג באַשטייט בלויז פון דריי מענטשן, מאַן און ווייב מיט אַ טאָכטער אין די וויטע צוואַנציקער יאָרן. ר' יידל אַליין איז אַ קאָצקער חסיד, אַ קליין־געוויקסיקער ברייטלעכער ייד מיט אַ לאַנגער, רויטלעכער באָרד, וואָס ליגט אויף זיין הויכן ברוסטקאַסטן, ווי אַ פלאַמיקער בעזים. ער איז אַ ייד, וואָס האָט ליב צו שלאָפן שפּעט אויפן טאָג. ווען ער שטייט אויף, גייט ער אַרום אין זיין טונקל־רויטן וואַלענעם שלאָפראָק מיט די שטעקשיך ביז נאָך האַלבן טאָג, אַמאָל ביז פאַר־נאַכט צו. ער האָט זיך נישט צו וואָס אָנצוטאָן, קיין מסחרים פירט ער נישט. זיין פּרנסה ציט ער פון דער מויער, אין וועלכער ער וואוינט.

די מויער איז אַ ירושה פון זיין טאַטן. מען שמועסט, אַז ער האָט ביי די אַנדערע יורשים זייערע חלקים אויסגענאַרט. צו אים האָט געהערט בלויז אַ פערט־חלק, פיר קינדער זענען זיי געווען: איין שוועסטער אין אַמעריקע, דער עלטסטער ברודער איז באַלד נאָכן פאָטערס טויט אָפּ־געשטאָרבן און האָט איבערגעלאָזט אַ ווייב מיט פינף קליינע קינדער. נאָך אַ שוועסטער האָט געוואוינט אין אַ ווייטער שטאָט. איז יידלען געווען גרינג איבערצונעמען די ירושה און אַליין ווערן דער גאַנצער באַלעבאָס פון דער דריי־שטאָקיקער קאַמעניצע, וואָס האָט אַ חוץ די איינ־

וואוינער אויך פיר געוועלבער צו פאַרדינגען, פון וועלכע עס קומט אַריין אַ גאַר היפּשע סומע געלט.

מינדעלע, דאָס ווייב זיינס, מישט זיך נישט אין זיינע געשעפטן. וואָס ער טוט איז ביי איר רעכט. סיי ווי סיי האָט זי ביי אים אַ קנאַפּע דעה. אַז עס מאַכט זיך ער צעבייזערט זיך אויף איר, פאַרשוויגט זי אויך. זעלטן ווען זי ענטפערט אים אָפּ. איר פאַרשוויגן נעמט זיך אַ סך צוליב איר שוואַכן געזונט. אַ חוץ וואָס זי ליידט אויף איינגעזעסענע קראַנקהייטן, ווי אַ שטענדיקער בראָנכיט, מיט נישט קיין געזונטע נירן, איז נאָך ביי איר דער קאָפּ אויסגעדרייט אויף אַ זייט, ווי פון איין זייט וואָלט זיך ביי איר דער האַלדז אויסגעצויגן און פון דער צווייטער איינגעשרומפּן געוואָרן. דער קאָפּ ליגט ביי איר כמעט אויפן אַקסל. אַז זי נעמט אַרויס פון מויל די אַריינגעשטעלטע ציין, זעט זי אויס אַ סך עלטער פון איר מאַן וואָס איז ערשט אין מיטן די פופציקער.

צו דער טאָכטער זאָגט זי אַלע מאָל, אַז איבער איר איז זי פאַר־עלטערט געוואָרן. פריידקע, די טאָכטער זייערע, איז שוין צוויי מאָל געווען אַ כלה און זי האָט אָפּגעלאָזט די שידוכים. און איצט וואָס פאַר אַ חתן מען רעדט איר, וויל זי נישט הערן דערפון. זי ליבט זיך גאָר מיט אַן אַרבעטער, מיט יאַנקל מאַלאַרזש. אַ בעל־מלאכה איז ער גאָר אַ געהויבענער, ער מאָלט שילדן מיט פאַרשידענע פיגורן און באַפּו־צונגען, אָבער די גרינבערגס האַלטן אַז ער איז אַ פּראָסטער פאַרבער, און ווי קומט צו זיי אַ בעל־מלאכה?

פריידקע איז אַ געראָטענע. פון פיר קינדער איז זי געבליבן די איינציקע טאָכטער. זי איז זייער אַ שיינע, האָט דורכגעמאַכט עטלעכע קלאַסן גימנאַזיע און לייענט אַ סך ביכער. ווילן די עלטערן אירע זי זאָל נעמען אַ לערנער אָדער אַ סוחר פון אַ יחוסדיקער משפחה. אַ נדן קאָן ר׳ יידל ברוך־השם געבן אַ נישקאָשעדיקן, ווייל ער נישט קיין פּראָסטן ייד, אַ היטלמאַכער, ווי יאַנקלס פאָטער איז, פאַר אַ מחותן. ר׳ יידל איז טאַקע דערפאַר שוין אַ לאַנגע צייט ברוגז מיט דער טאָכטער און מינ־דעלע נעמט זיך דערפון שטאַרק צום האַרצן.

אַז יאַנקל מאַלאַרזש קאָן אָנשרייבן אַן אינטערעסאַנט אַרטיקל דאָס אַריינשיקן אין אַ יידישער צייטונג, וואו עס ווערט אָפּגעדרוקט: אַז ער האַלט לעקציעס וועגן ליטעראַטור, טרעט־אַרויס אויף פאַרזאַמלונגען מיט באַלערנדיקע רעדעס און צו זיין וואָרט הערט מען זיך צו, — דאָס וויל ר׳ יידל נישט וויסן. ביי אים הייסט ער אַ מאַלאַרזש, אַ זון פון אַ מתנגדישן פּראָסטן היטל־מאַכער.

אַ סך מיידלעך אין שטאָט וואָלטן געווען גליקלעך, יאַנקל זאָל זיי שענקען אַ שמייכל, מאַכן אַ קאָמפּלימענט, צוטיילן אַ בליק. איז אָבער יאַנקל נישט פון די בחורים, וואָס שמייכלען צו אַ מיידל גלאַט אַזוי. ער וואַרפט זיך נישט מיט קיין פּוסטע קאָמפּלימענטן. ער איז אַן ערנסטער מענטש און האַלט נישט פון פלירטן מיט פרויען. פריידקע איז זיין אויס־דערוויילט מיידל און פון קיין אַנדערע וויל ער נישט וויסן.

אַמאָל מיינען די עלטערן, אַז שוין — עס איז אויס מיט דער ליבע צווישן פריידקען און דעם מאַלאַרזש. נאָר אַז מען נעמט איר רעדן אַ שידוך און עס קומט צו אַ זעאוגג, איז ווידער דאָס אייגענע: זי וויל דערפון נישט הערן.

זלאַטע ווייסט דעם אמת, אַז פריידקע ליבט זיך נאָך מיט יאַנקל מאַלאַרזש.

באַלד אויפן אַנדערן טאָג ווי זי איז אָנגעקומען צו די גרינבערגס, קומט צו איר צו פריידקע, דערלאַנגט איר אַ פאַרמאַכטן קאָנווערט מיט אַ בריוו און זאָגט:

— גיי אויף דלוגע גאַס נומער 19, קלאַפּ אָן אין דער טיר און פרעג זיך אויף יאַנקל זילבערשטיין, קיין אַנדערן זאָלסטו דעם בריוו נישט געבן, נאָר אים אַליין. זאָג אים אַז דו וועסט וואַרטן, ער זאָל דיר באַלד געבן אַן ענטפער.

פון דעמאָלט אָן איז זלאַטע די פּאָטשט, זי טראָגט די בריוולעך פון פריידקען צו יאַנקלען און פון אים צו פריידקען. זלאַטען דאַכט זיך, אַז אין יעדן פּאַפּירל, וואָס זי טראָגט, פלאַטערט אַ צאַפּלדיק האַרץ. טראָגט זי די בריוולעך מיט אַ ציטער, ווי זי וואָלט געהאַלטן אַ טייערע זאַך אין די הענט.

אָפטמאָל זאָגט איר אָן פריידקע אים איבערצוגעבן אַ פּאָר ווערטער, וואָס זי האָט פאַרפעלט אַריינצושרייבן אין בריוול. חזרט זיך זלאַטע דעם גאַנצן וועג וואָס פריידקע האָט איר אָנגעזאָגט, זי גיט איבער די ווערטער פּינקטלעך ווי מ'האָט איר געהייסן, נאָר מיט אַזאַ געפיל, אַז די ווערטער דרינגען אַריין אין האַרצן אַ סך טיפער, ווי מען וואָלט זיי אַרויסגעלייענט פון פּאַפּיר.

סיי פריידקע, סיי יאַנקל האָבן ליב געקראָגן זלאַטען. זיי האָבן זיך צוגעוואוינט, אַז זלאַטע זאָל צוזאַמען מיטן בריוו זיי אויך עפּעס זאָגן.

יעדעס מאָל וואָס זי ברענגט אים אַ בריוול, פרעגט ער:

— וואָס האָט דיר פריידקע געזאָגט?

פריידקע, ווידער, פרעגט:

— וואָס האָט ער באַפוילן?

זלאַטע ווייסט שוין אַז אַחוץ דעם בריוו דאַרף זי נאָך עפּעס ברענגען, און אַז זיי זאָגן איר גאָרנישט אָן, מאָנט זי ביי זיי: — וואָס זאָל איך זאָגן? — און וואַרט ביז מען זאָגט איר עפּעס אָן.

זלאַטע האָט שטאַרק ליב צו טראָגן די בריוולעך. איר דאַכט זיך, אַז זי האָט אַ חלק אין זייער ליבע. ביים איבערגעבן סיי די פּאַפּירלעך, סיי די ווערטער קלאַפּט איר שטאַרקער דאָס האַרץ. די אויגן הייבן ביי איר אָן גלאַנצן און דאָס פּנים קריגט פרישע פאַרבן, גלייך זי אַליין וואָלט געווען איינע פון זיי. איר דאַכט זיך, אַז זי מאַכט־מיט די סודות־דיקע טרעפענישן פון די צוויי געליבטע, וואָס באַגעגענען זיך נאָר אויף זייטיקע וועגן הינטער דער שטאָט. עס גיט איר אַ געפיל, אַז זי איז שוין אַ דערוואַקסענע. זי איז ממש גליקלעך, וואָס זי העלפט אָנהאַלטן די פאַרבינדונג צווישן די צוויי.

אַמאָל אַז זי ליגט ביינאַכט אויפן געלעגער, ווייסט זי אַז פריידקע איז איצט הינטער דער שטאָט מיטן בחור. זי טראַכט: ער האַלט זי אַוודאי אַרומגענומען, דריקט זי צום האַרצן, און זי גלעט זיינע שוואַרצע לאָקן און זיי האַלטן זיך אין איין קושן און קושן אָן אַן אויפהער. דעמאָלט דערפילט זי, עפּעס ברויזט־אויף אין איר וועזן, עס וואַכן אויף ביי איר נייע געפילן, זי וואָלט אויך וועלן האָבן אַ געליבטן אַזוי ווי פריידקע, טראַכט זי און דערמאָנט זיך אין באַלעקן. זי וואָלט אים אַזוי געוואָלט זען, דעם אומגליקלעכן באַלעקן, זיצן לעבן אים אַזוי ווי זי פלעגט דאָס אַמאָל טאָן, ווען ער האָט געפּאַשעט די קי אין פעלד. ער זאָל פאַר איר זאָגן פון אויסנווייניק ווערטערס, אויספייפן פאַר איר זיינע ניגונים אויף אַ פייפל, צי מיטן מויל, אַזוי ווי דעמאָלט, ווען זיי האָבן געוואוינט אויפן דאָרף.

זי דערמאנט זיך אַז ער האָט איר אַמאָל געוואָלט אַ קוש טאָן. ווי זי האָט זיך דאָס דעמאָלט דערשראָקן, ווען ער האָט מיט זיין פּנים באַרירט אירס און זי האָט אים אַן אויפגעציטערטע אָפּגעשטויסן.

איצט ווייסט זי נישט, צי זי וואָלט אים אָפּגעשטויסן. יאָ, זי וואָלט אים געלאָזט ער זאָל זי קושן, פאַרוואָס נישט? וואָס איז דאָ פאַר אַן אומגליק אַז אַ יינגל גיט אַ מיידל אַ קוש? ס'איז גאָרנישט. און דאָס וואָס באַלעק איז נישט קיין ייד, איז אויך גאָרנישט. ער איז דאָך אַזאַ גוטער, אַזאַ איידעלער, און איר האַרץ ווערט דעמאָלט שיר נישט צע־ריסן פון בענקשאַפט נאָך באַלעקן.

זומער פאָרט ר' יידל מיט דער אַלטער קיין טשעכאָטשינעק נעמען

בעדער. דאַרף פריידקע נישט זוכן וואו צו באַגעגענען זיך מיט איר געליבטן, ער קומט אין שטוב אַריין.

זלאַטע ווייסט ווען ער קומט, ראַמט זי און פוצט אַלע צימערן, כאָטש קיינער הייסט איר דאָס נישט טאָן. דערנאָך פוצט זי זיך אַליין אויס, גלייך זי וואָלט דערוואַרט עמיצן וואָס קומט צו איר. זי מאַכט פאַר זײַ טיי און באַדינט זיי מיט גאָר אַן אַנדער געפיל ווי זי באַדינט די יידן, וואָס קומען שפּילן אין קאַרטן. צו באַדינען יענע איז ביי איר אַן אָפּקומעניש.

ווען יאַנקל קומט האָט זלאַטע ליב צו בלייבן אין הויז. זי זוכט זיך אויס פאַרשידענע אַרבעטן, דרייט זיך אַרום אין קיך און אַז זי האָט שוין גאָר נישט וואָס צו טאָן, זעצט זי זיך אַריינקוקן אין איר לערן־ביכל, נאָר ס׳קריכט איר דעמאָלט נישט אין קאָפּ אַריין דאָס לערנען. זי קאָן גאָר נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס זי ווערט צערודערט, ווען יאַנקל קומט צו פריידקען.

געוויינלעך קומט ער אין די אָוונטן און זיצט אָפּ מיט איר אויף דער קאַנאַפּע ביז שפּעט אין דער נאַכט.

איינמאָל לייגט זיך זלאַטע שלאָפן, נאָר עס שלאָפט זיך איר נישט. זי הערט זייער רעדן:

— ווי איך זע — זאָגט ער צו פריידקען — וועלן דיינע עלטערן קיינמאָל נישט צושטימען מיר זאָלן חתונה האָבן. ווען איך האָב געלט אויף אַ שיפסקאַרטע, וואָלט איך אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. פון דאָרט וואָלט איך באַלד נאָך דיר געשיקט.

נאָך די ווערטער זיינע איז אַ ווײַלע שטיל געווען. דערנאָך גיט פריידקע מיט אַמאָל אַ זאָג:

— איך האָב אַן עצה.

— צום ביישפּיל? — כאַפּט ער אונטער.

— איך וועל נעמען דער מאַמעס דימענטענע אוירינגלעך צו אַ גאָלד־שמיד און אים זאָגן, ער זאָל אַרויסנעמען די דימענטן און אַריינזעצן פּראָסטע שטיינדלעך. מיר וועלן פאַרקויפן די דימענטן, וועסטו האָבן פאַר וואָס צו פאָרן קיין אַמעריקע.

— נישט קיין שלעכטער פּלאַן, — דערפרייט זיך יאַנקל מיט דעם געדאַנק.

אין זלאַטען הייבט זיך אָן צאַפּלען דאָס האַרץ פון די ווערטער. זי ווייסט נישט צי דאָס איז דערפאַר וואָס פריידקע קלויבט זיך איבער־

בייטן די דימענטן אויף פראָסטע שטיינדלעך, אָדער דערפאַר וואָס די צווײ פאַרליבטע וועלן פאַרט אויספירן זייערס.

זלאַטע האָט זיך באַקאַנט מיט עטלעכע מיידלעך, וואָס דינען אויפן זעלבן הויף. זיי זענען אַלע עלטער פון איר און זענען אַ סך לענגער פון איר אין דער פרעמד. ווען איינע מיט דער אַנדערער טרעפט זיך, רעדט מען נאָר פון דער אַרבעט, פון די באַלעבאָסטעס, פון די צרות, וואָס יעדע פון זיי שטייט אויס. און דערביי זשאַלעוועט מען נישט פאַר די באַלע־באָסטעס קיין קללות. אָבער זלאַטע האָט פיינט אַזוינע רייד. אַז זי גייט אַרויס פון הויז, טוט זי זיך אויס פון איר אַרבעט. איר ווילט זיך ליבערשט רעדן פון איר לערנען זיך, פון שרייבן און לייענען. און זי רעדט טאַקע צו אַנדערע זיי זאָלן זיך אויך לערנען. פון אַלע מיידלעך וואָס זי קען, האָט זי צום ליבסטן גליקען מיט בלומקען.

גליקע איז אַ גרויסע בריה ביי דער אַרבעט. איר דאַרף מען גאָר נישט זאָגן וואָס צו טאָן, זי ווייסט אַלץ אַליין. אַז זי קומט אָן אויף אַ ניי אָרט, גייט זי באַלד פון איין אַרבעט צו דער אַנדערער, ווי אַ געניטע באַלעבאָסטע. צו איר קאָכן און באַקן איז גאָר קיין גלייכן נישטאָ. זי האָט זייער פיינט, ווען מען שאַפט זיך מיט איר, ווען מען באַפעלט איר צו טאָן. די באַלעבאָסטע אירע היט זיך טאַקע נישט אַרויסצורעדן צו איר קיין שלעכט וואָרט. זי ווייסט, אַז גליקען טאָר מען נישט באַליידיקן, ווייל זי קאָן אין מיטן אָן אַרבעט זאָגן אַ גוטן־טאָג און מען וועט זי שוין נישט צוריקבררענגען. זלאַטע האָט זי טאַקע דערפאַר ליב, וואָס זי לאָזט זיך נישט שפייען אין דער קאַשע.

בלומקע, פאַרקערט, איז גראד זייער אַ שטילע, אַ שעמעוודיקע. און ווייל זי קאָן נישט אָפּענטפערן, האָט זי גרויסע צרות סיי פון דער באַלעבאָסטע און סיי פון די קינדער, וואו זי דינט. גייט זי אַרום פאַר־ביטערט מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ. אויף איר מאַט־טונקל פּנים ליגט אַ שטענדיקער אומעט. אירע גרויסע, ברוינע אויגן זענען שטענדיק גרייט אויסצואוויינען איר ביטערן גורל. זי איז אַן עלנדע, האָט נישט קיין טאַטן און קיין מאַמען. איר מאַמע איז געשטאָרבן, ווען זי איז אַלט געווען עטלעכע חדשים און דעם פאָטער אירן האָבן גזלנים אונטערוועגנס דערהרגעט, ווען זי איז אַלט געווען דריי יאָר. האָבן די פרומע באָבע־זיידע זי גע־האָדעוועט ביז צען יאָר און פון דעמאָלט אָן דינט זי.

זלאַטען איז בלומקע מיט איר שטילקייט, מיט איר איידעלן אויסזען שטאַרק געפעלן געוואָרן. ווען נאָר זי קאָן אָפּרייסן אַ פּאָר מינוט, לויפט

זי אַריין זען בלומקען. און וואו זי גייט רופט זי זי מיט, און יענע רעדט זיך פאַר איר אויס איר ביטער האַרץ.

זלאַטען האָט זיך איינגעגעבן איינצורעדן גליקען מיט בלומקען זיי זאָלן זיך אויך אָנהייבן לערנען ביי איר לערערין. דער לערערינס, לעבנס־געשיכטע איז שטאַרק ענלעך צו בלומקעס. די לערערין איז אויך פון קינדווייז־אָן געבליבן אַ קיילעכדיקע יתומה. נישט מער, זי האָט זיך געהאָדעוועט ביי אַ פאַרמעגלעכער באָבען. נאָך איר זיידנס טויט האָט די באָבע אַליין איבערגענומען און געפירט דאָס זייף־געשעפט. דאָס מיידל האָט זיך צו זיבעצן יאָר פאַרליבט אין דעם אָרימען חיים שלייפער, וואָס איז מיט עטלעכע יאָר עלטער פון איר. ער שטייט אין קאַזשע געסל מיט זיין שלייף־רעדל און וואַרט מען זאָל אים צוברענגען אַ מעסער אָדער אַ שער צו שלייפן.

די באָבע האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט נישט צו דערלאָזן אַז איר גערעאָטן אייניקל זאָל חתונה האָבן מיט דעם אָרימען שלייפער.

איז ער אָבער אַ בחור, אַז ווען אַ מיידל דערקאָנט אים, איז איר שווער פון אים זיך אָוועקצורייסן. אי ער איז אַן איידעלער, מיט אַ סימפּאַטיש פּנים און גוטמוטיקע, קלוגע אויגן, אי ס'איז אַ מחיה אים צו הערן רעדן. אָבער רעדן רעדט ער גראָד זייער ווייניק. אין אַ פרעמדער געזעלשאַפט איז ער גאָר אַ שווייגער. ער האָט ליב צו הערן וואָס אַנדערע זאָגן. ער רייסט זיך נישט אַריין אין יענעמס רייד און האָט פיינט איבער־צוזאָגן, וואָס אַנדערע האָבן געזאָגט. עפנט ער אָבער דאָס מויל, בלייבן אַלע שטיל. ווייל אין חיים שלייפערס וואָרט ליגט שטענדיק אַן איבּ־האַלט, אַ געדאַנק. ווען ער געפינט זיך צווישן מענטשן פון זיין גלייכן, ווערט ער גאָר אַן אַנדערער. אַמאָל שטראָמען פון אים רייד נאָך רייד מיט לאָגישע געדאַנקען. און כאָטש ער האַלט זיך רואיק, טומלט נישט און שרייט נישט, פילט מען אָבער ווי ער רעדט מיט אַ ברויזנדער קראַפט. אים אַרט אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט און ער קאָן נישט פאַרליידן קיין עוולות וואָס שטאַרקע באַגייען קעגן שוואַכע, כאָטש ער פאַרשטייט זייער גוט פון וואַנען דאָס נעמט זיך. אַז ער רעדט פון מענטשלעכע אי־בערלעבענישן, גיט ער דאָס איבער מיט אַזוי פיל נשמה, אַז דער צו־הערער ווערט מיטגעריסן, און כאָטש ער איז אין קיין שקאָלעס נישט געגאַנגען, ווייסט ער אָבער זייער אַ סך וועגן דער וועלט און וועגן מענטשן. ער האָט פון לייענען ביכער מיט צייטונגען אַ סך געלערנט.

זלאַטעס לערערין איז געגאַנגען אין שקאָלע און האָט פאַרענדיקט

פיר קלאַסן גימנאַזיע. דאָך האָט דער שלייפער פון קאָזשע געסל איר גע־עפנט די אויגן, אויפגעמאַכט פאַר איר אַ טיר צו אַ ברייטערער וועלט.

די טרעפעונישן מיט אים זענען פאַר איר די גליקלעכסטע איבער־לעבונגען וואָס אַ מענטש קאָן זיך ווינטשן. — נאָר די באָבע אירע היט זי, זי זאָל זיך מיטן שלייפער נישט טרעפן.

— נישט פאַר מיין לעבן — זאָגט זי, — וועט מיין אייניקל מיט אים חתונה האָבן.

איז שוין די לערערין טאַקע אַ מיידל אין די יאָרן. און זי וויל קיין אַנדער בחור נישט קאָנען. זי וואַרט נאָך אַלץ און האָפט אויף אַ נס, זי זאָל קענען חתונה האָבן מיטן שלייפער.

זלאַטען צעגייט שיער נישט דאָס האַרץ פון מיטגעפיל צו איר לע־רערין. זי האָט שיער־שיער איר נישט געגעבן די עצה זי זאָל מיט דער באָבעס צירונג טאָן דאָס וואָס פריידקע האָט געטאָן מיט איר מאַמעס אוירינגלעך און זי זאָל מיטן שלייפער אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע. נישט איינמאָל זענען איר די ווערטער געלעגן אויף די ליפּן צו דערציילן סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין אַ געשיכטע מיט איבערבייטן דימענטן אויף פּראָסטע שטיינער, וואָס זי האָט כלומרשט פון עמיצן געהערט. זי האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געוואָלט עס זאָל פאַלן אַ חשד אויף פריידקען. יעדעס מאָל, ווען זי האָט שוין געהאַלטן ביים דערציילן דער לערערין די גע־שיכטע, האָט דאָס האַרץ איר גענומען קלאַפּן אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט נישט געקאָנט עפענען דאָס מויל.

די לערערין איז שטאַרק ענלעך צום שלייפער. זי איז אויך אַ הויכע, אַ דינע, פונקט ווי ער. איר פּנים איז אויך טונקל־ברוין־גרינלעך, ווי זיינס, נאָר איר פּנים איז שמעלער פון זיינעם. און די אויגן אירע זענען ברוינע, נישט קיין גרוי־בלווילעכע ווי ביי אים, נאָר עס ליגט אין זיי די זעלבע צאַרטקייט און קלוגשאַפט. אויך אין זייערע געדאַנקען גייען זיי זיך צונויף. פונקט ווי ער, האָט זי פיינט דעם שקר, בענטשט און אַכטעט דעם אמת. זי איז אָרנטלעך צו זיך און האַלט אַז די מענטשן דאַרפן זיין אָרנטלעך איינער צום אַנדערן.

אַמאָל זיצט זלאַטע ביי דער לעקציע און קוקט אויף דער לערערינס לאַנגע, דינע פינגער, בשעת יענע האַלט צו מיט דער לינקער האַנט דאָס פּאַפּיר ביים איבערקוקן די געמאַכטע לעקציע אָדער ביים אָנשרייבן אַ נייע שורה. איר דאַכט זיך, אַז אויף יעדן פינגער ליגט די בענקשאַפט צו איר געליבטן. זי איז שטענדיק אומעטיק, און עס דאַכט זיך אַז זי באַהאַלט אין זיך אַ טיפן ווייטיק.

ביי יעדער לעקציע האָט זי ליב פאַרצולייענען מעשהלעך פאַר אירע שילער. זי לייענט זייער שיין, מיט אַ סך געפיל. זלאַטע ווערט מיט־געריסן מער פון אַנדערע, זי האָט שטאַרק ליב דאָס לערנען און ביי יעדער לעקציע ווערט זי אויפגעלעבט. אַז זי קומט אַהיים, טראַכט זי פון דער לערערין און פון פריידקען. זי איז זיי שטאַרק מקנא. כאָטש זי ווייסט אַז עס גייט זיי נישט גוט מיט זייערע ליבעס, ווינשט זי זיך פונדעסטוועגן אַז זי זאָל אויך זיין פאַרליבט אַזוי ווי זיי. ביי אַט־די געדאַנקען קומט איר אָבער באַלד אויפן זינען, אַז זי איז אַ דינסטמיידל. זי וואָלט אויך וועלן האָבן פאַר אַ געליבטן אַזאַ ווי חיים דער שלייפער איז, נאָר וועלכער לייטישער בחור וועט זיך דאָס פאַרליבן אין אַ דינסט־מיידל ? פון אַזעלכע געדאַנקען ווערט זי ביי זיך שטאַרק געפאַלן. די אַלע דינסטמיידלעך, וואָס זי קאָן, זענען דאַכט זיך פיינע מיידלעך, פונקט ווי די באַלעבאַטישע און זי קאָן נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס די באַלעבאַטישע מיידלעך ווילן זיך מיט זיי נישט חברן. נאָר ווען זי דערמאַנט זיך אין באַלעקן, ווערט איר גוט אויף דער נשמה. באַלעקן וואָלט נישט געאַרט וואָס זי איז אַ דינסטמיידל, איז ער אָבער נישט קיין ייד. ווען באַלעק וואָלט נאָר געווען אַ ייד, טראַכט זי, וואָלט איר גאָרנישט געאַרט, וואָס ער האָט אַ הויקער.

# די מאָביליזאַציע

**שוין** די צווייטע וואָך ווי פריידקע טרעט נישט אַרויס פון שטוב. זי גייט אַנגעטאָן אין שלאַפראָק מיט די שטעקשיך, ליגט גאַנצע טעג אויף דער קאַנאַפּע און לייענט פּוילישע ביכער. זי רייסט אַמאָל איבער דאָס לייענען, לייגט אַוועק דעם אָפענעם בוך לעבן זיך און פאַרמאַכט די אויגן, נאָר שלאָפן שלאָפט זי נישט. אַז זי ווערט מיד פון ליגן, הויבט זי זיך אויף, גייט צו צום שפּיגל און צעלאָזט אירע לאַנגע ברוין־קאַשטאַנענע כוואַליענדיקע האָר. זי רוקט אין זיי אַריין ביידע הענט און צעקעמט זיי מיט אירע לאַנגע, דינע פינגער. דער־נאָך נעמט זי דעם קאַם און קעמט, קעמט און קעמט די האָר אָן אַ צוועק, אָן אַ זין. זי וואַרפט זיי איבער פון איין זייט אויף דער אַנדערער, אַמאָל פאַרשאַרט זי זיי אַרויף און בלייבט אַ ווײַלע שטיין אומבאַוועגלעך. זי זעט אין שפּיגל ווי איר פּנים איז בלייך, אָפּגעצערט, די אויגן זענען מאַט, אויסגעלאָשן. אַז די האַנט ווערט איר מיד פון קעמען, פאַרדרייט זי נאָכלעסיק די האָר און לייגט זיך ווידער אויף דער קאַנאַפּע.

סיי ביים טאָן אין קיך, סיי ביים ראַמען די שטוב, כאַפּט זלאַטע אַלע מאָל אַ בליק אויף פריידקען. זי זעט אַז זינט יאַנקל מאַלאַרזש איז אַוועקגעפאָרן, איז פריידקע נישט די זעלביקע. איר גאַנצע לוסטיקייט האָט זיך פון איר אָפּגעטאָן. זלאַטע אַליין בענקט אויך נאָך אים.

ווער עס גייט נאָר אַ ריר מיט דער טיר, גיט זיך פריידקע אַ צאַפּל, שפּרינגט אויף פון אָרט. זי מיינט, אַז אָט ברענגט מען איר אַ טעלע־גראַמע, אַ בריוו. אַ ידיעה פון יאַנקלען, אַז ער איז בשלום אָנגעקומען קיין אַמעריקע.

מיטאַמאָל אַן אויפרודערונג. די גאַנצע שטאָט ווערט אויפגעטרייסלט. עס כאַפּט אַלעמען אַרום אַ ציטער. אין אַלע גאַסן, אויף אַלע ראָגן און וואו עס איז נאָר פאַראַן אַ סלופּ, אויף וועלכן מען קלעפּט אָפּישן מיט באַקאַנטמאַכונגען, דערזעט מען אויפגעקלעפּטע אויפרופן מיט גרויסע אותיות אויף רוסיש און פּויליש.

אין צוויי טעג אַרום זאָלן אַלע מענער אין עלטער פון איין־און־צוואַנציק ביז צוויי־און־פערציק יאָר זיך צושטעלן צו דעם און דעם פאַרזאַמל פונקט.

„אַ מלחמה!״ טראָגט זיך דאָס וואָרט פון איינעם צום אַנדערן, ווי אַ פלאַם־פייער אין אַ שטורעם, וואָס כאַפּט־אָן איין הויז נאָכן אַנדערן.

ווייבער ברעכן שוין די הענט און וויינען. די גאַסן זענען געדיכט מיט מענטשן. מען שטופּט זיך צו די אויפרופן, ווער עס קאָן נאָר אַביסל לייענען וויל אַליין מיט די אייגענע אויגן זען וואָס דאָרט איז געשריבן. מען גלייבט נישט וואָס אַנדערע זאָגן. טייל האַלטן צייטונגען און קוקן אין זיי אַריין. עס שטייען רעדלעך מענטשן. מען בעט דעם, וואָס האַלט די צייטונג, ער זאָל לייענען אין דער הויך. מען בייגט־צו די קעפּ, מען וויל הערן וואָס איז פּלוצים געשען, פאַר וואָס גייט מען זיך שלאָגן.

אָבער אין די צייטונגען קאָן מען נאָך גאָרנישט געפינען וועגן דער מלחמה. נעכטן האָט די וועלט נאָך נישט געוואוסט פון דעם אומגליק, נאָר די מענטשן אין גאַס ווייסן שוין, אַז ערגעץ אין סערביע האָט מען דערהרגעט דעם עסטרייכישן קרוינפּרינץ, גייט דער דייטשער קעניג ווילהעלם זיך אָננעמען פאַר עסטרייך, זיך אָפּרעכענען מיט סערביע. קאָן דער רוסישער קייסער דאָס נישט פאַרליידן, ער מוז זיך אָננעמען פאַר סערביע און זיך קעגנשטעלן די דייטשן.

שכנים קומען אַריין איינער צום אַנדערן מיט פאַרטרויערטע פּנימער, מען רעדט־איבער וואָס ס'איז אָנגעשריבן אויף די אויפרופן און וואָס מענטשן זאָגן.

פריידקע כאַפּט אויף זיך אַ קליידל, טוט זיך אָן די שיך און לויפט אויך אַראָפּ אין גאַס. זי שטופּט זיך גלייך מיט אַנדערע אין געדיכטן מענטשן־קנויל צום קיאָסק און פּונקט ווי יענע וויל זי אויך אַליין איבערלייענען דעם אויפרוף מיט די אייגענע אויגן.

אַלע מינוט הערט מען אַנדערע נייעס. ווי די נייעסן וואָלטן מיט יעדער רגע פון דער ערד אַרויסגעוואַקסן. פאַרנאַכט קלעפּט מען פרישע אויפרופן מיט נייע און זייער שטרענגע פאַראָרדענונגען.

צוויי טעג שפּעטער, תשעה באב, איז די שטאָט שוין געדיכט איבערגעפּאַקט מיט פערד און וועגענער פון אַרומיקע שטעטלעך און דערפער. דאָס זענען אָנגעקומען די מענטשן, וואָס דאַרפן זיך שטעלן צום מיליטער־דינסט. פויערטעס שלעפּן זיך מיט פּעקלעך, וואָס זיי האָבן

מיטגעבראַכט מיטצוגעבן זייערע מענער און זין, וועלכע מען וועט אין גיכן אָװעקשיקן.

אַזאַ תשעה באב איז שוין לאַנג נישט געווען. ביים זאָגן קינות קלאָגן יידן נישט בלויז אויפן אַמאָליקן חורבן, נאָר אויך אויף דעם, וואָס קומט פאָר פאַר די אייגענע אויגן, אויף דעם נייעם אומגליק, די מלחמה.

מיט דער זעלבער ענגשאַפט, מיטן זעלבן טומל און רעש, מיט גע־וויינען פון מאַמעס און קינדער האָט זיך אָנגעהויבן אויך דער צווייטער טאָג נאָך תשעה באב. די גאַנצע שטאָט איז שוואַרץ, חושך, ווי עס ווערט אַמאָל פלוצים חושך דער הימל פון אַן אָנגעקומענער פינצטע־רער כמאַרע פאַר אַ שטורעם. די געדיכטקייט אויף די גאַסן נעמט זיך נישט בלויז פון די מענטשן, וואָס זענען אָנגעקומען פון אַנדערע שטעט און דערפער, נאָר אויך פון די איינוואוינער פון דער שטאָט גופא, וואָס דרייען זיך אַרום אין דרויסן. מען קאָן נישט איינזיצן אין די שטיבער, קיינעם הייבן זיך נישט די הענט עפּעס צו טאָן. מען גייט צו צו באַקאַנטע, מען שטייט אין רעדלעך און מען רעדט. מען זוכט אַ טרייסט, מען האָפט עס זאָל קומען אַ גוטע בשורה, אַז די מלחמה איז אויס. וואו עס ווערט נאָר אַ גרויס רעדל מיט מענטשן, קומען באַלד צו פּאָליציאַנטן און טרייבן פון די ערטער, לאָזן נישט איינשטיין.

זלאַטע קאָן אויך נישט איינזיצן אין הויז. זי לויפט אַלע ווײַלע אַרויס אין גאַס און כאַפּט זיך צו צו דער מאַמען. זי וויל נאָר זיין מיט דער מאַמען. די באַלעבאָסטע שרייט נישט אויף איר, זי הייסט איר נישט צוראַמען די שטוב, אויסוואַשן די פּאָדלאָגעס אויף שבת נחמו. עס אַרט איר נישט, וואָס זלאַטע זאַמט זיך אַזוי לאַנג ביי דער מאַמען.

דער וואָיענער פּלאַץ איז אָנגעפּראָפּט מיט פערד און וועגענער, שטייט זי אויפן לאַנגן באַלקאָן און קוקט אויף דער געדיכטער שוואַרצ־קייט פון דער שטאָט. דער מאַמעס שטיבל איז איבערגעפּאַקט מיט היימישע פּויערטעס, וואָס זענען געקומען מיט זייערע מענער און זין, וועלכע דאַרפן זיך שטעלן צום מיליטער. זיי רעדן וועגן דער ביטערער צרה און וויינען. מען וועט צונעמען די יונגע מענער, קלאָגן זיי, וועט נישט זיין ווער ס׳זאָל אַרבעטן אויפן פעלד, וועט זיין אַ הונגער, וועט נישט זיין וואָס צו געבן די קינדער אין מויל אַריין.

אַלע טאָג קלעפּט מען פרישע אויפרופן מיט אַנדערע מעלדונגען, מיט נייע פאַראָרדנונגען. יעדע מעלדונג ברענגט נייע לאַסטן, מאַכט אַלץ שווערער און שווערער פאַר דער באַפעלקערונג צו לעבן. גייען אַרום מענטשן פאַראומערטע, דערשלאָגענע. מען קאָן זיך גאָרנישט פאַר־

שטעלן, ווי אַזוי מען וועט דאָס אַלץ אויסהאַלטן. עס דאַכט זיך, אַז דער הימל איז ביי דער ערד.

זלאַטע איז אויך שווער אויפן האַרצן, כאָטש זי ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס. אירע ברידער זענען אין אַמעריקע און דעם שוואָגער אירן פעלט דער גראָבער פינגער פון אַ פוס, וועט מען אים אין דער מלחמה נישט נעמען.

זי וואָלט איצט וועלן טראָגן און ברענגען בריוולעך פון יאַנקל מאַלאַרזש צו פריידקען, איז ער אָבער נישטאָ. פריידקע גייט אַרום אַ פאַרבענקטע, זי קאָן איצט פון אים נישט הערן.

די מלחמה לאָזט זיך פילן אַלץ מער מיט יעדן טאָג. עס פעלן שוין אויס די נויטיקסטע זאַכן. עס פעלט אויס שפייז. עס וואַקסט־אָן אַ פּאַניק. מיט יעדן טאָג ווערט אַלץ שווערער צו קריגן צוקער, אייל, זייף, נאַפט, מעל און אַ סך אַנדערע זאַכן. געשעפטן לײדיקן זיך אויס, אַ סך פאַר־מאַכן זיך. די וואָס בלייבן אָפן שטייען מיט זייער ווייניק סחורה. שפּעקו־לאַנטן, שמועסן מענטשן, באַהאַלטן פאַרשידענע אַרטיקלען, כדי צו קאָנען קריגן פאַר זיי העכערע פּרייזן. דער יקרות וואַקסט פון שעה צו שעה. באַל־מעלאָכעס האָבן נישט וואָס צו טאָן, און דער הונגער ווערט אַן אָפטער גאַסט אין אָרימע היימען.

ביי ר׳ יידלען איז די לאַגע אויך ערגער געוואָרן. עטלעכע פון זיינע איינוואוינער, באַלמעלאָכעס, פאַרדינען נישט קיין גראָשן, האָבן זיי נישט מיט וואָס צו צאָלן דאָס דירה־געלט. דער געזעץ זאָגט, אַז מען טאָר קיינעם נישט אַרויסוואַרפן פון דער דירה, קאָן ר׳ יידל זיי גאָר נישט טאָן. צוויי פון זיינע פאַרדונגענע געוועלבער האָבן זיך צוגע־מאַכט און שטייען ליידיק. פון דעם ביסל מזומן געלט, וואָס ער האָט געהאַט ליגן אין דער לייַ־קאַסע, קאָן ער איצט קיין איין רובל נישט אַרויסקריגן. די קאַסעס צאָלן נישט אויס צו קיינעם קיין געלט. איז ר׳ יידל שטאַרק באַזאָרגט.

זלאַטע האָט שוין אַ פּאָר מאָל געהערט אים איינטענהן מיטן וויב:

— מינדעלע, — זאָגט ער צו איר מיט אַ געפּאַלענעם טאָן, — מיר וועלן נישט האָבן קיין אַנדער ברירה, דו וועסט מוזן פאַרזעצן דיינע דימענ־טענע אוירינגלעך. דער ווינטער רוקט זיך אָן. מען מוז קויפן אַביסל האָלץ מיט קוילן, אַז נישט קאָן מען נאָך, חלילה, פאַרפרוירן ווערן.

אַז זלאַטע הערט די רייד, כאַפּט זי אַרום אַ ציטער. ביים פאַר־זעצן די אוירינגלעך, ווייסט זי, וועט מען אויסגעפינען אַז די די־מענטן זענען גאָר קיין דימענטן נישט, אַז מען האָט זיי פאַרביטן אויף

פראַסטע שטיינער. זי קאָן נישט רוען. ביינאַכט נעמט איר נישט קיין שלאָף, זי ווייסט נישט ווּעמען מען וועט אין דעם חושד זיין, און פאַר שרעק טרייסלען זיך ביי איר די גלידער. זי ווייסט נישט וואָס פריידקע וועט טאָן. וועט זי אויסזאָגן דעם אמת ? צי אפשר וועט זי גאָר אַרויפוואַרפן דאָס פעקל אויף איר, אויף זלאַטען ? פאַלט איר איין אַ בייזע מחשבה. און ווען זי זאָל אפילו דערציילן אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען מיט די אוירינגלעך, האָט זי מורא, אַז מען וועט איר נישט גלייבן. זיי וועלן באַלד צעקלינגען איבערן שטאָט, אַז זלאַטע איז די גנבטע. זי וועט זיך שעמען צו קוקן מענטשן אין די אויגן, זי וועט זיך פון אַזאַ חרפה אין זיבן וואַסערן נישט אָפּוואַשן.

ווען פריידקע וואָלט כאָטש געווען אין דער היים, וואָלט זי זיך מיט איר וועגן דעם דורכגערעדט, איז זי אָבער פונקט די פאַריקע וואָך אַוועקגעפאָרן צוגאַסט קיין קאַלושין צו אַ מומען, מינדעלעס אַ שוועסטער. ווער ווייסט ווי לאַנג זי וועט זיך דאָרט פאַרזאַמען.

ווען זי וואָלט פריער געוואוסט, אַז עס וועט קומען צום פאַרזעצן די אוירינגלעך, טראַכט זלאַטע, וואָלט זי דאָ אויף ווייטער נישט פאַרבליבן. איצט איז שוין עטלעכע וואָכן אויפן נייעם זמן. אי ס׳איז שווער צו קריגן אַ ניי אָרט, אי באַלעבאַסטעס שטעלן זיך שטאַרק אָפּ אויף דעם, וואָס אַ מיידל גייט אַוועק אין מיטן זמן.

ווען מינדעלע האָט שוין געהאַט באַשלאָסן מאָרגן צו גיין פאַרזעצן די אוירינגלעך, האָט זיך אין אַ שפּעטער נאָכמיטאָג שעה פלוצים אָן עפן געטאָן די טיר און פריידקע איז אַריינגעקומען מיט איר וואַליזע אַ צופרידענע פון דער רייזע.

— וואָס ביסטו עפּעס פלוצלינג געקומען ? האָסט דאָך געשריבן, אַז דו בלייבסט דאָרט ביז איבער שבת ? — האָט די מוטער געפרעגט.

— יאָ, איך האָב געזאָלט בלייבן, האָט זיך מיר אָבער געמאַכט אַ געלעגנהייט מיט ווּעמען צו פאָרן, בין איך געקומען, — האָט פריידקע געמיטלעך געענטפערט און זיך צעקושט מיט דער מאַמען.

זלאַטע האָט זיך שטאַרק דערפרייט וואָס פריידקע איז צוריקגעקומען. עס איז אַריין אין איר אַ נייע נשמה. ווי באַלד זיי זענען געבליבן אַליין, האָט זי אויף איין אויער איר דערציילט, אַז די מאַמע קלויבט זיך מאָרגן צו פאַרזעצן די אוירינגלעך.

פריידקען האָט די נייעס געטראָפן ווי אַ דונער. זי איז געוואָרן שטאַרק בלייך. יענעם אויפדערנאַכט האָט זי גאָרנישט געגעסן. די מוטער האָט זיך דערשראָקן פאַר איר אויסזען, געמיינט, אַז זי איז קראַנק.

— וואָס איז מיט דיר פריידעלע? עפּעס זעסטו מיר אויס שלעכט. ביסט נישט געזונט? — האָט די מוטער אָנגעהויבן זי פאַרוואָרפן מיט פראַגן.

— ניין, עס איז מיר גאָרנישט, זיך אָנגעקלאַפּט אויף דער פור, בין איך מיד, ווייל איך נישט עסן — האָט פריידקע זי געפּרואווט באַרואיקן.

אַ גאַנצע נאַכט האָט פריידקע קיין אויג נישט פאַרמאַכט. דאָס האַרץ האָט זיך ביי איר געוואָרפן, זי האָט געציטערט פאַר דער שאַנד, וואָס רוקט זיך אָן אויף איר און האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ ווי אַזוי אַרויסצוקריכן פון דער צרה. ביז עס איז איר איינגעפאַלן: זי וועט נעמען די אוירינגלעך און אַליין כלומרשט גיין זיי פאַרזעצן. זי וועט קומען צוריק און זאָגן, אַז מען וויל נישט געבן קיין געלט אויף אַ משכון.

דעם סטרוזש פון די גרינבערגס האָט מען צוגענומען אין דער מלחמה. דאָס ווייב איז געבליבן מיט פיר פּיצלעך קינדער.

ווען עס שעפּט זיך אויס דאָס וואַסער פון פּעסל, גייט זלאַטע צו דער סטרוזשקע אָנזאָגן, אַז מען דאַרף וואַסער. זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ קליינטשיק שטיבעלע ווי ביי דער סטרוזשקע. עס שטייט דאָרט בלויז אַ בעט צוגעפּעקלאַפּט פון פּראָסטע נישט געהובלטע ברעטער. לעבן קומען איז פון פונקט אַזעלכע ברעטער צונויפגעקלאַפּט אַ קאַסטן, וואָס דינט פאַר אַ סך זאַכן: אי צו האַלטן דאָרט אינעווייניק דאָס ביסל אָרימע שמאַטעס, אי פאַר אַ טיש, וואו מען קאָן עפּעס טאָן, אי פאַר אַ באַנק צום זיצן. לעבן דעם איינציקן קליינעם פענצטערל שטייט אַ קיילעכדיקע טאַבורעטקע מיט צוויי פיס־בענקעלעך און אין מיטן קאָן זיך אַ מענטש קוים אויסדרייען.

פאַר די קינדער צו שלאָפן איז געמאַכט אונטער דער סטעליע, איבערן בעט, אַ מין רישטאָוואַניע. דאָרט ליגט אַביסל שטרוי איבערגעשפּרייט מיט אַן אויפגעריסענעם זאַק. אַלע נאַכט רוקן זיך די קינדער אַהין אַריין צו שלאָפן.

ווען יוזעף דער סטרוזש איז געווען אין דער היים, איז ער אַלע טאָג געגאַנגען זוכן עפּעס צו טאָן, צו פאַרדינען אַ פּאָר גראָשן אויף ברויט: זומער ערגעץ אויף אַ פעלד און ווינטער אין שטאָט מיט דער האַק איבער די הויפן, אפשר דאַרף מען וואו צעהאַקן האָלץ. איצט איז ער נישטאָ. איז איר מיט די קינדער ביטער. דאָס ביסל געצאָלטס, וואָס זי קריגט אַלע צוויי וואָכן פון דער מאַכט, סטייעט איר בלויז אויף צוויי אָדער אויף דריי טעג צום לעבן. זלאַטע האָט זייער ליב די יינגסטע,

די קליינע זאַשקע. ווען זי איז אויפֿן הויף, לויפֿט זי אַריין זען זאַשקען. אַמאָל ברענגט זי איר פֿון דער מאַמען אויסגעשוירענע שטיקלעך סחורה צו מאַכן ליאַלקעס. אַז זי האָט צייט, מאַכט זי אַליין פֿאַר איר אַ ליאַלקע.

פֿון זינט דער סטרוזש איז אויף דער מלחמה, טרעפֿט זלאַטע אָפֿט די קינדער אַליין, די סטרוזשקע גייט אַוועק זוכן אין באַלעבאַטישע היימען אַביסל וועש אויסצוואַשן. די קינדער זיצן און וויינען, זיי ווילן עסן און די שטוב איז ליידיק. נישטאָ קיין קאַרטאָפֿליע, קיין ביסן ברויט.

פֿאַלט איין זלאַטען אַז זי קאָן פֿון איר ברויט, וואָס די באַלעבאָסטע גיט איר ביי יעדן מאָלצייט, אַראָפּנעמען אַ שטיקל און דאָס ברענגען פֿאַר די אויסגעהונגערטע קינדער. זי ווייסט אָבער, אַז ווען די באַלעבאָסטע זאָל זיך דערפֿון דערוויסן, וועט זי דאָס נישט וועלן ליידן און זי קאָן איר נאָך דערפֿאַר חושד זיין אין גנבֿה.

עס רייסט איר אָבער דאָס האַרץ צו זען די הונגעריקע קינדער וויינען. זי הייבט אָן אָפּברעכן שטיקלעך פֿון איר ברויט. וויקלט דאָס איין אין אַ שמאַטקעלע און באַהאַלט עס אונטערן דעק אין שלאָפֿבאַנק. ווען די באַלעבאָסטע זעט נישט, כאַפּט זי דאָס פּעקעלע אונטערן פֿאַרטעך און לויפֿט אויפֿן הויף. דאָס האַרץ קלאַפּט איר אי פֿון שרעק קיינער זאָל זי נישט כאַפּן, אי פֿון פֿרייד, וואָס זי טראָגט שטיקלעך ברויט פֿאַר די הונגעריקע קינדער. אַז זי קומט אַריין, רייסט זיך יעדעס קינד צו קריגן אַ גרעסער שטיקל, נאָר זלאַטע גיט אַכטונג, אַז אַלע זאָלן האָבן גלייך. אַמאָל וואַרט זי ביז זיי עסן אויף דאָס ברויט. זי האָט ליב צו זען ווי די קינדער האָבן הנאה פֿון דעם עסן.

נאָכדעם ווי דאָס איז איר אָפּגעגאַנגען גלאַט אַ שטיק צייט, פֿאַלט זלאַטען איין, אַז זי קאָן ברענגען די קינדער צוקער אויך. פֿון די צוויי קלעצלעך צוקער, וואָס זי קריגט פֿאַר איר גלאָז טיי, קאָן זי יעדעס מאָל אַראָפּנעמען אַ האַלב שטיקל. איר גלאָז טיי וועט זיין גענוג זיס, טראַכט זי, מיט אַנדערהאַלבן שטיקלעך. פֿון דעם געדאַנק שטראַלט אויף איר פּנים. זי איז שטאַרק צופֿרידן מיט איר איינפֿאַל. די האַלבע שטיקלעך צוקער וויקלט זי איין אין זעלבן שמאַטקעלע צוזאַמען מיטן ברויט.

איינמאָל, ווען פֿריידקע איז געווען ביי אַ חברטע און די באַלעבאָסטע איז אַוועק עפּעס קויפֿן, כאַפּט זלאַטע אַרויס דאָס פּעקעלע און וויל אַראָפּלויפֿן אויפֿן הויף. פּלוצים עפֿנט זיך די טיר. זלאַטע בלייבט אַ פֿאַרציטערטע.

די באַלעבאָסטע האָט פאַרגעסן נעמען אַ נאָזטיכל, האָט זי זיך פון גאַס אומגעקערט.

זלאַטע האָט שנעל אויפגעהויבן די דעק פון שלאָפבאַנק און אַרײַנ־געוואָרפן צוריק דאָס פעקעלע. אַ שטיקל צוקער איז אַרויסגעפאַלן און האָט אַ קלאַפּ געטאָן אויף דער פּאָדלאָגע און אַ שפּיץ פון דער שמאַטקע האָט זיך פאַרהאַקט און אַרויסגעשטעקט.

די באַלעבאָסטע האָט דאָס באַלד דערזען און באַמערקט אויך זלאַטעס שרעק. זי קוקט אַ ווײַלע אויפן מײדל און הייבט אויף די דעק.

זלאַטעס פּנים ווערט רויט ווי אַ פלאַם־פייער בעת די באַלעבאָסטע נעמט אַרויס דאָס פעקעלע, וויקלט פונאַנדער די שמאַטקע און געפינט דאָרט דרײַ שטיקלעך ברויט מיט עטלעכע האַלבע קלעצלעך צוקער. זי קוקט אָן זלאַטען מיט אַזעלכע אַרויסגעשטאַרטשעטע אויגן, ווי זיי וואָלטן פלוצים פון עפּעס אָנגעשוואָלן געוואָרן און זיך אַרויסגערוקט פון די אויגן־גריבלעך. נאָך אַ היפּשער ווײַלע שטיין, גיט זי מיט אַ הייזעריקן קוויטש אַ פרעג:

— וואָס איז דאָס?

דער הויכער אַקסל האָט זיך בײַ איר מיט אַ שפּיץ אַרויפגעצויגן און איר אויסגעקרימטער קאָפּ האָט זיך מער ווי געוויינטלעך צום אַקסל צוגעבויגן.

— דו מוזט עס נאַשן צוקער? — ציטערן אַזש אירע בלוי־געוואָ־רענע ליפּן, — די שטיקער ברויט, וואָס איך גיב דיר, איז דיר ווייניק, דאַרפסט נאָך גנבענען?

דאָס וואָרט „גנבענען" גיט זלאַטען אַזאַ ברי, אַז זי דרייט זיך אויס און גיט אַ געשריי: — איך האָב נישט געגנבעט!

— וואו האָסטו דאָס גענומען? — וויגט די באַלעבאָסטע דעם קרו־מען קאָפּ.

— פון דעם וואָס איר גיט מיר! — קלינגט זלאַטעס קול שטאַרקער.

ר' יידל, וואָס איז פּונקט דעמאָלט געזעסן און אַרײַנגעקוקט אין אַ ספר, האָט זיך אויפגעהויבן און פּאַמעלעך מיט זײַנע שטעקשיך זיך צוגעשאַרט צו דער טיר וואָס פון עס־צימער אין קיך אַרײַן, און איז דאָרטן אויף דער שוועל געבליבן שטיין.

ער קוקט אויף זײַן אויפגערודערטן ווײַב און אויפן מײדל, וואָס שטייט מיטן רוקן צו דער שטוב און רוקט אַרײַן אין דער שלאָפבאַנק אַרײַן אײַנציקע שטרויען, וואָס האָבן זיך מיטן אַרויסנעמען דאָס פּע־

קעלע מיטגעשלעפּט. ער רעדט נישט קיין וואָרט, ער מישט זיך קיינמאָל נישט ווען זיין ווייב האָט צו טאָן מיט אַ דינסט.

די באַלעבאָסטע האַלט אין האַנט וואָס זי האָט אַרויסגענומען, קוקט אויף דעם און זאָגט:

— אַז דו האָסט צופּיל און קאָנסט נישט אויפעסן, וואָס איך גיב דיר, קאָנסטו דאָס לאָזן ליגן אויפן טיש. פאַר וועמען באַהאַלטסטו דאָס?

— איך קאָן דאָס אויפעסן, נאָר איך שפּאָר פאַר דער סטרוזשקעס קינדער, — רעדט שוין זלאַטע מיט מער קוראַזש. זי דערפילט ווי די רויטקייט גייט איר אָפּ פון פּנים און זי ווערט בלאַס.

— וואָס פאַר אַ שמעלקע ביסטו מיט דער סטרוזשקע צו טראָגן אַהין עסן? — צעשרייט זיך די באַלעבאָסטע מיט פרישן כעס.

— ווען איך בין אויפן הויף, הער איך די קינדער וויינען, זיי זענען הונגעריק, — רעדט זלאַטע מיט אַ טאָן פון רחמנות.

— נישט דיין עסק, איך האָב פיינט אַז אַ דינסט ווערט פאַניע־בראַט מיט אַ סטרוזשקע, — כעסט זיך די באַלעבאָסטע און גיט אַ וואָרף די שמאַטקע אויפן טיש.

די שטיקלעך צוקער פאַלן אַרויס, קייקלען זיך אַראָפּ אויף דער ערד. זלאַטע בייגט זיך איין, קלויבט זיי פאַמעלעך אויף. זי האַלט שוין אַלע שטיקלעך אין האַנט, נאָר זי בלייבט נאָך אונטערן טיש, קריכט אונטער די בענקלעך. זי וויל זיך נישט אויפשטעלן און קוקן דער באַלעבאָסטע אין די אויגן אַריין.

פון דעמאָלט אָן האָט איר די באַלעבאָסטע אָנגעהויבן געבן קלענערע שטיקלעך ברויט און די צוקערניצע מיטן צוקער האָט זי מער נישט געהאַלטן אין קרעדענץ, נאָר ערגעץ וואו זלאַטע זאָל נישט וויסן.

צוליב דעם וואָס די באַלעבאָסטע געטרויט איר נישט, באַהאַלט פון איר ווי פון אַ גנבטע, פילט זיך זלאַטע שטאַרק דערשלאָגן. אַן אַנדערש מאָל, נישט אין מלחמה צייט, וואָלט זי באַלד פאַרלאָזט דאָס אָרט, אָבער איצט קאָן זי נישט אַוועקגיין.

די עלטסטע שוועסטער איז געקומען פון וואַרשע מיטן מאַן און מיטן קינד. זיי האָבן זיך אַריינגעקליבן צו דער מאַמען אין דעם קליינעם שטיבל. מיט זיי איז אויך געקומען באַשקע, די מיטלסטע שוועס־טער, וועמען דער ברודער פּוליע האָט מיט אַ צייט פאַר זיין אַוועק־פאָרן געגומען קיין וואַרשע אונטער זיין השגחה זי זאָל ווערן אַ שניי־דערקע. זיי זענען אַוועק פון וואַרשע, ווייל דאָרט איז דער יקרות נאָך גרעסער ווי אין שעדלעץ. און אַלע וואוינען זיי איצט ביי דער מאַמען.

דער שוואָגער דרייט זיך דאָ אַרום אָן אַ שטאָך אַרבעט. נאָך אַ גליק, וואָס עס פעלט אים דער גראָבער פינגער פון אַ פוס, נעמט מען אים נישט אויף דער מלחמה. די מאַמע מוז יעדע וואָך גיין אויף די דערפער, אויפן אַלטן, פויערשן און אויפן שלאַכטעסקן איגאַן. אפשר וועט איר עמיצער געבן עפּעס אויפצונייען. דאָרט נעמט זי אויך צונויף אַביסל קאַרטאָפליעס מיט אַנדערע שפייזן. אַ ביסל קויפט זי פאַר געלט און דאָס איבעריקע קריגט זי ביים אָפּטראָגן אַ שטיקל אַרבעט. אפילו ווען זי באַצאָלט מזומן געלט, קאָסט דאָס איר אַלץ אַ סך ביליקער ווי אין שטאָט.

איז ווי אַזוי קאָן זלאַטע איצט אַהיימקומען אַז יעדן גראָשן וואָס זי פאַרדינט, צי זי קריגט אַמאָל פון נעבנביי, מוז זי געבן אין שטוב אַריין. אַנדערש קאָנען זיי נישט אויסקומען.

גייט זלאַטע אַרום מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ און דריקט אין זיך די באַליידיקונג, וואָס די באַלעבאָסטע געטרויט איר נישט.

פון דעם וואָס דער סטרוזש איז אין דער מלחמה און די סטרוזשקע גייט וואַשן וועש, פאַלט אויף זלאַטען מער אַרבעט. אַלע אינדערפרי פילט אָן די סטרוזשקע דאָס פאַס מיט וואַסער. אַז עס פעלט אויס, דאַרף זי ברענגען נאָך. אָבער אַז זי איז נישטאָ, מוז זלאַטע אַליין גיין ברענגען וואַסער.

איינמאָל אין אַ פראָסטיקן פאַרנאַכט שטייט זי ביים פּלומפּ איינגע־הילט אין אַ פאַטשיילע איבערן קאָפּ און האָט מורא שטעלן אַ פוס אויפן גליטשיקן בערגל, וואָס האָט פון אַראָפּרינענדיקן וואַסער אָנגעפרוירן. ווי זי פּרובירט שטעלן אַ טראָט, גיט זי זיך אַ גליטש. און אַז זי וועט שוין דערלאַנגען, טראַכט זי, אויפצוהענגען דעם עמער אויף דער וואַסער־רער, ווייסט זי אָבער נישט ווי אַזוי זי וועט אים קאָנען אַראָפּ־נעמען, זי זאָל נישט פאַלן און נישט אויסגיסן דאָס וואַסער. זי האָט זייער מורא פאַר אַ גליטש און דאָ האָט זי פאַר זיך אַזאַ שפּיציקן, גליטשיקן באַרג. אין דרויסן איז שטאַרק קאַלט, עס ווערט אַלץ טונ־קעלער, און קיינער קומט נישט נאָך וואַסער מען זאָל איר קאָנען העלפן. שטייט זי אַ פאַרקלעמטע און ווייסט נישט וואָס צו טאָן.

פּלוצים נעמט עמיצער ביי איר אַרויס דעם עמער פון האַנט. זי גיט אַ קוק, ס'איז סרולקע, וואָס אַרבעט ביים שניידער אין דעם פאָרנטדיקן מויער, וואו די מאַמע אירע וואוינט. זי קאָן נישט פאַרשטיין פון וואַנעט ער האָט זיך פּלוצים גענומען. זי האָט, דאַכט זיך איר, קיינעם נישט געזען און נישט געהערט גיין. נאָר איידער זי האָט געהאָט

צייט אַ טראַכט צו טאָן, האָט סרולקע מיט איין לאַנגן שפּרייז דער־גרייכט צום שפּיץ בערגל און גענומען אַרויספּאָמפּען דאָס וואַסער מיט בײדע הענט.

זלאַטע האָט סרולקען שוין לאַנג נישט געזען. ער איז דורך דער צייט געוואָרן העכער און מענערישער. זי לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. פאַר־שעמט זיך פאַר איר אומבאַהאָלפנקייט און פאַר דעם הולך אירן, מיט דער פּאַטשיילע אויפן קאָפּ און מיט די גרויסע געשענקטע שיך, וואָס פּאַסטן שטאַרק נישט צו איר גאַנצן אָנטאָן.

סרולקע פּאָמפּעט אָן אַ פולן עמער ביז איבערן ראַנד, נעמט אים אַראָפּ מיט איין האַנט און טראָגט אים. זלאַטע לויפט הינטער אים.

— אַ שיינעם דאַנק, אַ דאַנק, — שרייט זי הינטער זיין פּלייצע. — איך קאָן אַליין טראָגן.

זי פאַרלויפט אין דער זייט, וויל ביי אים אַרויסנעמען דעם עמער. אָבער ער לאָזט נישט. ער רעדט נישט קיין וואָרט, טראָגט דעם עמער מיט וואַסער ביז גרינבערגס טויער, גיט אים האַסטיק אַ שטעל אַריין אין שניי און לויפט אַוועק.

פון וואַנעט ווייסט ער, וואונדערט זיך זלאַטע, ביי וועמען איך בין?

עטלעכע טעג איז ער איר געשטאַנען פאַר די אויגן. זי האָט אים כסדר געזען ווי ער טראָגט דעם עמער וואַסער און איר פּנים האָט זיך געהאַלטן אין איין רויטלען.

# אין אַ פּראַסטיקער נאַכט

**גליקע** איז אַוועק פון ר׳ יידלס הויף צו מאיר קאַשעץ. דעם נאָמען קאַשעץ האָט מען מאירן צוגעלייגט נאָך זיין חתונה. דער נאָמען קומט פון זיין ווייבס צד. איר גאַנצע משפחה איז שוין פון דורות פריער געקרוינט מיט דעם נאָמען, פון וועלכן מענטשן טרייסלען זיך אָפּ. פאַר די קאַשעצעס ציטערט די שטאָט.

אַמאָל רופט מען מאירן אויך מאיר מילנער. אַז זיין פאַמיליע־נאָמען איז ברוקעוו, ווייסט מען אפילו נישט אין שטאָט.

מאירס ווייב, ראַצען, רופט מען הינטער די אויגן מיטביידע נעמען: ראַצע קאַשעץ. איר מאַמע, די באָבע און עלטער־באָבע זענען געווען מאַרק־זיצערקעס. ווען ס׳איז באַשערט געווען אַריינצופאַלן אין זייערע מיילער, איז אים נישט געווען וואָס מקנא צו זיין. זינט מאיר האָט געקויפט די צוויי מילן, האַלט זיך ראַצע זייער גרויס און פירט זיך ווי אַ גאַנצע מאַדאַם.

ראַצע האָט שטאַרק ליב דעם מאַנס צוגעזעצטן נאָמען מילנער. אַז זי באַקענט זיך מיט עמיצן שטעלט זי זיך אַליין פאָר: „איך בין מאיר מילנערס פרוי". זי גרויסט זיך אויך מיט אירע דריי דערוואַקסענע זין, וואָס זענען געגאַנגען אין שקאָלעס און העלפן איצט דעם טאַטן פירן די געשעפטן.

ראַצע קאַשעץ מיטן מאַן און די דריי נאָך נישט פאַרהייראַטע זין וואוינען אין אַן אייגענעם רחבותדיקן הויז, אויף אַ ברייטער גאַס, אָפּגערוקט פון דער געדיכטקייט פון שטאָט. אַריינגעצויגן האָבן זיי זיך אַהין באַלד נאָך דעם ווי מאיר האָט געוואונען אויף דער לאָטעריע דאָס גרויסע געווינס. פריער איז ער געווען אַן אָרימער שוסטער. אַז מען וויל קאָן מען זאָגן, אַז ער איז קיין שוסטער אויך נישט געווען, נאָר אַ לאַטשאַזש, ווייל קיין רעכטע נייע פּאָר שיך האָט ער נישט געקאָנט מאַכן, האָט ער געצויגן זיין חיונה פון נאָפּראַווקעס, פון אונטערשלאָגן זוילן און לייגן לאַטעס אויף שיך.

גליקע ווייסט, אַז ביי ראַצען האַלטן זיך נישט קיין דינסטמיידלעך, נאָר פּאַרוואָס ווייסט זי נישט. אויב ס׳איז דערפאַר, ווי מען שמועסט, וואָס דאָרט איז פאַראַן אַ סך אַרבעט, אַרט דאָס איר נישט. דערפאַר צאָלט ראַצע מער געלט ווי אויף אַנדערע ערטער. גליקע קאָן זיך ספּראַוועןן מיט אַרבעט, און עטלעכע רובל מער איבערן זמן וועט איר צוניץ קומען.

גליקע האָט דאָרט אַרויסגעוויזן איר בריהשאַפט. ראַצע האָט זי דערפאַר שטאַרק געלויבט און ביידע זענען געווען צופרידן.

איינמאָל אין אַ פּראַסטיקן אָונט, גליקע האָט שוין געהאַט אויסגעבעט אַלע בעטן, אַריינגעטראָגן דעם קרוג מיט וואַסער מיט דער וואַש־שיסל אין דער באַלעבאָסטעס שלאָפצימער און אויסגעלאָשן אַלע לאָמפּן אַ חוץ אין קיך. אין די פינצטערע צימערן האָט אַ שטילע רואיקע וואַרעמקייט פון די נישט לאַנג איינגעהייצטע אויוונס געגלעט די באַמאָלטע ווענט מיט די ווייכע פּלושענע מעבל און אַריינגעשמעקט אין קיך אַריין, וואו גליקע האָט זיך געגרייט צו פּרעסן אויסגעוואַשענע וועש.

אין דרויסן האָט אַ מוראדיקער ווינט געריסן די לאָדנס. אַ געוויטער האָט געוואָיעט ווי אַ בייזער הונט. גליקען דאַכט זיך, אַז עס הייבט זיך דער דאַך, אַז דער שטורעם וואַרפט־איין דאָס הויז. ווי איז צו דעם, טראַכט זי, וואָס איז איצט אונטערוועגנס.

די צוויי יינגערע זין שלאָפן שוין, נאָר דער עלטסטער, וולאַדעק, איז נאָך נישטאָ. זי ווייסט גאָר נישט ווי אַזוי ער וועט אין אַזאַ וועטער אַהיימקומען.

פון דער באַלעבאָסטעס שלאָפצימער הערן זיך מאירס שטרענגע שטראָף־רייד. ער האָט אַ טענה צום ווייב אַז זי איז שולדיק וואָס די קינדער זענען אַזוי צעלאָזן.

— די זינדלעך דיינע, — זאָגט ער, — גנבענען און גזלנען ביי מיר. זיי גיבן אַרויס מעל און נעמען צו דאָס געלט פאַר זיך. מיר זאָגט מען אַפילו גאָרנישט, מען מאַכט זיך נישט וויסנדיק און מען הולטאַיעוועט גאַנצע נעכט מיט נקבות. טאָמער איז ווייניק, מאַכן זיי מיך נאָך צום נאַר. איך ווייס נישט אַז זיי האָבן שוין אַריינגעקריגן דאָס געלט, מאָן איך ביי די קונים, זאָגן זיי מיר, אַז זיי האָבן באַצאָלט וולאַדעקן, צי אַנטעקן. דאַרף איך זיך פאַר זיי אַנטשולדיקן און נאָך פאַרענטפערן די הולטאַיעס דיינע.

ראַצע פּרוואווט פאַרענטפערן די זין:

— זיי זענען נישט ערגער פון אַנדערע קינדער. קאָן זיין אַז אַמאָל

פאַרגעסן זיי טאַקע צו זאָגן, אַז זיי האָבן געקריגן געלט. איז נישט קיין אומגליק.

פון אירע רייד ווערט מאיר נאָך מער אויפגעבראַכט.

— היינט, נעכטן, אייערנעכטן, אַלע טאָג פאַרגעסן זיי — הייבט זיך זיין שטים — אַפילו די שמד ווערסטו זיי נאָכגעבן.

— שאַ, שאַ, גוואַלדעווע נישט אַזוי, — בעט זי זיך ביי אים — די דינסט דאַרף נישט וויסן וואָס עס גייט אָן צווישן דיר מיט די קינדער.

נאָר גליקען גייט נישט אָן, וואָס צווישן מאַן און ווייב קומט פאָר. זי שטייט אין קיך ביי דעם פּרעס־ברעט און פּרעסט די אַליין־געוואַשענע וועש. אַז זי הייבט אויף דעם קאָפּ, זעט זי זיך ביז דער העלפט אין שפּיגל, וואָס הענגט איבערן טיש. אַמאָל פאַרהאַלט זי אַ ווײַלע דעם בליק און קוקט אויף איר ווייס־ראָזן פּנים, וואָס בליט מיט דער פרישקייט פון אירע קנאַפּע זעכצן יאָר. אירע ברוסטן סטאַרטשען אַרויס פון אונטערן בלוזקעלע, ווי פולע קנאָספּן פאַרן פונאַנדערלאָזן זיך.

אַז זי האָט פאַרענדיקט דאָס פּרעסן, איז אין דער באַלעבאָסטעס שלאָפצימער שוין געווען שטיל. זי האָט זיך נאָך אַמאָל איינגעשפּיגלט, מיטן קאַפּ־קעמעלע צוזאַמענגענומען אירע צעפּאַלענע שוואַרצע האָר, פאַרפלאָכטן אַ שטייפן צאָפּ און איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין אין מיטן קיך. אינעם וואַיען פון געוויטער האָט זי דערהערט גלעקלעך קלינגען פון יענער זייט פענצטער. וולאַדעק איז געקומען אויף אַ שליטן.

ווען ער האָט געעפנט די טיר, האָט גליקע נאָר וואָס געהאַט אַראָפּגענומען די דעק פון שלאָפבאַנק. זי איז געשטאַנען איינגעבויגן און געהאַלטן אין אויסבעטן פאַר זיך דאָס געלעגער. פּלוצים האָט זי דערפילט ווי צוויי שטאַרקע הענט האָבן זי אַרומגעכאַפּט און גענומען דריקן. זי האָט זיך געגעבן אַ גלייך־אויס און געפּרוּווט זיך אַרויסצורייסן פון וולאַדעקס הענט. נאָר יענער האָט זי נאָך פעסטער איינגעקלעמט. ווען ער האָט צוגעבויגן זיין קאָפּ צו איר ברוסט האָט זי מיט אירע ציין זיך אַרייַנגעביסן אין זיין קאַרק. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש און מיט דער לינקער האַנט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאַרק.

די באַלעבאָסטע איז אַריינגעלאָפן אין קיך. זי האָט באַלד באַנומען וואָס דאָ קומט פאָר, ווי ס׳וואָלט פאַר איר געווען אַ באַקאַנט בילד. נאָר ווען זי האָט דערזען וולאַדעקס מיט־בלוט־באַדעקטע האַנט, וואָס ער האָט אָוועקגענומען פון קאַרק, האָט זי זיך מיטביידע הענט אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָפּ און אַ קוויטש געטאָן:

— ווי איז מיר, זי האָט דאָך דיך צעבלוטיקט!

גליקע איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט, איר פּנים ווייס ווי קרייד. אירע ליפּן האָבן געציטערט.

ראַצע האָט געכאַפּט אַ טיכל, איינגעטונקען עס אין קאַלט וואַסער און צוגעלייגט דעם זון אירן צום קאַרק.

— אַזאַ חצופה! — האָט זי געשיפּעט, איינהאַלטנדיק איר שטים, אַז מאיר זאָל זיך נישט אויפכאַפּן. — אַ חוצפה פון אַ מויד!

וולאַדעק האָט נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. ער איז באַלד אַוועק אין זיין צימער. נאָר די באַלעבאָסטע איז פון קיך נישט אַרויסגעגאַנגען.

גליקע האָט גענומען פּאַמעלעך זיך אויסטאָן. דאָ האָט ראַצע אַ וואָרף געטאָן עטלעכע געלט־פּאַפּירלעך אויפן דיל און זיך צעשריגן מיט אַ האַלב־פאַרשטיקטן קול:

— נאַ, דאָ האָסטו וואָס עס קומט דיר און טראָג זיך פון דאַנען!

— איך וועל סיי־ווי־סיי מאָרגן אַוועקגיין, — האָט גליקע, עטוואָס אַ באַרואיקטע געענטפערט.

— ניין, נישט מאָרגן, שוין זאָלסטו אַרויס פון מיין הויז!

גליקע איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט. וואוהין, צו וועמען קאָן זי איצט גיין אין מיטן נאַכט אין אַזאַ וועטער? קיין פריינט, קיין משפחה האָט זי נישט דאָ אין שטאָט. בייטאָג וואָלט זי אפשר געפונען אַ פור, און וואָלט געפאָרן אין שטעטל צו די עלטערן, אָבער איצט?

נאָר די באַלעבאָסטע טרעט נישט אָפּ. זי שטייט אויפן שוועל פון עס־צימער און קיך, די קופּקע פאַררוקט אויפן שפּיץ קאָפּ, די האָר צעשויבערט, מיט אַ רויט צעצונדן פּנים.

— שוין זאָלסטו זיך אָפּטראָגן, — באַפעלט זי. — איך דאַרף פאַר־שליסן די טיר.

גליקע האָט אויף שנעל צונויפגענומען אירע זאַכן און איז אַרויס פון הויז. זי וועט גיין צו זלאַטען, האָט זי באַשלאָסן, וואוהין דען? זלאַטעס באַלעבאָסטע, טראַכט זי, קאָן זי, וועט זי דאַרט קאָנען איבערשלאָפן. מיט איר פריערדיקער באַלעבאָסטע איז זי צעקריגט, אַהין קאָן זי נישט גיין. דאָס איינציקע אָרט איז נאָר ביי זלאַטען.

די שטאָט איז ווייס, ווי אָנגעטאָן אין תכריכים. די גאַסן זענען פוסט, מען זעט נישט קיין לעבעדיקן נפש. די זאַווערוכע רייסט אָן אויפהער. דער ווינט הייבט זי שיער נישט פון דער ערד. אַ שטעכיקער שניי שמייסט איר אין פּנים אַריין און קנוילט זיך קלומפּנווייז אין דער לופטן.

פּלוצים דערהערט זי פון ווייטנס אַ ברומען. זי בלייבט שטיין.

כאַפּט דערווייל אָפּ דעם אָטעם און שפּיצט אָן די אויערן. דאָס ברומען גייט אַריבער אין אַ הילכיקן געלעכטער, דאָס געלעכטער מישט זיך מיט אַ ווילדן געזאַנג. זי קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן, וויל כאַפּן פון וואַנען עס טראָגט זיך דאָס קול. אָט דאַכט זיך איר, אַז עס טראָגט זיך פון רעכטס, און אָט הילכט עס אָפּ פון לינקס. מיטאַמאָל דערזעט זי פון ווייטנס אַ געשטאַלט, ווי אַ שאָטן וואָלט זיך געשאַרט ביי די ווענט. דאָס געשטאַלט גייט איר אַנטקעגן. זי זעט שוין, אַז אַ מענטש רוקט זיך מיט וואַקלענדיקע טריט אַלץ נענטער צו איר, אַרויסלאָזנדיק אַלע ווילע אָן אויסגעשריי. איצט איז איר שוין קלאָר אַז דאָס איז אַ שיכור. ער קאָן זי נאָך דערהרגענען. ווי אַזוי זאָל זי אים אויסמיידן? זי דערמאָנט זיך, אַז נישט ווייט אויף צוריק איז פאַראַן אַ שמאָל זייטיק געסל. זי דרייט זיך אויס, וויל לויפן, נאָר דער שניי איז טיף, קאָן זי נישט לויפן. דאָס זייטיקע געסל איז געווען נישט ווייט, און זי איז ענדלעך אַהין צוגעקומען. קיין לאַמטערנעס ברענען דאָרט נישט. ווען נישט די ווייסקייט פון שניי, וואָלט זי נישט געזען וואו אַ פוס צו שטעלן.

די ווילדע אויסגעשרייען פון דעם שכור האָבן זיך דערווייטערט, און גליקע האָט ווידער גענומען גיין, ביז זי האָט זיך דערשלעפּט, אַ פאַרסאָפּעטע, צום הויז, וואו זלאַטע האָט געדינט.

זלאַטע איז נאָך נישט געשלאָפן. איר האָט זיך געדאַכט, אַז מען רודערט ביי דער טיר, איז זי אַראָפּ פון געלעגער, אויף די שפּיץ־פינגער זיך צוגעשאַרט און צוגעלייגט אָן אויער צו דער טיר. זי האָט דערהערט אַ שוואַכן גערודער, האָט זי געפרעגט אַ דערשראָקענע:

— ווער איז דאָרט?

— זלאַטעשי, עפן, דאָס בין איך, גליקע, — האָט יענע אַרויסגעשטאַמלט.

זלאַטע האָט פּאַמעלעך אויפגעמאַכט די טיר. איר האַרץ האָט אַ ציטער געטאָן דערזעענדיק איר חברטע אַ באַדעקטע מיט שניי. גליקע האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס פּעקל און אַריינגערוקט די אָנגעפרוירענע פינגער שנעל אונטער די אָרעמס. זלאַטע איז געשטאַנען אין העמד און געציטערט סיי פון קעלט, סיי פון שרעק.

— וואָס איז געשען, וואָס האָט דיך איצט אַהער געבראַכט? — האָט זי געפרעגט.

— דער אויסוואורף, — האָט גליקע גענומען רעדן, — דאָס עלטסטע זינדל, ער האָט זיך גענומען טשעפּען צו מיר, האָב איך אים אַ ביס

געטאָן און צעבלוטיקט. האָט די אַלטע דערפאַר נישט געלאָזט מיך אי־בערנעכטיקן.

פלוצים האָבן די מיידלעך דערזען ווי אַ שאָטן שאַרט זיך איבערן עס־צימער. מינדעלע איז געבליבן שטיין ביי דער טיר, אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין קיך, אין דער פינצטער דערזעט זי זלאַטען אין ווייסן העמד און נאָך עמיצן.

— ווער איז דאָ? — האָט זי דערשראָקן אַ פרעג געטאָן.

— קיינער — האָט זלאַטע געענטפערט אויך אַן איבערגעשראָקענע.

מינדעלע איז צוגעקומען נענטער און האָט דערקענט דאָס מיידל.

— גליקע, אַ בראָך איז מיר, ווי אַזוי קומסטו איצט אַהער? — האָט זי אַ קוויטש געטאָן.

ביידע מיידלעך זענען ווי פאַרגליווערט געוואָרן. גליקע האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן און געענטפערט:

— איך האָב זיך איבערגעוועֽרטלט מיט מיין באַלעבאָסטע, בין איך געקומען אַהער איבערנעכטיקן מיט זלאַטען.

מינדעלעס קרומער קאָפּ האָט זיך נאָך מער אויסגעקרימט. זי האָט אין דער פינצטער דערטאַפּט אַ שוועבעלע און אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, ווי זי וואָלט אין דער ליכטיק זיך וועלן איבערצייגן, צי עס איז נישט עמיצער אַנדערש, נאָר טאַקע גליקע. זי האָט באַטראַכט די מיידלעך און געזאָגט צו גליקען:

— דאָ קאָנסטו נישט שלאָפן. איך האָב אַמאָל געלאָזט נעכטיקן אַ פרעמדע דינסט, האָט מיר אויף מאָרגן געפעלט צוויי נייע נאָז־טיכלעך.

ביידע מיידלעך זענען געבליבן ווי פאַרשטיינערט. די אַלטע איז אַרויס פון קיך און גליקע האָט גענומען אַרויפציען די פון שניי נאָס־געוואָרענע זאַכן.

— וואוהין גייסטו? — פרעגט זלאַטע אַ דערשלאָגענע.

— איך וועל איבערזיצן אויף די טרעפּ — ענטפערט זי אוןווישט מיטן פאַרטעך די רינענדיקע טרערן פון אירע באַקן.

זלאַטע טוט זיך אויך אָן. — וואַרט, — זאָגט זי — איך וועל אָנ־קלאַפּן ביי דער סטרוזשקע, אפשר וועסטו דאַרט קאָנען איבערנעכטיקן.

די סטרוזשקע האָט דערהערט זלאַטעס קול, איז זי אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און האָט אויפגעקייטלט די טיר.

— אפשר קאָן מיין קאַלעזשאַנקע ביי אייך איבערזיצן ביז אין דער פרי? — האָט זלאַטע געזאָגט מיט אַ בעטנדיקן טאָן. — זי האָט זיך צעקריגט מיט איר באַלעבאָסטע, האָט זי נישט וואו צו נעכטיקן.

— וואָס עפּעס איבערזיצן? — פרעגט די סטרוזשקע.

— איר האָט דאָך נישט וואו זי צו לייגן, — פאַרכאַפּט זלאַטע, יענע זאָל נישט האָבן קיין אויסרייד.

— וואָס הייסט איך האָב נישט וואו? אָט וועסטו באַלד זען, איך וועל מאַכן פאַר איר אַ געלעגער, — ענטפערט די סטרוזשקע ווי זי וואָלט זיך באַליידיקט פון זלאַטעס באַמערקונג.

אַ ווייסע לבנה האָט באַלויכטן דאָס איינציקע פאַרפרוירענע פענצטערל און געוואָרפן אַ שיין אינעם קליינטשיקן שטיבל. די סטרוזשקע האָט קיין לאָמפּ נישט אָנגעצונדן, נאָר ביים שיין פון דער לבנה האָט זי דאָס איינציקע בענקל צוגעשטעלט צו דער לענג פון קופערט, אַרויסגעשלעפּט דעם מאַנס פּעלצל, דאָס אויסגעשפּרייט און איר וואָטענעם לייבל אונטער־געלייגט צוקאָפּנס.

— האָסט שוין אַ געלעגער, — האָט זי צופרידן געזאָגט, — נאָר קיין צודעק האָב איך נישט. וועסט זיך מוזן צודעקן מיט דעם וואָס דו גייסט אָנגעטאָן.

יענע נאַכט האָט זלאַטע מער נישט געקאָנט איינשלאָפן.

# אין דער חורבה

ביי ר׳ סענדער זיסמאַן האָט זיך אויך פאַרערגערט די לאַגע. קיינער דאַרף נישט קיין ציגל. אַלע קינדער ליגן אויף זיין קאָפּ. נאָך אַ גליק וואָס מענטשן מוזן האָבן טאָרף, ווען נישט די טאָרף־פעלדער, וואָלט ער געוועזן אויף גרויסע צרות.

רבקה איז זעלטן אין שטוב.

— וואו איז רבקה? — פרעגט איינמאָל אין אַן אָוונט ר׳ סענדער ביי זיין ווייב און זוכט זי מיט די אויגן איבער דער שטוב.

אַלע זיצן שוין אַרום גרויסן טיש ביי וועטשערע, נאָר זי איינע פעלט.

— איך זאָל אַזוי וויסן פון בייז — רופט זיך אָן דינצע בשעת זי קוקט אַריין אין דער וואַזע, פון וואַנען זי שעפּט מיט אַ זילבערנעם לעפל רויטן באָרשטש פאַרוויסט מיט סמעטענע און טיילט יעדערן אין אַ באַזונדערן טעלער.

— וואָס הייסט דו ווייסט נישט, וואָס פאַר אַ מאַמע ביסטו? ס׳איז דאָך שוין פון אַ שעה פינצטער. ווען זעלנער דרייען זיך אַרום איבער די גאַסן, ווייסט נישט אַ מאַמע, וואו אַ מיידל איז?

— נו, זיי דו אַ בריה און געפין אויס, וואו זי איז — ווערט שוין דינצע בייז אויפן מאַן.

— דאָס איז נישט דאָס ערשטע מאָל — רופט זיך אָן אַדעלע, די עלטסטע שוועסטער, — זי האָט זיך געמאַכט אַ מאָדע: אַזוי ווי זי קומט פון שקאָלע, וואַרפט זי אַריין די ביכער און פאַרשווינדט, ווערט פאַרפאַלן.

— איך האָב שוין לאַנג געזאָגט, די מויד וואַקסט נישט קיין לייט, — כאַפּט־אונטער מיכאַלעק, איינער פון די ברידער.

— ווער פרעגט איך? איר ווייסט נישט פון אייערע הענט און פיס. דערווייל האָט זי נאָך קיין שום שלעכטס נישט געטאָן, פרעסט בעסער און שווייגט — ווערט די מוטער שטאַרק אויפגעבראַכט.

אין דעם עפנט זיך די טיר און רבקה קומט אַריין.

— וואו ביסטו געווען? — גיט די מוטער אַ שטאַרקן געשריי.
נאָר רבקה מאַכט זיך נישט וויסנדיק, ווי נישט זי מיינט מען.
— וואו ביסטו געווען, פרעג איך דיך? — צעשרייט זי זיך נאָך העכער און קוקט אויפן מיידל ווי אַ צעפּלאָשעטער האָן, וואָס איז גרייט אָנצופאַלן אויפן אַנדערן. אַלע אַרום טיש גראָבן־איין די אויגן אין די טעלער און שוויַיגן.
— אין ערגעץ־נישט — ענטפערט רבקה אַ באַליידיקטע.
— קום נאָר אַהער — גיט דער פאָטער באַפעלעריש זי אַ רוף.
נאָר רבקה שטייט ביים אַנדערן עק טיש, רירט זיך נישט פון אָרט. זי קוקט אויפן פאָטער, אויף דער מוטער, ווערט צעטומלט, ווייסט נישט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, פאַרוואָס זיי זענען אויפגערעגט.
— נאָך אַ מאָל, אַז דו וועסט אַוועקגיין און נישט זאָגן וואו דו ביסט — וואָרנט זי דער פאָטער, — וועל איך דיינע ביינער צעברעכן! אין אָוונט וויל איך זאָלסט זיין אין הויז, דו הערסט צי נישט?
רבקה פּאַקט אין מויל אַריין אַ ביס אויף אַ ביס ברויט און שוויַיגט. זי פאַרשטייט שוין, אַז דאָס זענען זיי בייז פאַר וואָס זי איז ביז איצט נישט געווען. אַרט דאָס איר נישט. זי איז הונגעריק, עסט זי מיט גרויס אַפּעטיט. עס גייט איר נישט אָן וואָס מען טראַכט וועגן איר. זי ווייסט, אַז מאָרגן וועט זי ווידער טאָן דאָס זעלבע. ס'איז אַלע טאָג אַזוי. איידער דינצע קוקט זיך אום, וואַרפט רבקה אַריין די ביכער און לויפט אַוועק.
דינצע האָט אָנגעהויבן באַמערקן, אַז פון שפּייז־שענקל פעלן זאַכן, פון דער קאַשע מיט די גרייפּלעך איז קיין העלפט נישט געבליבן; דער סלאָי מיט צוקער האָט זיך אויך צו שנעל אויסגעליידיקט. ווער קאָן דאָס פונעם קיך־שענקל שלעפּן די אַלע זאַכן?
אַן אַנדער טאָג קומט דינצע פון גאַס, דערזעט זי, אַז עס פעלט אַרום אַ האַלב פון קריגל מילך. קיין שום קינד, ווייסט זי, גייט נישט צו אַליין זיך נעמען מילך.
— ווער האָט פאַרנוצט די מילך? — פרעגט זי פאַרשנדיק, ביי דער גראָבער שאָשען.
— פון וואַנעט זאָל איך וויסן? — ענטפערט איר שאָשע מיט אַ טאָן פון פאַרדראָס.
— עמיצער איז דאָך דאָ געווען — רעדט צו איר דינצע האַרב.
— וואָס ווילט איר פון מיר? איך האָב די גאַנצע צייט געראַמט דאָס שלאָפצימער, דאַכט זיך, אַז רבקהלע האָט זיך דאָ געדרייט, גע־

קלאַפּט מיט די כלים, מער ווייס איך גאָרנישט — האָט די דינסט געענט־פערט מיט אַ טאָן ווי זי וואָלט געוואָלט זאָגן: „פאַרדרייט אייך אייער קאָפּ מיט אייער באַנדע צוזאַמען און לאָזט מיך צורו".

דערהערט אַז רבקה איז געווען אין קיך, האָט דינצע דערפילט ווי אַן עלעקטרישער שטראָם וואָלט אַדורך איר לייב. „ווער ווייסט", האָט זי אַ טראַכט געטאָן און זיך דערשראָקן פאַר איר אייגענעם געדאַנק, „צי דאָס איז נישט רבקהס אַרבעט?"

דאָ האָט זי ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז זי מוז אומבאַדינגט אויס־געפינען וואו רבקה ווערט אַלע טאָג נאָך שקאָלע פאַרפאַלן אויף עטלעכע שעה.

אויף מאָרגן איז דינצע אַזוי ווי שטענדיק געזעסן אויף איר גרויסער, ווייכער שטול אין עס־צימער,ביים פענצטער וואָס גייט צום הויף און געהאַלטן די צייטונג, ווי געוויינטלעך. דאָס מאָל איז זי נישט געווען אַזוי אַריינגעטאָן אינעם לייענען, ווי אַלע מאָל. זי האָט געקוקט אַלע ווײַלע אויפן זייגער. אין עטלעכע מינוט אַרום דאַרף רבקה אַהיימקומען. היינט מוז זי דערגיין וואו דאָס מיידל ווערט פאַרפאַלן. וואוהין עס ציט זי אַזוי שטאַרק.

זי זעט אַז די צייט פון איר קומען איז שוין אַריבער, הייבט זי זיך אויף, גייט אַריין אין פראָנט־צימער און קוקט דאָרט אַרויס דורכן פענצטער צו דער גאַס. פון די שקאָלעס זענען שוין אַלע קינדער אַהיים־געקומען, נאָר רבקהן זעט זי נישט. זי ווערט אומרואיק און גייט אַרויס אין דרויסן. זי גיט אַ קוק: אַנטקעגנאיבער אויפן צווייטן טראָטואַר ליגן רבקהס ביכער אויף דער ערד, און רבקה אַליין האַלט לייע באַביקס ביידע מיידלעך ביי די הענטלעך און מיטן קאָפּ צוגעבויגן צו די קינדער רעדט זי אין זיי עפּעס אַריין.

די פאַרברודיקטע קינדער מיט די רויטע, נאַסע נעזלעך קוקן צו איר אַרויף מיט ברייט־צעעפנטע אויגן.

רבקה לאָזט אָפּ דער עלטערערס הענטל, נעמט אַרויס עפּעס פון קעשענע (צוקערקעס, דאַכט זיך דינצען) און טיילט איין ביידע קינדער. זיי כאַפּן אַריין די נאַשעריי אין מויל און גיבן זיך מיט די אַרבל אַ וויש דאָס אַראָפּגערונענע פון די נעזלעך. רבקה נעמט זיי ווידער אַן פאַר די הענטלעך, בייגט זיך אַראָפּ און רעדט עפּעס צו זיי מיט אַ ליבלעכן שמייכל.

לייע באַביק ליגט אַ פּאַראַליזירטע. דער פאָטער איז אַ שטיקל מעקלער, דרייט ער זיך אַרום גאַנצע טעג אין גאַס. די צוויי קינדער,

איינע זעקס און די אַנדערע פיר יאָר אַלט, וואַלגערן זיך אַרום ווי יתומים, פאַרברודיקטע און פאַרווערימטע. אַמאָל האָט אַ שכנה רחמנות, גייט זי אַריין צו דער קראַנקער און קאָכט אָפּ פאַר זיי אַביסל עסן. אַז קיינער דערמאָנט זיך נישט דאָס צו טאָן, קומען זיי אָפּ מיט טרוקנס.

איצט שטייט דינצע אין אַ זייט, זעט זי ווי רבקה זיצט מיט איינ־געבויגענע קניען, דערציילט די קינדער אַ מעשהלע. דערנאָך זעט זי ווי איר מיידל גלייכט זיך אויס, הייבט אויף פון טראָטואַר די ביכער, נעמט זיי אונטערן אָרעם און לאָזט זיך גיין מיט די קינדער אַרויף צו סימען.

דינצע גייט איר נאָך. זי פילט ווי דאָס בלוט הייבט אין איר אָן צו קאָכן. עס פאַרדריסט איר פאַרוואָס איר מיידל גיט זיך אָפּ מיט לייע באַביקס פאַרברודיקטע קינדער און פאַרוואָס זי שלעפּט זיך מיט זיי צו סימען. אַ מויד פון פופצן יאָר, טראַכט זי, זאָל נישט פאַרשטיין, אַז דאָס פּאַסט נישט פאַר זיסמאַנס אַ טאָכטער. זי בלייבט שטיין אָן אויפּ־געקאָכטע און וואַרט, רבקה זאָל אַראָפּקומען. יענע זאַמט זיך אָבער זייער לאַנג און די מאַמע קאָן זיך אויף איר נישט דערוואַרטן. זי מוז אַרויפגיין זען וואָס זי טוט. „ביים קאָפּ וועל איך זי אַראָפּשלעפּן", טראַכט זי קריכנדיק מיט איר שווערן גוף אויף די טרעפּ צו סימען.

זי גיט מיט אימפּעט אָן עפן די טיר, גרייט אָנצוכאַפּן דאָס מיידל פאַר די האָר. נאָר דאָ דערזעט זי ווי רבקה האַלט דאָס עלטערע מיידעלע איבער אַ שיסל וואַרעם וואַסער און וואַשט איר די אויערן, דאָס העלדזל מיטן קאָפּ, יענע באַמערקט אַפילו נישט אַז די מאַמע איז אַריינגעקומען.

דאָס קלענערע קינד שטייט שוין אָן אָפּגעוואַשענע, אָן אויסגעצוואָ־גענע, מיט שטייף־פאַרפלאָכטענע צעפּלעך.

דינצע שטייט ביי דער טיר און ווייסט נישט וואָס צו זאָגן, וואָס צו טאָן; צי זי זאָל זיך צעשרייען און אָוועקרייסן רבקהן פון קינד, אָדער זי זאָל זי לאָזן טוען וואָס זי טוט. נאָך אַ ווײַלע שווייגן ווערט ביי דינצען אָנגעצונדן דאָס פּנים, זי וויל איינהאַלטן דעם כעס און קאָן נישט. זי לאָזט אַרויס עפּעס אַ וואָרט פון וועלכן ס'איז שווער צו פאַרשטיין וואָס זי וויל.

סימע דרייט אויס צו איר דעם קאָפּ און זאָגט:

— אָ, אַ גאַסט, קומט ווייטער, זיצט. וואָס האָט אייך פּלוצים צו מיר געבראַכט?

אָבער דינצע שטייט נאָך אַלץ ביי דער טיר, רירט זיך נישט פון אָרט.

סימע זעט אַז יענע איז אָנגעבלאָזן, זאָגט זי מער גאָרנישט און נעמט זיך ווידער צו איר אַרבעט.

דאָ גיט דינצע אַ צעעפן דאָס מויל:

— פע! נישט שיין, עס איז אַ חוצפה פון אייך — נעמט זי זידלען סימען אָנשטאָט רבקהן. — איר האָט מיר כאָטש געמעגט געוועןן זאָגן, אַז מיין טאָכטער איז ביי אייך ביז שפּעט אין די אָוונטן.

אין דעם פאַלט איר איין אַ געדאַנק: „אָט אַהער מוז רבקה אַרויס־טראָגן דאָס עסנוואַרג פון שטוב". זי וויל שוין געבן סימען דעם אמתן גאָב, נאָר דאָ גיט סימע אַ הייב־אויף דעם קאָפּ פון איבערן טיש, וואו זי איז געווען איינגעבויגן איבער אַ וואַטענעם וועסטל און האָט גע־סטריגעוועט די פּאָטשעוועקע, און גיט זי ראַפּטאָם אַ פרעג:

— אויף וועמען שרייט איר? ווער האַלט זי דאָ? וואָסערע שפּעט אין די אָוונטן? שוין וואָכן, אַז איך האָב אייער רבקהן ביי מיר נישט אָנגעקוקט. איצט האָב איך אויך נאָך איר נישט געשיקט. אָבער אַז זי איז אַריינגעקומען בעטן, איך זאָל זי לאָזן אַרומוואַשן די קינדער, האָט איר געוואָלט, איך זאָל זי נישט אַריינלאָזן?

דינצע דערפילט, אַז זי איז אַריינגעפאַלן. לויפט זי צו צו רבקהן, כאַפּט זי אָן פאַר דער האַנט און שלעפּט זי: — שוין זאָלסטו פון דאַנען אַראָפּגיין — שרייט זי מיט אַ גרילציקער שטים.

רבקה, אַן אויפגערעגטע, רייסט אַרויס איר האַנט פון דער מוטערס. פון דעם האַסטיקן אַרויסרייסן די האַנט גיט זי זיך אַ וואַקל אויף צוריק, שטויסט זיך אָן אין דער שיסל און גיסט אויס דאָס וואַסער. סימע זוכט אַ שמאַטע אויסצואווישן די נעץ אויף דער פּאָדלאָגע.

— איך וועל גיין ווען ס'וועט זיך מיר גלוסטן! — גיט רבקה אַ טופּע מיטן פוס, און כאַפּט אַ האַנטוך אָפּצואווישן דאָס אַראָפּרינענדיקע, זייפיקע וואַסער איבערן קינדס פּנימל. דערנאָך נעמט זי נערוועז דאָס קעמל און קעמט דעם קינדס קעפּל. סימע ווישט די פּאָדלאָגע און שווייגט.

די קינדער שטייען דערשראָקענע, גרייט אויסצופּלאַצן אין אַ געוויין. ביידע טוליען זיי זיך צו רבקהן.

די אַלטיטשקע באָבע האָט איבער דער וואַנט דערהערט, אַז ביי סימען איז אַ טומל, כאַפּט זי אויף זיך די וואַרעמע שאַל און קומט אַריינצו־לויפן.

דינצע דערזעט די שוויגער, קריגט זי אויף דאָס ניי לשון:

—קוקט, — זאָגט זי צו דער אַלטער, — אייער ליבלינג, מיט וואָס

זי פאַרנעמט זיך! מאַכט נישט די לעקציעס, לויפט גאַנצע טעג אַרום ביז שפּעט ביינאַכט, דער שוואַרץ יאָר ווייסט זי וואו. איך וועל צאָלן געלט פאַר שקאָלעס און פאַר פּריוואַטע לערער און זי וועט זיך אָפּגעבן מיט לייע באַביקס קינדער.

— נישט אמת, — גיט רבקה פּלוצים אַ געשריי אויס, — שוין צוויי וואָכן אַז איך האָב זיי נישט געוואַשן די קעפּלעך.

— עס איז דען דיין אַרבעט צו וואַשן זיי די קעפּ? און וואו קומסטו אַהין אַלע טאָג? — הייבט די מוטער אָן ביי איר צו פאַרשן.

— נישט דיין עסק, — ענטפערט זי בייז, — איך גיי וואו איך דאַרף.

זי דרייט זיך אָוועק פון דער מוטער און נעמט פלעכטן די צעפּלעך ביים מיידעלע. פאַרטיק דערמיט, נעמט זי ביידע קינדער פאַר די הענטלעך און גייט מיט זיי אַרויס.

די באָבע פאַרשטייט נישט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, קוקט זי אויף סימען און אויף דינצען מיט פרעגנדיקע אויגן. זי האָט מורא אַרויסצו־לאָזן אַ וואָרט די שנור זאָל זי נישט באַפאַלן, ווי געוויינטלעך.

נאָר דינצע גייט אויך באַלד אַרויס. זי דערזעט ווי רבקה לאָזט אָפּ די קינדער און לויפט אַריין אין אַנדערן הויף. זי דערלויפט ביז צום עק הויף, וואו עס שטייט די האַלב־איינגעפאַלענע חורבה און הייבט־אָן קריכן אויף די צעבראָכענע טרעפּ.

דינצע בלייבט שטיין אַ פאַרגאַפטע. צו וועמען קאָן זי דאָרט גיין? נאָר איצט האָט איר נישט גענומען לאַנג אויסצוגעפינען וואו די טאָכטער ווערט אַלע טאָג פאַרפאַלן.

זייער וויניק מענטשן ווייסן, אַז אין דער אָפּגעלאָזענער, האַלב־איינ־געפאַלענער חורבה, אונטערן דאַך אויפן בוידעם שטיבל האָט זיך מיט אַ צייט צוריק אַריינגעקליבן אַ רויט־האָריקע שוואַנגערע פרוי. אויף אַ ביסל שטרוי אויסגעשפּרייט אויף דער ערד, האָט זי דאָרט געבוירן אַ צווילינג.

פון וואַנען די פרוי איז געקומען, ווער זי איז, ווייסט קיינער נישט. צי זי האָט ערגעץ אַ מאַן, און ווער ס׳איז דער פאָטער פון די קינדער, ווייסט אויך קיינער נישט. די פרוי האָט דריי טעג נאָכן האָבן געבוירן די כמעט־נאַקעטע עופ׳עלעך אויף די הענט, זיי איבערגעדעקט מיט איר ברודיקן פאַרטעך און אַריינגעקומען אין אַ געוועלבל בעטן אַ ביסל מילך פאַר זיי. פון ביידע זייטן פאַרטעך האָבן אַרויסגעשטעקט צוויי האָריקע קעפּלעך, וואָס האָבן אויסגעזען ווי נאָר וואָס געבוירענע קעצלעך.

רבקה איז פונקט דעמאָלט אַריינגעקומען קויפן זעמל אין געוועלבל. די פרוי האָט געקראָגן אַביסל מילך און ביידע זענען באַלד אַרויסגע־גאַנגען. רבקה האָט געזען, אַז די פרוי גייט אַריין אין שכנישן הויף, האָט זי נישט פאַרשטאַנען וואוהין יענע קאָן גיין. זי קען, דאַכט זיך, אַלע איינוואוינער פון דאַנען. האָט זי אַראָפּגעשטעלט דאָס קוישל מיט זעמל און זיך פאַרהאַלטן ביים טויער.

די פרוי, זעט זי, גייט גלייך צו דער פוסטער חורבה, וואו קיינער וואוינט שוין לאַנג נישט. זי קריכט פאַמעלעך מיט די האַלב איינגעפאַ־לענע טרעפּ און רוקט זיך דורך דער קליינער טיר אין בוידעם שטיבל אַריין. רבקהן האָט אַנגענומען ביים האַרצן. אַזוי ווי זי האָט אַריינגע־טראָגן די זעמל אין שטוב, האָט זי אַראָפּגענומען איינעם, באַהאַלטן קיי־נער זאָל נישט זען און איז גלייך געלאָפן צו דער פרעמדער פרוי. יענע האָט שווייגנדיק צוגענומען דעם זעמל און מיט גרויס גיריקייט זיך איינגעביסן אין אים.

די פיצלעך האָבן אָנגעהויבן וויינען. די פרוי האָט זיי גענומען צו זיך און געשטופּט אירע לײדיקע ברוסטן אין זייערע פּיסקלעך.

רבקה איז נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען און באַטראַכט די חורבה און די מאַמע מיט דעם צווילינג. אַחוץ דעם ביסל שטרוי, אויף דער ערד, איז דאָרט געשטאַנען אַן אייזערן אייוועלע, אויף וועלכן עס איז געלעגן אַ פאַר־זשאַווערטע פאַטעלניע. דערלעבן איז געלעגן אַ פענדל מיט אַ טעפּל פון דעם מין וואָס מען זעט אַמאָל ליגן אויפן מיסט. אויף דער פאָדלאָגע האָבן זיך געוואַלגערט עטלעכע אָנגעבראָכענע טעלער. אַ הילצערן קעסטל איז געווען דאָס איינציקע שטיקל מעבל, אין אַ ווינקל איז געלעגן אַ פּעקל, וואו עס, ווייזט אויס, זענען געווען פאַרבונדן דער פּרויס מלבושים און וועש.

צוריקגעקומען אַהיים, האָט רבקה אָנגעהויבן זוכן וואָס נאָך זי קאָן נעמען אין שטוב אַהין אַרויפצוטראָגן. די חורבה האָט געשוועבט פאַר אירע אויגן. זי האָט נישט געקאָנט פאַרגעסן די אָרימקייט און דעם הונגער, וואָס זי האָט געזען אין שטיבל. האָט זי אַהין אָנגעהויבן שלעפּן וואָס עס האָט זיך געלאָזט, סיי שפּייז און סיי קוילן מיט האָלץ. אַמאָל האָט זי אַפילו געמאַכט אַליין דאָס פייער, געוואַרעמט וואַסער און געהאָלפן באָדן די צוויי פּיצלעך.

זי האָט פאַר זיי געקאָכט קאַשע, און זיי געקאָרמעט, זי האָט געהאַט הנאה צו זען, ווי די קליינטשיקע עפענען די פּיסקלעך צום עסן און זי האָט אָנגעקוואָלן, ווען זי האָט זיי זאַט געמאַכט. זי האָט זיך גע־

פרייט וואָס עס גייט צו זומער און זיי וועלן נישט דאַרפן ליידן קיין קעלט.

דאָס גיין אין דער חורבה אויפן בוידעם־שטיבל איז בײַ איר געווארן אַ מוז־זאַך. זי האָט זיך צום צווילינג אַזוי צוגעבונדן אַז עס איז איר געוואָרן שווער פון זיי זיך אָפּצורייסן.

ווען די מוטער אירע האָט זיך דערוואוסט וואוהין זי לויפט אַלע טאָג און טראָגט אַוועק שפּייז פון שטוב, האָט זי זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ.

— ווי איז מיר! — האָט זי אויסגעשריגן. — וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אייגן קינד זאָל נעמען בײַ טאַטע־מאַמע און טראָגן צו פרעמדע, צו שלעפּערס!

נאָר רבקה האָט זיך נישט פאַרשעמט און פאַר דער מוטערס געשרייען זיך נישט דערשראָקן. זי האָט איר געקוקט גלייך אין פּנים אַרײַן בעת זי האָט געזאָגט: — מאַמעשי, ווען דו זעסט דאָס אָרימקייט, מיט דעם אויסגעהונגערטן צווילינג, ווי זיי שלינגען די קאַשע אָדער זעמל מיט מילך, וואָס איך גיב זיי, וואָלסטו אַנדערש גערעדט.

— אָט האָסטו דיר אַ נײַע מעשה — האָט די מוטער איבערגעריסן, — איך האָב ווייניק וועמען צו געבן; יעדן דאָנערשטיק, ראש־חודש און אַנדערע טעג קומען געגנוג אָרימע לײַט זיך צו שלעפּן צו דער טיר. איך דאַרף זיי נישט גיין זוכן, די שנאָרערס. וואָס בין איך עפּעס מחויב צו פאַרזאָרגן די גאַנצע וועלט, אויסהאַלטן אַלע אָרימע לײַט? דײַן פּוס, זאָג איך דיר, זאָל מער אַהין נישט אַרײַנטרעטן! דער טאַטעשי וועט געוואויר ווערן, וועט ער דיר דיביינער צעברעכן.

נאָר רבקה האָט זיך נישט פאַרלוירן. דאָס געפיל, אַז זי איז גערעכט, נישט די מאַמע, האָט זי געשטאַרקט.

— מאַמעשי, — האָט זי געזאָגט — אָבער זיי זענען דאָך הונגעריק. קום מיט מיר וועסטו זען ווי די קינדערלעך צאַפּלען זיך פאַר אַ לעפל עסן.

— נישט דײַן עסק, זאָג איך דיר! איך ווייס אַליין וועמען צו געבן,— האָט איר די מאַמע גראָב אָפּגעענטפערט.

— אָבער מאַמעשי, זיי וועלן אויסגיין פון הונגער, זאָג איך דיר, אַז איך וועל זיי גאָרנישט ברענגען, — האָט רבקה זיך געבעטן בײַ דער מוטער און זיך צעוויינט. זי האָט אַזוי געוויינט און געכליפּעט, אַז זי האָט דורכגענומען דער מוטערס האַרץ!

דינצע האָט שוין מער גאָר נישט געזאָגט, און פון דעמאָלט אָן האָט זי אַליין אַלע טאָג אָפּגעטיילט אַביסל מילך מיט אַנדערע שפּייזן און געגעבן רבקהן זי זאָל אַרויפטראָגן צו דער אָרימער פרוי מיטן צווילינג.

# ביי די דייטשן

די דייטשן האַלטן זיך אין איין רוקן פאַרויס. אַ סך פּוילישע שטעט האָבן זיי שוין פאַרנומען.

ביי שעדלעץ, שמועסט מען, וועט נישט זיין קיין שלאַכט. לויפט מען אַהער פון אַלע זייטן. יעדע ליידיקע דירה ווערט פאַרנומען, עס ווערט אַן ענגשאַפט אין שטאָט. מען וואוינט שוין אפילו אין שפּייכלערס.

מענטשן שלעפּן זיך איבער וועגן, אַנטלויפן פון פייער. אַלע טאָג קומען אַריין אַנדערע היימלאָזע, וואָס ווערן עוואַקואירט, אַרויסגעטריבן פון שטעט און שטעטלעך, זייערע היימען צעשטערט, פאַרברענט און פאַר־וויסט ביים אַריינדרינגען פונעם דייטש. טייל קומען אויף פורן מיט זייער האָב און גוטס, אַנדערע שלעפּן זיך צופוס מיט קליינע קינדער, און מיט פּעקלעך. עס איז שווער צו קריגן אַ פערד־און־וואָגן אַפילו פאַר געלט, נעמט מען מיט דאָס סאַמע נייטיקסטע, וואָס מען קאָן טראָגן מיט זיך. אַפילו קינדער טראָגן קלומעקלעך אין די הענט.

כאָטש מען האָט זיך דאָ נישט געריכט אויף קיין שלאַכט, דאָך ווען די רוסישע אַרמייען האָבן אָנגעהויבן אָפּטרעטן, איז אויף דער שטאָט אָנגעפאַלן אַ פּחד. יונגע מענער, וואָס האָבן נישט געוואָלט גיין מיט דער צאַרישער אַרמיי, האָבן זיך באַהאַלטן וואו נאָר זיי האָבן געקאָנט: הינ־טער שאַפעס, אויף בוידעמער, אין קעלערס, אין קעמערלעך און מ׳האָט געציטערט, אַז די רוסן זאָלן זיי נישט געפינען און מיטשלעפּן מיט זיך.

די לעצטע צוויי טעג איז די שטאָט פאַרלייגט געוואָרן מיטן אָפּ־טרעטנדיקן מיליטער. זעלטן וואו מען האָט געזען אַ ציווילן מענטשן אויף דער גאַס. די איינוואוינער זענען געזעסן אין דער היים. ווער ביי זיך, ווער ביי אַ שכן, צי מ׳איז געלעגן באַהאַלטן אין קעלערס, אין לעכער און מיט האַרצקלאַפּעניש געוואַרט אויף דעם איבערבייט פון איין קרי־גערישער אַרמיי אויף דער צווייטער.

דעם לעצטן טאָג, ווען מען האָט שוין מער נישט געזען קיין רוסישע זעלנער, האָט מען דערהערט ווייטע שיסערייען. אין אָוונט האָט זיך אין

איין אָרט אָנגעצונדן דער הימל, מען האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס פייער קומט פון ברענענדיקן וואָקזאַל. אָבער קיינער איז נישט אַרויסגעגאַנגען זען. פאַרטאָג האָט מען דערהערט דאָס געזאַנג פון די אַריינמאַרשירנ־דיקע דייטשן. דעם זעלבן טאָג האָבן זיי גענומען איינשטעלן זייערע געזעצן און שפּעטער קאָנפיסקירן זאַכן.

צוליב דעם איז פון שעה צו שעה גרעסער געוואָרן דער יקרות. אויף געוויסע אַרטיקלען ווערן די פּרייזן מיטאַמאָל פאַרטאָפּלט. אַמאָל שפּרינגט אַרויף דער פּרייז נאָך מער ווי טאָפּלט, אויף דריי מאָל אַזוי פיל. ס׳טרעפט אויך, כאָטש זייער זעלטן, אַז אַן אַרטיקל פאַלט, ווערט מיטאַמאָל ביליקער. קיין שפּעקולאַנטן פעלן נישט וואָס מאַכן די שרעקלעכע לאַגע נאָך ווילדער און מער שוידערלעך. זיי מערן זיך, וואַקסן אויס פאַר די אויגן, ווי זיי וואָלטן פון אונטער דער ערד אַרויס־געקראָכן, און זיי האַלטן אין איין יאָגן די פּרייזן אַרויף און אַרויף. עס כאַפּן זיך צו שפּעקולאַציע מענטשן, וואָס האָבן זיך קיינמאָל נישט פאַרנומען מיט קיין האַנדל. ליידיקגייער, באַלמעלאָכעס, לערנער און אידענעס ווערן מיט־אַמאָל סוחרים און שמוגלער. אַמאָל דאַכט זיך אַז דאָס האָבן זיי גע־שאַפן די ווילדע, משונהדיקע לאַגע.

אָט פעלט אויס אַן אַרטיקל, מען צאָלט פאַר דעם פאַנטאַסטישע פּרייזן, און אָט קומט עס אַרויס אויפן מאַרק, וואו יעדערער קאָן דאָס קויפן. ווי אין אַ קדחת וואַרפן זיך די פּרייזן.

און די נויט וואַקסט ווי ווילד־גראָז נאָך אַ רעגן. דער דלות דרינגט אַריין אין אַלץ מער און מער היימען.

זלאַטע האַלט אין איין מאַנען ביי איר באַלעבאָסטע, וואָס עס קומט איר פאַרן זמן און זי קאָן פון איר נישט אַרויסקריגן קיין רובל. שוין צום צווייטן מאָל גיט איר די באַלעבאָסטע צו עטלעכע קאָפּיקעס. און אַזוי שנעל ווי זי קריגט דאָס געלט, לויפט זי באַלד מיט דעם צו דער מאַמען און גיט דאָס איר אַוועק. זי ווייסט, אַז ביי דער מאַמען איז נישטאָ מיט וואָס אַ פונט ברויט צו קויפן, און דאָ קאָן זי נישט אַרויסקריגן קיין געלט. זי זעט איין, אַז אויב זי וועט ביי די גרינבערגס פאַרבלייבן אויף ווייטער, וועט זי דאַרפן אַרבעטן בלויז פאַרן ביסל עסן און נישט האָבן פאַר וואָס צו קויפן זיך אַפילו אַ פּאָר שיך. זי מוז אָבער פריער קריגן אַן אַנדער אָרט, איידער זי גייט אַוועק פון דאַנען, ווייל ביי דער מאַמען קאָן זי איצט נישט זיין. אַ חוץ וואָס דאָס עסן שפּילט איצט זייער אַ גרויסע ראָלע, האָט זי פשוט נישט וואו צו זיין דאָרט. אין דעם קליי־נעם שטיבל וואוינען פינף מענטשן, די ענגשאַפט איז דאָרט שרעקלעך.

די עלטסטע שוועסטער מיטן קינד שלאָפט אין איין בעט, די מאַמע מיט דער מיטלסטער שוועסטער אין צווייטן, דעם שוואָגער בעט מען אויס אויפן קופערט, איז נישטאָ מער קיין אָרט פאַר נאָך אַ מענטשן צו שלאָפן.

דעריבער קאָן זלאַטע נישט ריזיקירן אַוועקצוגיין פון די גרינבערגס אידער זי האָט אַן אַנדער שטעלע. דערצו ווייסט זי, אַז איצט איז זייער שווער צו קריגן אַן אָרט, ווייל צווישן די אַנגעלאָפענע היימלאָזע זענען דאָ אַן אַ שיעור מיידלעך און ווייבלעך, וואָס בעטן זיך ממש מען זאָל זיי צונעמען פאַר דינסטן אפילו פאַרן בלויזן ביסל עסן און שלאָפן. מענטשן הונגערן און האָבן נישט וואוהין צו גיין. זיי ווילן אַרבעטן און עס איז נישטאָ ביי וואָס צו פאַרדינען אַ גראָשן.

די וואָך מוז זלאַטע ענטפערן דער באַלעבאָסטע, צי זי וויל דאָ בלייבן אויף ווייטער, אָדער זי גייט אַוועק. זי האָט אָבער נישט קיין אַנדער אָרט, וועט זי מוזן ענטפערן, אַז זי בלייבט. זיצט זי אַ פאַרזאָרגטע מיט אַ שווערן געמיט. אין דעם עפנט זיך די טיר און ס'קומט אַריין איר חברטע בלומקע. זי זאָגט נישט קיין גוטן אָוונט, נאָר זי זעצט זיך אַוועק מיט אַ פאַראומערטן פנים.

— קיינער איז ביי דיר נישטאָ? — פרעגט זי שטיל, ווי זי וואָלט מורא געהאַט צו רעדן הויך.

— בלויז דער אַלטער, ער שלאָפט איצט, — ענטפערט זלאַטע, — ער זאָל ביינאַכט קאָנען אויפזיין, שפּילן אַן אָקע מיט די לאַפּיטוטן, די חסידים פון זיין רבין, וואָס וועלן באַלד קומען און אָפּזיצן דאָ ביז טאָג. וואָס האָט דיך פּלוצים געבראַכט אַהער?

נאָר בלומקע שווייגט. איר פנים איז אויסגעצויגן, דין, די אויגן זענען ביי איר אויסגעלאָשן, אַריין טיף אונטערן שטערן. זי קוקט אויס ווי גאָרנישט די זעלבע בלומקע. זלאַטען דאַכט זיך, אַז יענע איז מיט אַמאָל אויף עטלעכע יאָר פאַרעלטערט געוואָרן. זי דערקענט, אַז עפּעס קומט פאָר מיט בלומקען, נאָר זי ווייסט נישט צי זי זאָל זי פרעגן אָדער זיך מאַכן נישט וויסנדיק און וואַרטן ביז בלומקע וועט איר אַליין דערציילן וואָס מיט איר איז. נאָך אַ היפּשער ווײַלע שווייגן רופט זיך אָן בלומקע מיט אַ זייער טרויעריקן קול:

— מיין באַלעבאָסטע האָט מיך צוגעשיקט. דו געפעלסט איר.

זלאַטע קוקט זי אָן פאַרוואונדערט. זי פאַרשטייט נישט וואָס יענע זאָגט. נאָר בלומקע גיט באַלד צו:

— איך בין נישט געזונט, איך פאָר אַוועק קיין ביאַליסטאָק צו מיינער אַ מומע. אַז דו ווילסט, קאָנסטו גיין אויף מיין אָרט. זי וויל דיך האָבן.

— וואָס איז דיר ? — פרעגט זלאַטע דערשראָקן. בלומקע לאָזט אַראָפּ די אויגן און שווייגט.

— די מומע, — זאָגט זי נאָך אַ ווײַלע שווייגן — וועט מיט מיר דאָרט גיין צו אַ דאָקטער. דו וועסט האָבן ביי ווײַנפעלדן אַ גוט אָרט, נישטאָ דאָרט קיין סך אַרבעט, — בייט זי דעם געשפּרעך. — עס איז נישט שווער די אַלטע צופרידן צו שטעלן. נאָר פּאָר פּיווקע פּינקעלשטיין, וואָס אַרבעט אין קאָנטאָר, אַ טיר קעגן אַ טיר, זאָלסטו זיך היטן, ווײַכן פון אים ווי פון אַן עיפּוש. — און זי צעוויינט זיך ביי די רייד.

— וואָס האָט אַ מיידל ביי ווײַנפעלדן צו טאָן מיט פּיווקע פּינקעלשטיין וואָס אַרבעט אין קאָנטאָר ? — פאַרשטייט נישט זלאַטע קעגן וואָס יענע זאָגט דאָס איר. — וואָס וויינסטו, עס טוט דיר ווי ?

— ניין, ס׳טוט מיר גאָרנישט ווי — ענטפערט בלומקע און ווישט זיך די אויגן און דאָס פּנים מיט אַ טיכל. — וואָס־זשע דען, ס׳איז דיר אַ שאָד אָוועקצוגיין פונעם אָרט ? — וויל זלאַטע דווקא וויסן פאַרוואָס יענע וויינט, און עס קלעמט איר דאָס האַרץ צו זען ווי אַזוי איר חברטע זעט אויס.

נאָר בלומקע קאָן נישט רעדן, זי האַלט אין איין וויינען און כליפּען.

— אַז דו וועסט געזונט ווערן, — פּרוּווט זלאַטע זי טרייסטן, — וועל איך דיר צוריק געבן דאָס אָרט.

די זעלבע וואָך האָט זיך זלאַטע אָפּגעזעגנט מיט אירע באַלעבאַטים און איז אַוועק צו די ווײַנפעלדס.

# אויפן נייעם אָרט

באַלד פון אָנהייב האָט זי געזען, אַז זי וועט זיין צו־פרידן פון דעם נייעם אָרט. דער עיקר איז, וואָס מען לאָזט זי אַוועקגיין די דריי אָוונטן אַ וואָך זיך לערנען, אַזוי ווי זי האָט זיך אויסגענומען ביים באַדינגען.

און זלאַטע פילט זיך דאָ גוט. זי האָט גענוג צייט צו מאַכן אירע לעקציעס, גייט איר דאָס לערנען אַ סך בעסער, זי האָט צייט צו לייענען און שרייבן, קיינער שטערט איר נישט.

כאָטש ס'איז פאַראַן ביי די וויינפעלדס זעקס צימערן, אַרבעט זיך אָבער אַ מיידל דאָ נישט איבער. איינגאַנצן זענען זיי דריי מענטשן: ער מיט איר און זייער יינגסטע, אַכצן־יאָריקע מיידל נאַדזשע. די אַלטע איז שוין נאָענט צו זעכציק. אַן אָפּגעלאָזענע יידענע, פאַרלאַנגט זי נישט קיין פּוצונגען. די סאַליע באַנוצט מען זעלטן, נאָר ווען עס קומט אַ געהויבענער גאַסט, ראַמט מען דאָרט בלויז איין מאָל אַ וואָך. אַלע דריי האָבן באַזונדערע שלאָפצימערן, נאָר קיין סך מעבל איז אין זיי נישטאָ. אין עסצימער שטייט בלויז אַ קרעדענץ, אַ גרינע לעדערנע קאַנאַפּע און אַ גרויסער טיש מיט שטולן.

אין דעם אַלטנס צימער קומט מען אַריין דורכן פאָרנטדיקן, פּאַ־ראַדנעם אַריינגאַנג. דאָרט נעמט אויך אויף דער אַלטער אָנגעזעענע מענטשן, מיט וועלכע ער דאַרף זיך פערזענלעך דורכרעדן וועגן וויכטיקע ענינים.

אויף זיין שרייבטיש איז שטענדיק ריין. ער אַליין פּוצט אַלץ אָפּ אַזוי, אַז מען קאָן דאָרט קיין שטויבעלע נישט געפינען. ווינטער רייניקט ער דאָס אַש און הייצט אַליין דעם אויוון אין זיין צימער. ער האָט זיך נישט ליב מיט קיינעם צו שאַפן. זיינע מלבושים מיט די שיך פּוצט ער אויך אַליין אָפּ. אַ חוץ דעם פּוצט ער אויס יעדן פרימאָרגן די לאָמפּן־גלעז־לעך, גיסט אָן נאַפט און נעמט מיט דאָס מיסט, ווען ער גייט אויפן הויף. צוריקוועגס האַקט ער אָן האָלץ און ברענגט דאָס מיט, דערמיט פאַר־לייכטערט ער פאַרן מיידל די אַרבעט.

נאָכן פּרישטיק האָט ווײנפעלד ליב צו גײן אויף ווײטע שפּאַצירן הינ־טער דער שטאָט. אויב די צײט דערלויבט אים נאָר, טוט ער דאָס אַ גאַנץ יאָר. קײן שום וועטער האַלט אים נישט אָפּ פון זײנע לאַנגע שפּאַצירן. אַ גאַנצן זומער ביז אין טיפן האַרבסט גײט ער כמעט אַלע טאָג אַרום דרײ וויאָרסט קײן וועסעלקע, צום טײך זיך באָדן. ווען עס קומען אָן די פרעסט און עס ווערט צו קאַלט צו באָדן זיך אין טײך, נעמט ער אין זײן צימער אַ גרויסע בלעכענע שיסל מיט קאַלט וואַסער און וואַשט זיך דאָרט דעם גאַנצן קערפּער. אַזוי פירט זיך ווײנפעלד אַלע זײנע יאָרן.

די אַרבעט פאַר אַ מײדל באַשטײט דאָרט צום מײנסטן פון אויפראַמען די קיך מיטן עסצימער. קאָכן און באַקן איז דער אַלטערס אַרבעט. ווײל עס קומען אַהין אַ סך מענטשן, מען גײט שטענדיק אַרײן און אַרויס, און די קיך איז אַ דורכגאַנג אין עסצימער אַרײן, דאַרף מען דאָרט אָפט וואַשן די צווײ פאָדלאָגעס. דאָס איז דעם מײדלס הויפּט־אַרבעט.

אײנמאָל, ווען זלאַטע איז אַרויס פון דער לעקציע, דערזעט זי ווי שמחה שליפּקע שטײט פאַר דער טיר. ער וואַרט אויף איר.

שמחה שליפּקע לערנט זיך בײ דער לערערין ערשט עטלעכע וואָכן, אין דער שעה פאַר איר. ווען זי קומט, טרעפט זי אים נאָך דאָרט.

— ער קוקט אויס אין זלאַטעס אויגן ווי אַ בחור פון אַ יאָר צוואַנציק, אויב נישט מער, און ער איז זײער אַ מיאוסער. נאָר דאָס וואָס אַ בחור וואַרט אויף איר, טוט איר שטאַרק הנאה. ער דערלאַנגט איר די האַנט און זאָגט: — מײן נאָמען איז שליפּקע.

— זײער אַנגענעם, איך הײס זלאַטע — ענטפערט זי אים העפלעך.

— מעג איך וויסן אײער פאַמיליע־נאָמען? — פרעגט ער מיט אַ פרײנטלעכן שמײכל.

— נישט נײטיק, איר קאָנט מיך רופן זלאַטע.

— אויב אַזוי, הײס איך שמחה, — איז ער גאָר צופרידן פון זלאַטעס היימישקײט.

לויט זײנע פאַרשוואַרצטע הענט, דערקענט זי, אַז ער איז אַ שוסטער. נאָך דעם ווי זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט, בלײבט זי נישט שטײן, נאָר גײט איר וועג און ער גײט מיט.

— איר זענט צופרידן פון דער לערערין, — פּרוּווט ער פאַרפירן אַ שמועס.

— יאָ, זי גיט זײער גוט איבער — ענטפערט זי קורץ.

— איך לערן זיך בײ איר נישט לאַנג, — פּרובירט ער אָנהאַלטן דעם געשפּרעך. — אָבער מיר דאַכט זיך, אַז פון אַלע לערערקעס, וואָס

איך האָב געהאַט, איז זי די בעסטע. אַחוץ וואָס זי קאָן איבערגעבן, איז זי פאַראינטערעסירט דער שילער זאָל זיך אויסלערנען.

ער איז צופרידן, וואָס ער האָט זלאַטען אַזוי אַרום געגעבן צו פאַר־שטיין, אַז ער לערנט זיך שוין אַ לאַנגע צייט.

צוגעקומען צו ווײַנפעלדס טויער, שטעלט ער זיך אָפּ, דערלאַנגט איר די האַנט, זאָגט אַ גוטע נאַכט און גייט אַוועק.

„פון וואַנען האָט ער געוואוסט, אַז איך דין דאָ?" וואונדערט זיך זלאַטע. יענעם אָוונט האָט זי גאָר געטראַכט צוגיין צו דער מאַמען, נאָר אַז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט האָט זי שוין פאַרלוירן דעם חשק.

ביי ווײַנפעלדן מוז זי נישט אַהיימקומען באַלד נאָך דער לעקציע, אַזוי ווי אויף די פריערדיקע ערטער. די אָוונטן פון לערנען זענען אינ־גאַנצן פריי פאַר איר. ווי שפּעט זי זאָל נישט קומען, זאָגט מען איר נישט קיין בייז וואָרט.

פון זינט יענעם אָוונט וואַרט ער אויף איר זייער אָפּט, ווען זי גייט אַרויס פון דער לעקציע. ער האָט ליב צו רעדן פון שרייבער און פון ביכער וואָס ער לייענט. אַמאָל דערציילט ער איר דעם גאַנצן אינ־האַלט פון אַ בוך. זלאַטע האָט דאָס גראַד ליב צו הערן. זי אַליין האָט נאָך קיין בוך נישט איבערגעלייענט. זי האָט נישט קיין צייט. אַמאָל קוקט זי אַריין אין דער צייטונג, וואָס ווײַנפעלד קויפט יעדן טאָג. נאָר זייער זעלטן ווען זי לייענט איבער אַ גאַנצן אַרטיקל, אָדער אַ מעשה אַפילו אין דער צייטונג, ווייל זי לייענט זייער פּאַמעלעך און נישט אַלץ וואָס זי לייענט איז פאַר איר פאַרשטענדלעך.

ווען שליפּקע וואָלט אויפן אויסזען נישט געווען אַזאַ מיאוסער, וואָלט זי געווען צופרידן מיט אים צו גיין, איז ער אָבער שרעקלעך מיאוס. ער האָט זייער אַ גרויס מויל מיט אַרויסגעוואַקסענע ברייטע ציין, ווי לאָפּע־טעס. צו דעם איז ער זייער באַוואַקסן. זיין פּנים קוקט שטענדיק אויס אַזוי ווי פאַרסאַזשעט. אַפילו ווען ער איז ראַזירט, שלאָגט אַלץ אַדורך די טונקלקייט פון זיינע שוואַרצע האָר. די לאַנגע געדיכטע ברעמען איבער זיינע מאָדנע־טיפע אויגן קוקן אויס ווי גרויסע קאַמען און וואַרפן אָן אַ שרעק. ער האָט אַ ברייטע, שטאַרק צעפּלאַטשטע נאָז מיט אַרויפ־געריסענע נאָזלעכער. מסתמא צוליב זיין פלאַטשיקער נאָז רופט מען אים שמחה פלעצל. אַחוץ וואָס ער האָט אַ מיאוס פּנים, איז זיין וואוקס אויך אַן אומגעלומפּערטער. ער איז אַ הויכער און זייער אַ ברייט־ביי־נערדיקער, מיט אַ שווערן טראָט. ווייל ער זעט־אויס אַזוי אומגעלומפּערט,

האָט ער נישט קיין מזל צו קיין מיידלעך. צו וועלכן מיידל ער וויל זיך נאָר דערנעענטערן, אַנטלויפט זי פון אים.

זלאַטע איז אויך נישט פאַראינטערעסירט אים צו זען, נאָר אַז ער וואַרט זי אָפּ, איז פאַרפאַלן. זי קאָן אים נישט זאָגן, אַז ער איז איר אָפּשטויסלעך, זי וועט דאָך נישט פאַרשעמען קיין מענטשן.

שמחה איז זייער אַ שעמעוודיקער. זלאַטע באַמערקט, אַז ער פילט זיך דערשלאָגן, אַזוי ווי זי. ביי אים נעמט זיך דאָס אפשר פון זיין נישט־געראָטענעם אויסזען, נאָר וואָס די סיבה זאָל נישט זיין, ליידט ער פון געפאַלנקייט, אַזוי ווי זלאַטע. דעריבער פילט זי מיט מיט אים.

שמחה האָט פאַרלוירן זיין מוטער, ווען ער איז אַלט געווען זעקס יאָר, און דעם פאָטער ווען ער איז געווען ניין יאָר. עטלעכע מאָל האָט ער שוין דערציילט זלאַטען ווי אַזוי ער האָט זיך געוואַלגערט אין פרעמדע היימען און וואָס ער האָט אַלץ מיטגעמאַכט.

— אויף דער לערע, — רעדט ער אַלע מאָל איבער, — האָב איך געאַרבעט מער ביי עפּעס אַנדערש, ווי ביים וואַרשטאַט. איך האָב גע־דאַרפט אויסגיסן די פּאָמוייניצע, טראָגן דאָס מיסט, ברענגען וואַסער, וואָס האָב איך נישט געטאָן? אַלע לעכער האָט מען מיט מיר פאַרשטופּט. און אַז איך האָב זיך שוין געזעצט צום וואַרשטאַט, האָב איך ערשט געציטערט פאַרן מייסטער. איבער דער מינדסטער קלייניקייט איז ער בייז גע־וואָרן. אַז ס'איז אים נישט געפעלן ווי אַזוי איך טו, האָט ער אַראָפּ־געלאָזט אַ פּאַטש אויך. ער דאָט געוואוסט, אַז כ'האָב נישט ווער עס זאָל זיך פאַר מיר אָננעמען, האָט ער מיט מיר געטאָן אַזוי ווי די אַמאָליקע פּריצים מיט זייערע שקלאַפן. נאָך דעם וואָס איך האָב זיך ביי אים אָפּגעמוטשעט אַנדערהאַלבן יאָר, בין איך פון דאָרט אַוועק צו אַן אַנדערן, וואו איך האָב געהאַט אַנדערע צרות.

און ער נעמט איבערדערציילן די אַנדערע צרות:

מיינע אַ מומע, וואָס האָט אויף מיר אַכטונג געגעבן, האָט מיך באַ־דונגען מיט עסן און שלאָפן, האָט די מיינסטעראָווע מיר געגעבן עסן אַז אָך און וויי איז געווען צו מיר. זי האָט מיר געזשאַלעוועט אַ שטיקל טרוקן ברויט. דאָס געקאָכטע מאָלצייט האָב איך קיינמאָל נישט געגעסן גלייך מיט זיי, נאָר וואָס די קינדער האָבן איבערגעלאָזט. האָט זי צונויפ־געשאַרט פון די טעלער פאַר מיר. גאַנצע טעג האָב איך דאָרט געהונגערט.

אַמאָל ווערט שוין זלאַטען איבערדריסיק דאָס צו הערן, קריכט זי אים אַריין אין די רייד מיט עפּעס אַנדערש. ווען זי רייסט אים נישט

איבער, וואָלט ער גאָרנישט אויפגעהערט צו רעדן פון זיינע קינדער־יאָרן אויף דער לערע. זלאַטע זעט, אַז ער האָט נאָך מער געליטן ביי די מיינסטערס מיט די מיינסטעראָוועס, ווי זי ביי אירע באַלעבאַטים.

זלאַטען פעלט אויך נישט קיין רייד. אַז זי טרעפט ווער עס זאָל זי אויסהערן, פאַררעדט זי זיך שוין און ווייסט גאָר נישט ווען אויפצוהערן.

שמחה רייסט איר קיינמאָל נישט איבער די רייד. ער איז צופרידן, וואָס זי דערציילט אים פון איר לעבן, פון אירע ליידן, פון אירע פאַרלאַנגען. ער פילט זיך גליקלעך, וואָס זי עפנט פאַר אים דאָס האַרץ.

# רב נתן וויינפעלד

**וויינפעלד** איז אַ ייד אַ גביר. ער פאַרמאָגט אַ סך פעלדער, בהמות מיט פערד, מיט סעדער, ער האָט גרויסע מאַיאָנטקעס.

און ער איז איינער פון די אָנגעזעענסטע מענטשן אין שטאָט: אַ דאָזאָר, אַ וואָרט־זאָגער אין דער יידישער גמינע, דער הויפּט דעה־זאָגער אין יידישן שפּיטאָל און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע ערטער. קומט מען צו אים מיט אַלערליי ביטעס, ער זאָל אַרויסשלעפּן פון אַ צרה, ווי נאָר איינער פאַלט אַריין.

פון זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה, ספּעציעל אונטער דער דייטשער הערשאַפט, וואָס דריקט און הונגערט־אויס די באַפעלקע־רונג, פאַרמאַכט זיך ביי וויינפעלדן נישט די טיר. מען האַלט אין איין לויפן צו אים מיט געוויינען און בקשות. מען וויל פון אים טובות.

עס האָט געדאַרפט אַריינקומען אין שטאָט אַריין אַ וואַגאָן נאַפט, האָבן די דייטשן זיך דערוואוסט און קאָנפיסקירט דעם נאַפט פאַר זיך. קומט דער סוחר צולויפן צו וויינפעלדן. ער סאָפּעט ווי די נשמה וואָלט אים געהאַלטן ביים אויסגיין. אַ קלייניקייט, עס איז אים געשטאַנען צו פאַר־דינען אַ סך געלט און דאָ מיטאַמאָל אַזאַ קלאַפּ. ער וועט דאָך פאַרלירן אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט.

— רב נתן, ווי גאָט איז אייך ליב, — האַלט ער אין איין איבער־חזרן, — האָט רחמנות. איך בין אַריינגעפאַלן מיט מיין גאַנצן פאַרמעגן. אַז דאָס בלייבט, חלילה, ביי זיי, ביי די דייטשן, ווער איך אַן אָרימאַן אַן אביון, נאָר עס גייט שוין נישט אין גאַנצן אין מיר, עס גייט דאָ מער אין דער שטאָט. רב נתן, דערבאַרימט זיך אויף דער שטאָט. די שטאָט איז געבליבן אָן אַ טראָפּן נאַפט. איך דאַרף אייך נישט זאָגן, איר זעט דאָך אַליין, ס'איז פינצטער, חושך אין שטאָט. ס'איז נישטאָ מיט וואָס אַ לאָמפּ אָנצוצינדן.

אַזאַ זאַך באַטראַכט וויינפעלד פאַר זייער אַ וויכטיקן ענין. די שטאָט

דאַרף טאַקע נאַפּט, עס זאָל זיין מיט וואָס אָנצוצינדן אַ לאַמפּ. פאַר־טראַכט ער זיך און זאָגט צום סוחר:

— גייט אַהיים, איך וועל דאָס באַקלערן צי איך קאָן דאָ עפּעס אויפטאָן.

דער סוחר איז אַוועק, און ווײַנפעלד האָט גענומען שפּאַנען איבערן עסצימער הין און צוריק און געקלערט ווי אַזוי אַרויסצוקריגן פון די דייטשן דעם נאַפּט פאַר דער שטאָט.

און אַז ווײַנפעלד מאַכט ביי זיך אָפּ, אַז מען דאַרף עפּעס טאָן, רוט ער נישט ביז ער פירט דאָס אויס. ער איז אָבער נישט קיין איבערגע־איילטער מענטש, ער האָט ליב פריער גוט איבערצוטראַכטן איידער ער טוט אָדער זאָגט עפּעס צו. נאָר קוים זאָגט ער צו, וועט ער אָנ־ווענדן אַלע מיטלען דאָס אַדורכצופירן. בכלל האַלט ער פון טאָן וואָס ער קען נאָר לטובת הכלל. מען שמועסט, אַז לטובת הכלל איז ער געבליבן אויפן אָרט, נישט געלאָפן אין וויטן רוסלאַנד, ווי עס האָבן געטאָן אַ סך אַנדערע רייכע יידן, איידער דער דייטש איז אַריין.

זיין ווייב מאַיע, האָט געהאַלטן אין איין איינטענהן מיט אים:

— נתן, זעסט דאָך אַז די שענסטע באַלעבאַטים פירן אַריבער זייער האָב און גוטס, ראַטעווען, וואָס זיי קאָנען און אַנטלויפן. פאַרוואָס זאָלן מיר דאָ זיצן מען זאָל ביי אונדז אַלץ צונעמען?

— זאָלן זיי, זאָלן זיי לויפן, — האָט ער זיך אויף איר ביי אַזעלכע טענות געבייזערט. — איך קאָן נישט לאָזן אַ שטאָט אויף הפקר.

איצט אַז אַ וואַגאָן נאַפּט איז פאַרכאַפּט געוואָרן דורך דער מאַכט און מענטשן זיצן אין דער פינצטער, מוז ער וועגן דעם עפּעס טאָן. האָט ער אַ קעם געטאָן מיט די פינגער זיין ווייסע באָרד, אָפּגעטיילט די צוויי קורצע שפּיצן, באַלד איבערגעפּוצט די שיך, נאָך דעם האָט ער אָפּ־געבערשטלט דעם ריינעם מאַנטל מיטן סאַמעטענעם קאַלנער און איז אַוועק צום קאָמענדאַנט אין שטאָט.

מיט זיין הויכן וואוקס, די היפּשלעך ברייטע פּלייצע און זיין שטענ־דיק נעטער קליידונג, מאַכט ווײַנפעלד דעם איינדרוק פון אַן אַריסטאָ־קראַט. די ווייסע האָר מיט זיין גלייכן שטעל גיבן אים צו גרויס חשיבות. זיין רואיקער טאָן פון רעדן באַפעסטיקט זיין אויסערלעכקייט. ספּעציעל ווען ער רעדט מיט גרויסע לייט, ווייסט ער ווי אַזוי זיך צו האַלטן. ער רעדט איינציקע, אָפּגעזונדערטע ווערטער, ווי ער וואָלט זיך אָפּגערוט פון איין וואָרט צום אַנדערן. ער זוכט שטענדיק אויס די

טרעפלעכע אויסדרוקן, וואָס זאָלן ווירקן. און ווייל ער רעדט אַזוי גע־לאַסן, באַקומט זיין וואָרט וואָג און האָט טאַקע אַ ווירקונג.

אָט־די אַלע פעאיקייטן זיינע האָט וויינפעלד איצט געלאָזט אין גאַנג, און עס האָט זיך אים איינגעגעבן אַרויסצוקריגן דעם נאַפט פון די דייטשע הענט. זיין גרויסער אויפטו האָט אין שטאָט געמאַכט אַ רושם.

אַזוי ווי די צייט איז געווען נישט קיין נאָרמאַלע, זענען געווען סחורות, וואָס זענען אין איין שטאָט געווען טייערער און אין אַ צווייטער ביליקער. מענטשן, וואָס האָבן געזוכט ביי עפּעס צו פאַרדינען, כדי צו קאָנען אַדורכלעבן די שווערע צייט, האָבן אָנגעהויבן איבערפירן, שמוג־לען זאַכן פון איין אָרט אין אַנדערן. די שמוגלעריי פון עסנוואַרג און אַנדערע נייטיקע אַרטיקלען האָט זיך אַלץ מער און מער פאַרצווייגט. אַ סך מענטשן וואָס האָבן זיך דערמיט אָפּגעגעבן, זענען גאָר רייך גע־וואָרן. אָבער נישט אַלע מאָל האָט עס אָפּגעגליקט.

פון די קלענסטע ביז די גרעסטע זאַכן האָבן די דייטשן פאַרבאָטן פריי אַריינצופירן אָדער אַרויסצופירן פון שטאָט. אַ פויער האָט פון זיינע פּראָדוקטן גאָר נישט געקאָנט אַריינברענגען. די דייטשן זענען געפאָרן מיט לאַסט־אויטאָס איבער די דערפער און צוגענומען ביי די פויערים וואָס זיי האָבן נאָר געפונען.

די שטאָט־באַפעלקערונג האָט געקראָגן צוגעטיילט יעדעס ביסל שפּייז אויף קאַרטן. דאָס איז אָבער געווען זייער ווייניק, די וואָס האָבן געמוזט לעבן בלויז אויף די שפּייז־קאַרטן, האָבן געהונגערט. אין געהיים, אויפן שוואַרצן מאַרק, האָט מען געקאָנט קריגן צו קויפן. דאָס האָט אָבער געקאָסט זייער טייער. און נאָר גבירים האָבן זיך אַזוינס געקאָנט דערלויבן. האָבן טייל אָרימע לייט זיך אויף אַרויסגעלאָזט אין אַנדערע שטעט צו קריגן בי־ליקער שפּייז פאַרן אייגענעם געברויך. אַרום יעדער שטאָט איז ביי אַלע אַריינגאַנגען געשטאַנען אַ דייטשע וואַך און ווער עס איז נאָר אַרויס, צי אַריינגעגאַנגען, האָט מען אים באַזוכט, אַריינגעקוקט אין קלענסטן פּעקעלע און צוגענומען דאָס געפונענע. אַזוי איז געווען מיט פוס־גייער און אַזוי אויך מיט די, וואָס זענען געפאָרן אויף באַנען אָדער פורן.

צוליב אָט דער לאַגע האָבן זיך געיאַוועט מוסרים, וואָס האָבן זיך פאַר־בונדן מיט די דייטשן. צום ערשט האָט דער מסור געלאָזט וויסן די דייטשן וואָס ביי איינעם געפינט זיך, דערנאָך, אַז די דייטשן האָבן דאָס צוגענומען, איז ער געקומען צום אייגנטימער פון דער סחורה און גע־זאָגט:

— ווילסט האָבן די סחורה צוריק? פאַר אַזוי פיל און אַזוי פיל מאַרק וועל איך זען דיר טאָן אַ טובה אַרויסצונעמען.

כאַטש דער סוחר ווייסט, אַז דער זעלבער בעל־טובה האָט אַליין געמסרט, פּרובירט ער פונדעסטוועגן מיט אים פאַרהאַנדלען. און קומט דורך מיט אים ער זאָל אַרויסקריגן די סחורה, ווייל קיין אַנדער ברירה האָט ער נישט.

אַזוינע געשעפטן, פירט מען, פאַרשטייט זיך, בלויז מיט סחורות פון גרויסן פאַרנעם, וואו עס גייט אין אַפּלעקן אַ פעטן ביין.

איינער פון אַזעלכע מוסרים איז זאַנוועלע קאַטער. אַזוי רופט מען אים, ווייל ער איז אַ פאַרזעעניש: אַ קליינער, אַ דאַרער, מיט אַ ברייט־צעפּלאַטשטער נאָז, מיט גראָבע ליפּן ווי ביי אַ חזיר און מיט קליינטשיקע מייזן־אייגעלעך. חוץ וואָס ער איז מיאוס ווי אַ מאַלפּע, איז ער נאָך אַ גרויסער שיכור אויך. נישט איינמאָל זעט מען אים ליגן אין רינשטאָק אָן אָנגעזויפטן.

פאַר אַט דעם נפש ציטערן די שמוגלער. אַזוי ווי אַ קאַץ דערשפּירט אַ מויז, אַזוי דערשפּירט זאַנוועלע קאַטער, וואָס איינער האָט עפּעס ערגעץ באַהאַלטן, וואָס מען פירט אַריין אָדער אַרויס. ער ווייסט פון אַלע לעכער, וואו עפּעס ליגט. אַפילו וואָס איינער קלויבט זיך ערשט צו קויפן, ווייסט ער אויך באַלד.

אין יענער צייט זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געמאַכט אין גע־היים בראַנפן ביי זיך אין די שטיבער. אַנדערע האָבן באַהאַלטענערהייט אויסגעאַרבעט אייל. אַז זאַנוועלע קאַטער האָט זיך באַוויזן אויף דער גאַס, וואו איינער האָט געמאַכט פאַרבאָטענע זאַכן, האָט יענער די פאַברי־קאַציע באַלד אַריבערגעטראָגן אויף אַן אַנדער אָרט. נישט איינעם האָט זאַנוועלע קאַטער אומגליקלעך געמאַכט, צוגענומען דאָס לעצטע וואָס יענער האָט פאַרמאָגט. עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אים גע־צאָלט וואָכן־געלט, ער זאָל זיי לאָזן אָנגיין מיט זייער געהיימער פּרנסה. אַזאַ איינער איז שוין געווען זיכער, אַז די דייטשן וועלן אים נישט טשעפּען.

זאַנוועלעס ווייב טראָגט דעם רייכסטן פוטערנעם מאַנטל אין שטאָט און איז באַהאָנגען מיט גאָלד און בריליאַנטן.

נאָך דעם ווי ווייספעלד האָט אַרויסגענומען פון דער מאַכט דעם וואָגאָן נאָפט, האָט מען אין שטאָט אין איין רעדן, אַז ווייספעלד וויל, קאָן ער אַלץ אויפטאָן, און מען לויפט צו אים נאָך מער ווי פריער. וואָס איינער האָט עפּעס אַ צרה, ביי וועמען מען נעמט נאָר עפּעס צו,

קומט יענער באַלד צו לויפֿן צו ווײַנפֿעלדן, ער זאָל גיין צו די דײַטשן אָפּנעמען, וואָס זיי האָבן צוגענומען.

אַ יידענע האָט געטראָגן עטלעכע פֿונט מעל, ביי דער ראַגאַטקע האָט מען דאָס ביי איר אַוועקגענומען, קומט זי צו לויפֿן צו ווײַנפֿעלדן מיט אַ געוואַלד:

— רב נתן, דערבאַרעמט זיך, איך האָב געטראָגן אינגאַנצן צען פֿונט מעל, מײַנע קינדער זאָלן האָבן אַביסל קליסקעלעך צו עסן. איך בין שוין געווען דאָ אין שטאָט, אַ ניכפּע אויף זיי. האָבן די יעקעס דערזען, אַז איך טראָג עפּעס. גיט מען אַ געשריי: האַלט! איך בלייב שטיין, אַ ברירה האָב איך געהאַט, איך דאַרף אײַך נישט זאָגן ווי אַזוי איך בין געשטאַנען. הענט און פֿיס האָבן מיר געציטערט. ער גיט אַ קוק אַרײַן אין זעקל, דערזעט ס׳איז מעל, רעדט ער גאָר נישט, נאָר ער נעמט דאָס צו און גייט אַוועק. איך שריי אים נאָך: הער, הער לעבן, איך דאַרף דאָס האָבן פֿאַר מײַנע קינדער! הערט ער מיך ווי די קאַץ, מאַכט זיך נישט וויסנדיק, ווי נישט אים מיינט מען. האָט רחמנות, רב נתן, גייט אַריבער, נעמט דאָס ביי זיי אָפּ.

— גייט אַליין צו זיי, אפֿשר וועלן זיי אײַך אַוועקגעבן. איך האָב גאָרנישט צו טאָן דערמיט, — זאָגט ער צו דער יידענע בעת ער נעמט אַוועק די אויגן פֿון דער צייטונג.

— וואָס רעדט איר, רב נתן, די לעצטע פּאָר מאַרק האָב איך דאָך אויסגעגעבן. איר מוזט מיך ראַטעווען, דערהאַלטן מײַנע קינדער ביים לעבן — געוואַלדעוועט זי און ווישט זיך דערביי די אויגן מיט די שפּיצן פֿון דער דערעע, וואָס איז איר אַראָפּגעפֿאַלן פֿון קאָפּ אויף די אַקסלען.

— לאָזט מיך צו רו, איך האָב אײַך געזאָגט, אַז איך קאָן נישט אָפּנעמען קיין זעקעלעך מעל, עס ליגט נישט אין מײַנע הענט, וואָס ווילט איר פֿון מיר? — בייזערט ער זיך. — פֿריער איז געקומען אַ יידענע — זאָגט ער צו איר — איך זאָל גיין אָפּנעמען פֿינף פֿונט קאַשע, וואָס מען האָט ביי איר צוגענומען. פּונקט ווי איך וואָלט געהאַט די דעה איבער דעם, וואָס זיי נעמען צו.

— אָבער, רב נתן, איר זענט דאָך אַ ייד, ווער דען זאָל העלפֿן אַז נישט איר? איך וועל נישט אָפּטרעטן — האַלט זי זיך ביי דאָס איריקע.

— איך קאָן נישט, איך קאָן נישט גיין אָפּנעמען אַזעלכע פּעקלעך, זאָג איך אײַך. לאָזט מיך געמאַך! — צעשרייט ער זיך און לויפֿט אַרײַן

אין צווייטן צימער, כאַטש עס טוט אים ווי דאָס האַרץ, וואָס מען האָט ביי איר צוגענומען.

די יידענע בלייבט שטיין, זי וואַרט, אפשר וועט ער צוריקקומען. נאָר אַז זי זעט אים נישט אַריינקומען, רוקט זי אַרויף די דערע אויפן קאָפּ און גיט אַ שפּיי אויף דער פּאָדלאָגע, נעמט אים שעלטן:

— אַן אויסדאַרעניש זאָל אויף אים קומען. ער זאָל דערפילן דעם טעם, וואָס מיינע קינדער פילן, מיין ביטער האַרץ אויף אים, רבונו של עולם. ער איז דען בעסער פון די יעקעס, — רעדט זי אין דער וועלט אַריין, — פאַר אַ רייכן וואָלט ער שוין געגאַנגען; אָרימע לייט האָט מען אין דער ערד, וואָס גייט אים אָן, אַז מיינע קינדער הונגערן? אויסגעריסן זאָל ער ווערן מיט זיי צוזאַמען אַזוי ווי איך ווער אויסגעריסן.

# אין די בוידעם־שטיבלעך

**זלאַטע** האָט זיך קיין בעסער אָרט ווי ביי וויינ־פעלדן נישט געקאָנט ווינטשן. אַחוץ, וואָס זי האָט דאָ נישט צופיל אַרבעט און קאָן אומגעשטערט אַוועקגיין זיך לערנען, האָט זי וואו צו פאַר־ברענגען אויך.

אין די צוויי וואוינונגען אונטערן דאַך מיט די געבויגענע ווענט, וואָס יעדע דירה באַשטייט פון אַ שטוב מיט אַ קיך, וואוינען פאַמיליעס, וואָס האָבן פאַר זלאַטען געעפנט נייע וועלטן.

אין איינעם פון די בוידעם־שטיבלעך וואוינט די שוואַרצע ברײנע מיט אירע דריי טעכטער, די עלטסטע אַ פאַרהייראַטע און צוויי מיידלעך. די שוואַרצע ברײנע, אַ יידענע אין די פופציקער, איז אַ מיטל־וואוקסיקע, נישט קיין גראָבע, זייער אַ פלינקע און האָט שוואַרצע ברענענדיקע אויגן. זינט דער מאַן איז איר אָפּגעשטאָרבן, שוין אַ צוועלף יאָר, באַדינט זי די קאָנטאָר, וואָס פאַרנעמט די אַנדערע העלפט פון וויינפעלדס מויער. זי ראַמט די צימערן, ווינטער הייצט זי די אויוונס, קויפט פאַר די אָנ־געשטעלטע פאַפּיראָסן מיט געבעקס און מאַכט פאַר זיי טיי.

ברײנעס עלטסטע טאָכטער יאָספּע, וואָס דער מאַן האָט זי פאַר־לאָזט, זיצט ביי איר מיט דריי קינדער. פון צייט צו צייט שיקט ער איר אַריין עטלעכע רובל און מער וויל ער פון איר נישט וויסן. אַלע פיר שלאָפן אין קיך, אין די צוויי שמאָלע בעטן, וואָס מען קאָן אַרויסרוקן און מאַכן ברייט צום שלאָפן.

דאָס עלטערע מיידל, פּעשע, האָט זיך אויסגעלערנט אין דער צייט פון מלחמה מאַכן פאַפּיראָסן. איינמאָל אַ וואָך פאָרט זי אין אַן אַנדער שטאָט. זי שמוגלט, וואו פאַפּיראָסן קאָסטן טייער. אַז עס גיט זיך איר איין, כאַפּט זי אַ פאַרדינסט, נאָר אַמאָל געפינען די דייטשן ביי איר די פאַפּיראָסן און זיי נעמען זיי צו.

די יינגסטע, אַ מיידל פון אַ יאָר זעכצן, האָט זיך אָנגעהויבן לערנען ביי אַ פריזירערקע און זי פאַרדינט נאָך דערוויילע גאָר נישט.

אין די אָוונטן קומען אַהין אַרויף לוסטיקע יונגען מיט אויסגע־פוצטע מיידן. די מיידן זעצן זיך ביי די יונגען אויף די קני און קושן זיך פאַר אַלעמען אין די אויגן. אַפילו ברײנעס עלטסטע טאָכטער, די

מאַמע פון דריי קינדער, טוט דאָס אויך און ברײנע זאָגט גאָר נישט אירע טעכטער.

די יונגען ברענגען גוטע זאַכן, עסט מען נאַשערייען, מען טרינקט טיי און מען זינגט פריילעכע לידלעך.

די שוואַרצע ברײנע קומט אַלע מאָל אַריין צו ווײַנפעלדן עפּעס לייען. דאָ דאַרף זי די באַליע צו וואַשן וועש, שפּעטער נעמט זי דאָס לאָקשן־ברעט, אַמאָל כאַפּט זי דעם עמער אַרויפצוברענגען קוילן, צי זי קומט אַריין נאָך אַ שווּעבעלע אָדער אַן אַנדער קלייניקייט.

מיט די דינסטמיידלעך ביי ווײַנפעלדן ווערט ברײנע באַלד פּאַניע־בראַט. מאַיען, דער באַלעבאָסטע, פאַרדריסט דאָס, עס ברענט אין איר אַ פייער.

— וואָס האָט זי שוין ווידער פון ד׳יר געוואָלט, די ציגאַנקע? — גיט מאַיע בייז אַלע מאָל אַ זאָג צום מיידל, ווען ברײנע גייט אַרויס. הינ־טער די אויגן רופט זי מאַיע נישט אַנדערש נאָר די ציגאַנקע. מאַיען קאָסט עס געזונט וואָס ברײנע האַלט זיך היימיש מיט אירע דינסטן. ווען ברײנע האָט נישט צו טאָן מיט דער קאָנטאָר, וואָלט מאַיע זי שוין לאַנג אַרויסגעוואָרפן פון דער דירה. די שוואַרצע ברײנע ווייסט, אַז די קאָנטאָר איז פון איר צופרידן, לאַכט זי זיך אויס פון מאַיען און טוט איר אַ סך מאָל אויף צו להכעיס.

צו זלאַטען איז ברײנע געוואָרן צוגעלאָזן אַזוי ווי צו די פריערדיקע דינסטמיידלעך.

— קום אַרויף אַביסל צו מיר, ווען דו האָסט צייט — רעדט זי צו איר פריינטלעך — דו מוזסט נישט אָפּהיטן די קיך, האָב זי אין דער ערד, די קליפּע, די באַלעבאָסטע דײַנע קאָן דיך נאָך מכבד זיין מיט צירעוועז זאַכן.

זלאַטע ווידער האָט זיך דערפילט גליקלעך, וואָס מען לאָדט זי איין און זי האָט וואו אַריינצוקומען, זי בענקט נאָך אַ וואַרעם וואָרט און זי האָט ליב צו זיין צווישן מענטשן, נוצט זי אויס יעדע פריייע מינוט, וואָס זי קאָן אָפּרייסן און לויפט אַהין אַרויף. אַז מען שיקט זי אַ גאַנג אָדער עפּעס קויפן, טרעט זי פריער אָפּ ביי דער שוואַרצער ברײנען. אַ חוץ די שטוב־מענטשן טרעפט זי דאָרט זייער אָפט אַנדערע אויך. כאָטש די פּראָסטע פירונגען פון די וואָס קומען אַהין אַריין געפעלן איר נישט אַלע מאָל, נאָר ס׳איז דאָרט שטענדיק טומלדיק, אָפטמאָל איז גאָר פריילעך, ציט עס איר אַהין.

מאַיעס אויסזען איז גאָר נישט ווי פון אַ גבירטע. זי איז אַ קורצע

און אַ דיקע מיט אַן אויסגעבויגענער קיילעכדיקער פּלייצע. אַנגעטאָן גייט זי אויך נישט וואָשנע. קוקט זי אויס ווי אַ פּראָסטע יידענע. דער מאַן רעדט מיט איר זעלטן. ער האָט נישט וואָס מיט איר צו רעדן. ער איז דאָס פּאַרקערטע פון איר סיי מיטן אויסזען, סיי מיט דער האַלטונג, אַזוי ווי צוויי באַזונדערע וועלטן.

זי גייט שטענדיק אַרום אַן אַנגעכמורעטע, ווי אַ ברוגזע, טרינקט ווישי־וואַסער, ווי אַ מיטל צו די גאַלשטיינער, וואָס זי קריגט פון זיי אָפטע אָנפאַלן, דאָס פּנים ווערט איר דעמאָלט געל־גרינלעך, ווי אַ ברוקווע. אַחוץ צום איינקויפן גייט זי זעלטן אַרויס פון שטוב. זי זיצט אָבער קיינמאָל נישט ליידיק; זי לאַטעט, צירעוועט, אָדער זי שטריקט זאָקן. זלאַטע קאָן גאָר נישט פאַרשטיין פאַר וועמען זי דאַרף אַזויפיל זאָקן.

לעבן די בוידעם־שטיבלעך, וואו מען וואוינט, איז פאַראַן נאָך אַ האַלב־פינצטערע שטוב. דאָס איז מאַיעס שפּייכלער. ס׳איז אַ בוידעם־קאַמער, וואו עס שטייט אַלע מאָל אַ דריי פיר זעק מעל, מיט פאַרשידענע סאָרטן קאַשעס און בעבלעך. פון דאָרטן ברענגט מאַיע אַליין וואָס מען דאַרף צום קאָכן אָדער צום באַקן. אין קעלער אַריין נאָך מייערן, קאַרטאָפליעס, בוריקעס צי אַנדערע זאַכן גייט זי מיט זלאַטען. אין אָט־די ערטער געטרויט זי נישט קיין שום דינסטמיידל צו גיין אַליין. אויף ביידע טירן הענגען צו דריי שלעסער.

זלאַטע קאָן גאָר נישט פאַרשטיין, צו וואָס מען דאַרף דריי שלעסער אויף אַ טיר, זי וואָלט דאָס זייער געוואָלט וויסן, נאָר זי האָט נישט דעם מוט צו פרעגן. איינמאָל זאָגט מאַיע צו איר:

— זאָלסט נישט דערוועגן גיין צו דער ציגאַנקע, די שוואַרצע מכשפה. — מיינענדיק ברייגען.

— פאַרוואָס? — פרעגט זלאַטע נאַאיוו און וואונדערט זיך.

— אַלע דינסטן פירט זי מיר איבער. דאָס איז אַ גנבטע, דאָס ווייסל פון אויג דאַרף מען זיך פון איר היטן, — זאָגט זי און קוקט אויף די שפּיזלען בעת זי שטריקט. — נישקשה, וועסט גאָר נישט פאַרלירן אַז דו וועסט צו איר נישט גיין. ס׳איז נישט קיין צאַצקעדיקע שטוב דאָרט.

זלאַטע פילט זיך געערגערט פון אַזעלכע רייד: איר ציט צו דער שוואַרצער ברייגען.

איינמאָל, אין אַ שבת אינדערפרי, באַלד ווי ביידע ווייפעלדס זענען אַוועק אין שול אַריין, טוט אַ קום אַריין די שוואַרצע ברייגע. זי האַלט אין די פינגער אַ שליסעלע, באַווייזט זלאַטען דעם שפּיץ און שמייכלט. די שוואַרצע אויגן ברענען ביי איר ווי גליאיקע קוילן.

— זעסט דאָס שליסעלע, — גיט זי וואוילעריש אַ זאָג, — מיט דעם קאָן מען אויפשליסן דעם קרעדענץ, וואו די אַלטע קליפּע האַלט דעם גאַנצן בינט שליסלען פון אַלע שלעסער.

זלאַטע קוקט זי אָן טאַמעוואַטע, זי פאַרשטייט נישט קעגן וואָס זי זאָגט איר דאָס. נאָר ברײנע וואַרט נישט לאַנג און זאָגט צו איר:

— מיר וועלן דאָס ערשטע עפענען די בוידעם־קאַמער און אַראָפּ־נעמען צו ביסלעך שפּייז. דערנאָך וועלן מיר אַראָפּגיין אין קעלער נעמען אַביסל קאַרטאָפליעס, בוריקעס, מייערן, אַ צווײ הייפּטלעך קרויט, פון אַלץ אַ ביסל, פאַרשטייסט? אַ העלפּט וועט זיין פאַר מיר, אַ העלפּט פאַר דיר. וועסטו עס אָוועקטראָגן דיין מאַמען. זי האָט גענוג, די קליפּה, אויס־קרענקען זאָל זי דאָס.

זלאַטע ווערט פון די רייד אַ פאַרציטערטע, זי הייבט אָן שטאַמלען, זי ווייסט נישט וואָס צו זאָגן.

די שוואַרצע ברײנע איז אָבער אַ פּיפּיקע און אַ פלינקע יידענע. איידער זלאַטע זאָגט אַרויס אַ וואָרט, שטעקט זי שוין דאָס שליסעלע אין קרעדענץ.

זלאַטע לויפט צו לייגט אַרויף די האַנט אויפן טירל, לאָזט נישט עפענען. אַ צערודערטע פון שרעק שעפּטשעט זי מיט ציטערדיקע ליפּן:

— ווײ איז מיר, נאַדזשע, נאַדזשע שלאָפט דאָך. זי איז דאָך דאָ אין שטוב. גאָט איז מיט אייך, וואָס וועט זיין, אַז זי וועט זיך אויפכאַפּן און אַריינקומען פונקט ווען איר עפנט די טירלעך.

— זײ נישט קיין גלאָמפּ — זאָגט ברײנע אַ גערגערטע וואָס זלאַטע פאַרהאַלט דאָס טירל און מאַכט אָן אַ גערודער. — אַז נאַדזשע שלאָפט קאָן מען דעם מויער צעלייגן. — און זי דרייט דאָס שליסעלע, רייסט דאָס טירל.

— אָבער אַז זי וועט זיך אויפכאַפּן! — שרייט צו איר זלאַטע.

— גײ שוין גיי, זײ נישט קיין נאַר — פּרובירט זי איר שוין איינרעדן מיט גוטן. — אַפילו ווען זי איז אויף, קאָן איך צען מאָל אין אירע אויגן אַרויסנעמען און אַריינלייגן די שליסעלעך, דער שטיק גולם זאָל נישט אָנהייבן צו וויסן. זי ווייסט נישט פון אירע הענט און פיס.

און זי שטופּט אָפּ זלאַטעס הענט פון טירל. איידער זלאַטע האָט צייט געהאַט איר צו דערוױידערן נאָך אַ מאָל, האָט שוין ברײנע גע־האַלטן דעם בינט שליסלען אין האַנט. זי האָט צוריק פאַרשלאָסן דעם קרעדענץ. — טאַמער קומט עמיצער אָן, — האָט זי געלערנט זלאַ־

טען, — לייגט מען אַוועק די שליסלען וואו עס איז, וועט זי מיינען, אַז זי האָט פאַרגעסן זיי אַריינצולייגן.

אין איין מינוט איז שוין ברײנע ביים שפּײכלער פון בוידעם־קאַמער. זלאַטע שטייט לעבן איר אַן אומבאַהאָלפענע און קוקט ווי יענע שליסט אויף די שלעסער. עס איז איר אַ וואונדער ווי אַזוי ברײנע דערקאָנט יעדעס שליסעלע צו וועלכן שלאָס עס פּאַסט.

לעבן דער טיר זעט זי שטיין אַנגעגרייט טעפּ מיט שיסלען אין וואָס אַלץ אַריינצולייגן. דאָס ערשטע נעמט זי צוקער, ווייל צוקער איז שווער צו קריגן אין שטאָט. ווי אַ זאַך מאַכט זיך, טאָמער שלאָגט מען איר איבער אין מיטן נעמען, וועט זי כאָטש האָבן אַביסל צוקער. די שטיקלעך נעמט זי מיט די הענט און די מאַנטשקע מיט אַ פענדל. זלאַטע זעט, עס ווערט אַ גרוב אין זאַק.

— שויך, שוין געגוג — בעט זי זיך ביי איר — די אַלטע וועט דאָך דערקאָנען.

נאָר ברײנע הערט נישט, וואָס זלאַטע רעדט, זי טוט דאָס איריקע. זי גייט פון איין זאַק צום אַנדערן, לאָזט נישט אויס קיין שום זאַך. זי האָט אפילו אַ לעיקע מיט אַ פלאַש אָפּצוגיסן פון דער גרויסער בלעך אייל, וואָס שטייט דאָרט. פון אַלצדינג נעמט זי שפּאָרע פּאַרציעס.

פאַרטיק מיטן בוידעם, נעמט ברײנע צוויי קוישן מיט אַ זעקל און לאָזט זיך גיין אין קעלער, נאָר זלאַטע צעשרייט זיך בייז:

— גיט מיר די שליסלען! איר וועט נישט גיין איצט אין קעלער, עמיצער קאָן אָנקומען.

— גיי שוין, גיי, — באַרואיקט זי ברײנע, — זיי נישט קיין נאַר. וואָס אַרט דיך, מיר וועלן נעמען אַ קוישל קאַרטאָפליעס. עס וועט זיך אָנזען ווי אַ טראָפּן אין ים. זי דאַרף דען אַזוי פיל? זיי וועלן דאָך ביי איר פאַרפוילט ווערן.

— ניין, ניין, איך וויל נישט — איז זלאַטע איינגעשפּאַרט. — די אַלטע קומט באַלד אָן פון שול, וויי איז מיר. זי וועט דאָך אונדז כאַפּן.

— וואָס רעדסטו נאַרישקייטן, ווי קומט זי שוין איצט פון שול? עס איז דאָך ערשט צען אַ זייגער. פאַר צוועלף קומט זי נישט אַהיים, — טענהט צו איר די שוואַרצע ברײנע, בעת זי שטופּט איין קויש אין אַנדערן. — שפּעטער, ווען מיר וועלן אַרויפברענגען די זאַכן פון קעלער, וועלן מיר זיך צעטיילן. קום מיט מיר. — און זי הויבט אָן אַראָפּגיין מיט די טרעפּ.

— נישט איצט, אַן אַנדערש מאָל אפשר. איך וויל צוריק אַריינ־

ליגן די שליסלען וואו זיי זענען געלעגן! — טרייסלט זיך אַזש זלאַטע פאַר שרעק און לאָזט זי נישט גיין.

ברײנע גיט זי אַ קוק אָן, דערזעט ווי זלאַטעס פּנים איז ווייס, דערשרעקט זי זיך: דאָס מיידל קאָן נאָך אָוועקחלשן. — אַז עס גייט דיר אַזוי אין לעבן, מילא, זאָל זיין אַן אַנדערש מאָל, — זאָגט זי. — קום, וועל איך אַוועקלייגן די שליסעלעך וואו זיי זענען געלעגן, אַבי ציטער נישט. נישטאָ פון וואָס צו מאַכן אַ וועזן.

ברײנע איז ענדלעך אַוועק, אָבער זלאַטע האָט אַ לאַנגע צייט נישט געקאָנט צו זיך קומען. נאָך אַלץ באַהערשט פון שרעק, איז זי צוגע־גאַנגען צו נאַדזשעס שלאָפצימער און צוגעלייגט אַן אויער. כאָטש זי האָט קיין שאָרך נישט געהערט, האָט זי פונדעסטוועגן פּאַמעלעך אָפּגע־שפּאַרט די טיר, זי זאָל זען מיט די אייגענע אויגן אַז יענע שלאָפט.

ווען מאַיע איז אַהיימגעקומען פון שול, האָט זלאַטען אויף דאָס ניי אָנגעהויבן שטאַרק קלאַפּן דאָס האַרץ, די באַלעבאָסטע וועט צוגיין אַרויס־נעמען דעם ווין מיט דער חלה פון קרעדענץ, האָט זי געטראַכט, וועט זי זיכער באַמערקן, אַז עמיצער האָט געהאַלטן די שליסלען. וועמען וועט זי חושד זיין, אויב נישט די דינסט?

דער שבת איז אַדורך בשלום. מאַיע האָט גאָרנישט באַמערקט, אָבער זלאַטע האָט זיך אַלץ נישט באַרואיקט און געוואַרט די באַלעבאָסטע זאָל גיין אויפן בוידעם. זי וויל שוין דערלעבן צו וויסן צי מאַיע וועט נישט דערקאָנען, אַז מען האָט גענומען פון די זעקלעך.

אויף מאָרגן, ווי גיך זלאַטע איז אַריין צו דער שוואַרצער ברײנען, האָט יענע איר באַלד צוגעטראָגן די אָפּגעטיילטע חלקים.

— נאָ, דאָס איז פאַר דיר — זאָגט זי מיט אַ פול מויל זאַפט, ווי זי וואָלט פאַר איר אַ גרויסע זאַך אויפגעטאָן, — לויף, טראָג דאָס שוין אַוועק צו דער מאַמען.

נאָר אויף זלאַטען זעט זיך נישט קיין סימן פון צופרידנקייט. זי שטייט אַן אָנגעכמורעטע און קוקט אַ ווײַלע אויף די אַלע זאַכן, דערנאָך זאָגט זי:

— איך וויל דאָס נישט נעמען.

— פאַרוואָס? — פרעגט ברײנע און בלייבט מיט אַן אָפענעם מויל.

— עמיצער קאָן מיך נאָך דערזען מיט די פּעקלעך, מער פעלט מיר נישט מ'זאָל זאָגן, אַז איך טראָג אַרויס פון הויז. — גיט איר זלאַטע אָנצוהערן, אַז זי האָט פיינט אַזעלכע זאַכן.

— אַז דו האָסט מורא, וועל איך עס פאַר דיר אַרויסטראָגן פון

טויער, — וויל איר ברײנע העלפֿן, אַבי זי זאָל דאָס אָװעקטראָגן צו דער מאַמען, כּדי זי זאָל האָבן חשק נאָכאַמאָל זי לאָזן אַרויסנעמען די שליסלען.

— די מאַמע וועט נאָך אויף מיר שרייען, פֿאַרוואָס איך האָב דאָס געטאָן. איך וויל נישט די מאַמע זאָל דערפֿון וויסן, — ענטפֿערט זלאַטע מיט אַ ברוגזלעכן טאָן.

ברײנע קוקט זי אָן מיט אַ חוזק־שמייכעלע און זאָגט:

— פֿרואוו טראָג דאָס אַוועק, וועסטו זען, צי די מאַמע וועט נישט זײַן צופֿרידן.

דאָ פֿאַלט אײַן זלאַטען אַ געדאַנק, אַז זי וועט דאָס אַרײַנטראָגן צו נעכען, וואָס וואוינט דאָ איבער דער וואַנט. ביי נעכען איז אַ גרויס אָרימ־קייט. אַנומלט איז זי אַהין אַרײַנגעקומען, האָט זי געזען ווי ליבע, דאָס פֿיר־יאָריקע מיידעלע, רייסט דער מוטערס קלייד און שרייט: — כ׳וויל אַ פּלעצל, גיב מיר אַ פּלעצל! — וואו זאָל איך דיר נעמען אַ פּלעצל? — רעדט צו איר די מוטער אַ פֿאַרביטערטע. די זעקס־יאָריקע כּאַשקע קומט צו און זאָגט: — מאַמע, גיב מיר אַ שטיקל ברויט. — די מוטער האָט אָבער קיין שטיקל ברויט אויך נישט געהאַט. זלאַטע האָט געזען ווי נעכע האָט זיך אומגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט און געווישט די אויגן. האָט דאָס איר אַזוי פֿאַרקלעמט ביים האַרצן, אַז זי איז אַראָפּגעלאָפֿן און דערציילט דאָס איר באַלעבאָסטע, מיטן געדאַנק, אַז יענע וועט אפֿשר אַרויסשיקן אַהין עפּעס צו עסן. נאָר מאַיע איז געבליבן זיצן און געשטריקט דעם זאָק. זי האָט אַפֿילו נישט קיין פֿינטל געטאָן מיט קיין אויג. ביי איר איז קיין נייעס נישט וואָס קינדער האָבן נישט קיין ברויט. נאָר אַז זלאַטען אַרט עפּעס, האַלט זי אין איין רעדן וועגן דעם. האָט זי אַזוי לאַנג געדרעדט ביז מאַיע האָט זיך אָנגערופֿן:

— הער שוין אויף האַקן אַ קאָפּ מיט נעכען, שטעל בעסער אויף דעם סאַמאָוואַר, שוין צייט צו גרייטן די וועטשערע.

נעכעס מאַן, פּעלטע, איז אַ שניידער, אָן אָפּגעלאָזענער ייד. קיין וואָזשנער באַלמעלאָכע איז ער נישט, גיט מען אים זעלטן צו מאַכן אַ נייעם מלבוש, וואָס מען גיט אים יאָ, איז איבערניצעווען זאַכן. ווען אַ מלבוש ווערט אָפּגעטראָגן אויף דער רעכטער זייט גיט מען אים איבער־צודרייען אויף דער לינקער זייט. אַמאָל גיט מען אים אַ מלבוש, וואָס רייסט זיך שוין, ער זאָל דערפֿון מאַכן עפּעס פֿאַר אַ קינד אָנצוטאָן. נאָר פּעלטע היט נישט די פּרנסה. נאָכן דאַווענען האָט ער ליב זיך אײַנצוהערן וואָס יידן רעדן, ער איילט זיך נישט אַהיים צו גיין. אַ

שטיקל אַרבעט ליגט ביי אים אָפּ וואָכן, אַמאָל חדשים ביז ער מאַכט עס.
זלאַטע וויל נישט ראַפּטאָם אַריינטראָגן צו נעכען די זאַכן, וואָס ברײַנע האָט פאַר איר אָפּגעטײלט. זי גײט אַרײַן פריער זען צי ס'איז דאָרט נישטאָ קיין פרעמדער מענטש. זי עפנט די טיר, זעט זי נעכע שטייט אײַנגעבויגן איבער אַ גרויסער שיסל און וואַשט קינדערשע זאַכן.
ביידע מיידעלעך זיצן אויף דער פּאָדלאָגע און שפּילן זיך מיט אַ ליאַלקע געמאַכט פון שמאַטעס. נעכע קוקט זיך גאָר נישט אום אויף זלאַטען. יענע שטייט אַ ווײַלע לעבן די קינדער און גיט אַ פרעג:
— וואו איז מלכה?
נאָר נעכע ענטפערט נישט באַלד. זי גיט אַ וויש מיטן אַקסל די נאַסלעכע נאָז און זאָגט:
— זי איז אַוועק אויף אַ רעפּעטיציע.
אין דעם קומט אָן פעלטע. זלאַטע זעצט זיך אויף דער פּאָדלאָגע לעבן די מיידעלעך. נעכע הייבט אויף דעם קאָפּ, גיט אויף אים אַ זייטיקן קוק, צי ער האָט עפּעס מיטגעבראַכט. אַז זי זעט ער איז אַריינגעקומען מיט ליידיקע הענט, גיט זי אַ זאָג:
— אַבי מען זעט דיך, וואָס־זשע, ביז איינס אַזייגער דאַוונט מען? כ'האָב געמיינט, דו וועסט כאָטש ברענגען אַ שטיקל ברויט. די קינ־דער האָבן דאָך היינט נישט געהאַט אין מויל, אַ ווייטיק איז מיר. מאַטל דאַש איז שוין ווידער דאָ געווען — רעדט זי מיט היץ — זיך פרעגן צי דו האָסט געמאַכט פאַרן ייִנגל דאָס פּאַלטנדל. ס'קינד האָט נישט אין וואָס צו גיין אין חדר, האָט ער געשריגן, און דו דרייסט זיך אַרום גאַנצע טעג אין גאַס.
פעלטע הייבט אויף דאָס היטל, קראַצט זיך אין קאָפּ און זאָגט מיט אַ שוואַכער שטימע:
— פון וואַנעט זאָל איך נעמען ברויט? כ'האָב געמיינט, האָסט אָפּגעקאָכט אַ לעפל עסן.
— אַזוי, דו ווילסט טאָקע עסן? — גיט זי מיט צאָרנדיקן שפּאַט אויף אים אַ שטעל אויס אַ פּאָר אויפגעריסענע אויגן, אַז מען קאָן מיינען אָט אָט שפּאַרן זיי ביי איר אַרויס פון קאָפּ. — אַז עסן זאָלן שוין מיינע שונאים די ווערים.
פעלטע גיט אַ רוק דאָס היטל אויפן קאָפּ, גייט צו צו דער פּאַליצע, שלעפּט אַראָפּ מאַטל דאַש'ס פּאַלטן. פון דעם בגד גיט אַ זעץ אַ ריח פון שימל. אויף די פּראָנטן גלאַנצט דער ברוד, ווי מען וואָלט זיי אויסגעשמירט מיט אַ פעטקייט. ערטערווייז איז דער פּאַלטן שטייף ווי אַ

בלעך פונעם אָנגעזעצטן שמוץ. די פּאָלע־ברעגעס מיט די אַרבל זענען צעריסן. ס׳הענגען נאָך צוויטן. ער דרייט דעם פּאָלטן אויף אַלע זייטן, קוקט וואָס ער קאָן פון אים אַרויסנעמען. עס כאַפּט אים אָן אַ שלו־קערץ. דאָס שפּילט ביי אים דער ליידיקער מאָגן. כאַפּט ער זיך אָן פאַרן בויך און זאָגט מיט אַ געפּאַלענעם טאָן צום ווייב:

— אַז מאָטל דאַש איז דאָ געווען, האָסטו דאָך געקאָנט ביי אים נעמען דערוויל אַ פּאָר גראָשן אַ קאָנטע און אָפּקאָכן אַ קאַרטאָפּליע.

— איך זאָל ביי אים נעמען אַ קאָנטע? — גיט זי צו אים אַ לויף צו מיט אַן אויסגעדרייטן שטיקל וועש אין האַנט. — אַז צונעמען זאָל מען שוין מיינע שונאים פון שטוב, רבונו של עולם! אַ געקאָכטע קאַר־טאָפּליע ווילט זיך דיר, אַז קאָכן זאָל מיינע שונאים אין די קישקעס. ביסט קראַנק דאָס פּאַרטיק צו מאַכן און קריגן באַצאָלט? נאָר זיך האָסטו אין זינען, נאָר די אייגענע קישקע. אַז די קינדער האָבן נאָך נישט אָנגעביסן, דאָס אַרט דיך גאָרנישט.

זלאַטע שפּרינגט אויף פון אָרט, לויפט צו צו נעכען, גיט זי אַ ציִ ביים אַרבל, בייגט צו דעם קאָפּ צו איר אויער און רוימט איר איין אַ סוד:

— איך וועל אייך עפּעס אַריינברענגען, וועט איר האָבן וואָס אָפּ־צוקאָכן.

נעכע קוקט אויף איר אומצופרידן, וואָס זי דרייט איר אַ קאָפּ. זי האָט זיך גאָרנישט איינגעהערט, וואָס זלאַטע האָט איר געזאָגט. נאָר יענע לויפט באַלד אַרויס און ברענגט אַריין די זאַכן, וואָס די שוואַרצע ברייַנע האָט פאַר איר אָפּגעטיילט.

— אָט האָט איר אַביסל מעל, קאַשע, בעבלעך, צוקער, זעט וואָס נאָך דאָרט איז דאָ, — זאָגט זלאַטע און שטעלט אַלצדינג אַוועק אויפן קיך־טיש.

נעכען טרייסלען זיך נאָך אַלע אברים פון דער קריגעריי מיטן מאַן. נאָר אַז זי דערזעט פּעקלעך פאַרוויקלט אין פּאַפּיר, גייט זי צו און וויקלט אויף פּאַפּיר נאָך פּאַפּיר. זלאַטע זעט ווי אירע אויגן ווערן וויי־כער, פון פּנים גייט אָפּ די בלייכקייט, זי קריגט אַ פריילעכן אויסזען. אויף אַזאַ גליק האָט זי זיך גאָרנישט געריכט. זי וועט האָבן עטלעכע טעג פאַר אַלעמען צו עסן.

פּעלטע קוקט זייטיק פון שטוב אין קיך אַריין. ער ווייסט נישט וואָס דאָרט טוט זיך. נאָר ער זעט נעכע איז פון עפּעס צופרידן, ווערט אים אויך פריילעכער. ער הייבט אָן ברומען אַ ניגון און נעמט זיך צעטרענען

דעם אַלטן מאַנטל. נעכע נעמט אַרויף אויף דער האַנט אַביסל מעל. אַזאַ שיין, ווייס מעל, וואונדערט זי זיך. זי וועט דאָס לאָזן אויף באַקן חלה. אויף קליסקעלעך קויפט זי דאָס טונקעלע מעל פון ערגערן סאָרט. אין אַן אַנדערן פּאַפּיר געפינט זי דינע גרייפּלעך. דאָס וועט זי טאַקע באַלד אָפּקאָכן. זי וועט צוברוינען אַ ציבעלקע מיט אַ ביסל אייל, וועט באַ־שמעלצן די גרייפּלעך און זיי וועלן האָבן אַ גוטן מאַלצייט, קוועלט אין איר דאָס האַרץ.

דאָס עלטסטע מיידל, מלכה, איז פּונקט אָנגעקומען ווען נעכע האָט געהאַלטן אין אַרויסלייגן די גרייפּלעך אויף די טעלער און זי האָט זיך אויך דערקוויקט מיטן צוגעגרייטן עסן.

איצט פאַרשטייט שוין זלאַטע פאַרוואָס מאַיע וויל נישט די שוואַרצע ברײַנע זאָל ווערן מיט איר צו היימיש און פאַר וואָס עס הענגען אויף די טירן צו דריי שלעסער. ווייזט אויס, אַז מאַיע קען זי גוט, טראַכט זלאַטע, נאָר אַז ברײַנע האָט אַ נאָכגעמאַכט שליסעלע צו דעם קרעדענץ, דאָס פעלט איר נישט איין.

זלאַטע זעט איין, אַז עס איז שווער זיך אויסצוהיטן פון דער שוואַרצער ברײַנען. יענע ווייסט שוין, ווען די אַלטע גייט אַרויס פון הויז, פרעגט זי נישט ביי קיינעם, קומט אַריין און איידער זלאַטע דרייט זיך אום, האָט זי שוין עפּעס גענומען: אַביסל קוילן, אַ פּאָר שטיקלעך האָלץ, אַ ציבעלע, עטלעכע מייערן, צי אַביסל קאַרטאָפליעס פון קעסטל. זי וואַרפט דאָס אַריין אין פאַרטעך און לויפט אַרויס. זי זעט, אַז זלאַטען קאָסט עס געזונט, וואָס זי רייסט זיך אַריין און נעמט זאַכן. נאָר ברײַנען אַרט דאָס נישט, זי נעמט סיי ווי סיי וואָס עס לאָזט זיך. אָבער אַרויסנעמען די שליסלען פון קרעדענץ, דאָס קאָן זי ביי זלאַטען מער נישט פּועלן. ווען זלאַטע באַמערקט, אַז זי האָט עפּעס גענומען, גייט זי איר נאָך און באַשטייט זי זאָל איר געבן אַ טייל, און זי טראָגט דאָס אַריין צו נעכען. ברײַנע שפּאַרט זיך נישט מיט איר.

נאָך גוט, טראַכט זלאַטע, וואָס ברײַנע ווייסט נישט וואו דאָס געלט ליגט. אָט ווייסט זי, אַז דאָס שליסעלע פון שופלאָד, וואו דער אַלטער האַלט דאָס געלט, ליגט אויבן אויף דער שאַנק און זי רירט זיך נישט צו צו דעם.

איינמאָל האָט זיך איר פאַרוואָלט בלויז אַ קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך אין שופלאָד, וויפיל געלט עס ליגט דאָרט. דאָס איז געווען אין אַ יום־טוב, ווען קיינער איז נישט געווען אין הויז, קיין פרעמדע מענטשן קומען דעמאָלט נישט מיט קיין בקשות צו ווײַנפעלדן. האָט זי פאַר־

שלאָסן די קיך־טיר און אַ קוק געטאָן צי די פּראַנטאָווע טיר איז גוט פאַרריגלט. זי האָט אַראָפּגענומען דאָס שליסעלע און גענומען אויפשליסן דעם שופלאָד, נאָר עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז מען קלאַפּט אין דער טיר, האָט זי אַוועקגעכאַפּט די האַנט פון שליסעלע און אָנגעשפּיצט די אויערן. ס׳איז שטיל, זי הערט נישט מער קיין שום גערודער.

נאָך אַלץ אַ פאַרציטערטע האָט זי זיך אָנגענומען מיט קוראַזש און אויפגעמאַכט דעם שופלאָד.

אין שיפלאָד, זעט זי, זענען אָפּגעטיילט קעסטעלעך, אין יעדן קעס־טעלע ליגט אַ פּאַק פּאַפּירן געלט מיט אַן אַנדער ציפער: דרייער פּאַ־פּירן, פינפער, צענער, פינף־און־צוואַנציקער, פופציקער און הונדערטער, אין איין קעסטעלע ליגן בלויז גאָלד־שטיקלעך, אין אַן אַנדערן ליגט זילבער. זי נעמט אין האַנט אַ הונדערטער. זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַלטן קיין הונדערטער אין האַנט. עס בלייבט, דאַכט זיך איר, דער זעלבער פּאַק, עס זעט זיך גאָר נישט אָן.

אפשר אַראָפּנעמען פון יעדן פּעקל אַ פּאַפּירל? גיט איר אַ זעץ אַ געדאַנק. בלויז איינציקע פּאַפּירלעך וועט זי נעמען, עס וועט זיך גאָרנישט אָנזען.

וואָס זי וואָלט אַלץ געקאָנט איינקויפן מיט אַזויפיל געלט! זי וואָלט זיך געקויפט אַ האַנט־טאַש, זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט קיין האַנט־טאַש. זי וואָלט געקויפט עטלעכע איילן ווייסן באַטיסט מיט בלאָע אַרבעסלעך אויף אַ בלוזקע. די מאַמע האָט פון אַ זעלנערישן לײלעך, אָפּ־געפאַרבט אויף בלאָ, אויפגענייט פאַר איר אַ האַלב קליידל, וואָלט אַזאַ בלוזקע צו דעם זייער געפּאַסט. מיט אַזוי פיל געלט וואָלט זי געקאָנט שוין אַהיימגיין אָנדינגען זיך ביי אַ גוטער לערעריןֹ, זיך לערנען און לערנען אַ לאַנגע צייט.

אין האַנט האַלט זי נאָך דעם הונדערטער, ווען עס דאַכט זיך איר נאָכאַמאָל, אַז מען קלאַפּט אין דער קיך־טיר. זי גיט אַ וואָרף אַריין דאָס פּאַפּירל, אַ פאַררוק דעם שופלאָד און לויפט נישט טויט נישט לעבעדיק אויפשליסן די טיר. זי מאַכט אויף — קיינער נישטאָ, זי הערט נישט און זעט נישט קיינעם.

דער איבערייס האָט זי צוריק געבראַכט צום זינען. זי האָט ווידער אויפגעמאַכט דעם שופלאָד, אויסגעגלייכט דעם הונדערטער און אַוועק־געלייגט וואו ער איז פריער געלעגן. דאָס שליסעלע האָט זי אויך אַוועק־געלייגט אויפן זעלבן אָרט. פון דעמאָלט אָן קוקט זי נישט אַפילו אַהין וואו דאָס שליסעלע ליגט.

# מלכה איז פריינטלעך

פאַר דער מלחמה האָט מלכה פאַרדינט ביי שניידערײ און זי האָט אַריינגעגעבן דאָס געלט אין שטוב אַריין. איז פאַר נעכטן געווען גרינגער. אָבער איצט האָט זי זייער ווייניק אַרבעט, ראַנגלען זיי זיך מיטן הונגער, נאָר די שטוב איז אַלעמאָל אויפגעראַמט. יעדע זאַך איז זויבער. אויף די פּאָדלאָגעס קאָן מען קיין שטויבעלע נישט געפינען. דאָס בעטגעוואַנט איז אַלע מאָל פריש איבערגעצויגן, אויפן טיש ליגט שטענדיק אַ קלאָר, שיין־אויסגעפּרעסט טישטעך. זייף מוז ביי נעכטן זיין בילכער ווי ברויט, טראַכט זלאַטע און וואונדערט זיך, וואו יענע נעמט געלט אַזוי אָפט צו וואַשן.

מלכה האָט אַ סך צייט, האָט זי זיך אָנגעשלאָסן אין דעם ניי־געגרינדעטן דראַמאַטישן קרייז. זי קומט אַלע מאָל אַהיים אַ באַגייסטערטע. זי דערציילט דער מאַמען מיט גרויס ענטוזיאַזם פון דעם, וואָס מען רעפּעטירט דאָרט, וועמען מען גיט די וויכטיקערע ראָלן און וועמען די קלענערע. אַלצדינג טיילט זי מיט נעכטן. פון איר ראָל רעדט זי מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג. די שפּיל, וואָס זיי קלויבן זיך שפּילן, הייסט שולמית און מלכה שפּילט טאַקע די ראָל פון שולמית.

צו מלכהן קומען אויך אַמאָל אַרויף מיידלעך מיט בחורים. כמעט שטענדיק רעדן זיי פון טעאַטער, פון דעם וואָס מען שפּילט אָדער וואָס מען קלויבט זיך צו שפּילן. איינמאָל האָט זלאַטע געהערט דאָרט פאַר־לייענען אַ שפּיל מיטן נאָמען „קעניג ליר". דערנאָך האָט מען וועגן דעם זייער לאַנג גערעדט. נאָר זלאַטע האָט די גאַנצע זאַך נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין. די ווערטער האָבן איר געקלונגען משונהדיק. גלייך עס וואָלט געווען אַ פרעמדע שפּראַך. זי האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן וואָס מען רעדט און וועגן וואָס עס האַנדלט זיך דאָרט, פּונקט ווי זי ווייסט נישט וועגן דער שפּיל שולמית, וואָס מלכה דערציילט דער מאַמען. נאָר פון דעם וואָס זי הערט רעדן, שטעלט זי זיך פאָר, אַז דאָס מוז האָבן צו טאָן מיט הויכע ענינים.

אַז מען רעדט נישט ביי מלכהן פון טעאַטער, זינגט מען און מען

טאַנצט. מלכה קאָן זייער שיין טאַנצן. איינמאָל גיט זי אַ נעם אָן זלאַטען פאַר דער האַנט. — קום, — זאָגט זי, — וועל איך דיר ווייזן ווי אַזוי מען טאַנצט אַ שער.

און זי שלעפּט זי אַריין צווישן אַנדערע מיידלעך און בחורים. נאָר זלאַטע ציט זיך צוריק. — איך קאָן נישט טאַנצן, — זאָגט זי צו איר פאַרשעמט.

— שעם זיך נישט, איך וועל דיר ווייזן, וועסטו באַלד וויסן — וויל איר מלכה איינרעדן, — ס'איז נישטאָ וואָס צו קאָנען.

און זי לאָזט נישט אָפּ איר האַנט. זי זינגט און ווייזט איר ווי אַזוי צו טאַנצן לויט דעם קלאַנג פון געזאַנג. נאָר זלאַטע קוקט אויף מלכהס פלינקע באַוועגונגען און גיט זיך נישט קיין ריר.

— איך דאַרף שוין אַראָפּגיין מאַכן טיי, — זאָגט זי. זי וויל זיך פון איר אַרויסדרייען, אַנטלויפן.

— קום אַריין, ווען דו האָסט צייט — לאָזט זי שוין מלכה אָפּ — וועל איך דיך אויסלערנען. ס'איז נישט שווער. אַ מיידל דאַרף קאָנען טאַנצן.

קומט שוין זלאַטע אָפטער אַריין צו נעכען. זי דערפילט אַ ליבשאַפט צו דער שטוב. נישט אַלע מאָל איז מלכה אין דער היים, ווייל זי איז זייער אָפּט פאַרנומען מיט רעפּעטיציעס. נאָר אַז זי טרעפט זי, לערנט זי זלאַטען טאַנצן אַ וואַלץ, אַ פּאָלקע, אַ שער און אַ קאָנטער־טאַנץ. מלכה קאָן אָן אַ שיעור טענץ און זלאַטע איז זייער צופרידן, ממש גליקלעך וואָס מלכה גיט זיך מיט איר אָפּ. אפילו ווען מלכה איז נישטאָ, האָט זלאַטע אויך ליב דאָרט צו זיצן. נעכע איז זייער אַ קלוגע און אַן איידעלע פרוי, האָט זי זלאַטע ליב געקריגן אַזוי ווי אַן אייגענע, די צוויי קליינע מיידעלעך האָט זי אויך זייער ליב און זיי איר אויך. פאַרברענגט זי דאָרט אַ סך פון איר פרייער צייט.

נעכע זוכט מיט עפּעס אָפּצודינען זלאַטען פאַר דעם וואָס זי גיט איר אַמאָל אַביסל שפּייז, זאָגט זי צו איר איינמאָל: — מיין מלכה וועט דיר געבן אַ פרייען בילעט אין טעאַטער. נישקשה, האָסט זיך עס פאַר־דינט ביי אונדז.

זלאַטע איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אין קיין טעאַטער. זי ווייסט גאָר נישט וואָס אַזוינס טעאַטער איז. דעם שבת, ווען זלאַטע האָט גע־דאַרפט גיין דאָס ערשטע מאָל אין טעאַטער, איז זי געווען שטאַרק אויפגערודערט. אַ קלייניקייט, זי וועט גיין אין טעאַטער! זי וועט זיין מיט לייטן גלייך. מלכה איז פון בייטאָג אָן פאַרנומען מיטן שפּילן, גייט

זלאַטע מיט נעכען און מיט די צוויי שוועסטערלעך. נעכע האָט זיך און די קינדער אויסגעפּוצט אין דעם שענסטן, וואָס זי האָט געהאָט. זלאַטע האָט פאַרמאָגט בלויז איין שבתדיק קליידל, האָט זי דאָס אָנגעטאָן.

אויף דער פיענקנער גאַס איז אַמאָל געווען אַ סאַליע, וואו מען האָט געפּראַוועט חתונות. די סאַליע נוצט מען שוין אָבער מער נישט פאַר חתונות. דאָס הויז איז געוואָרן אָפּגעלאָזן, שוין יאָרן ווי עס שטייט פאַר־מאַכט. איצט, זינט עס האָט זיך געשאַפן די טעאַטער גרופּע, האָט די סאַליע אויפגעלעבט. מען האָט אַריינגעבראַכט ליכט. עס קומען אַהין מענטשן, מען זינגט און מען שפּילט. דאָס פּאַפּיר פון די ווענט איז אָפּגעריסן, ערטערווייז קוקט אַרויס דער שימל, דער סופיט איז ברודיק־שוואַרץ, אויך די פלושענע פאָרטירן, וואָס זענען נאָך פאַרבליבן פון אַמאָל, זענען דורכגענומען מיט שטויב, די שטולן זענען צונויפגעקליי־בענע פון פאַרשידענע מוסטערן און קאָלירן. נאָר עס איז פאָרט פריילעך. עס קומען מענטשן, מען רעדט און מען לאַכט. דער זאַל ווערט איבער־געפּאַקט.

נעכע מיט די קינדער מיט זלאַטען פאַרנעמען די ערשטע ריי. עס שפּילט אויף די מוזיק. אין זאַל איז נאָך טומלדיק. מען רוקט בענקלעך. עס קומען נאָך אַריין פרישע מענטשן.

באַלד באַוויזן זיך מאָדנע פאַרשטעלטע מענטשן און זיי רעדן, נאָר דאָס לשון איז פאַר זלאַטען נישט פאַרשטענדלעך.

— איצט קומט מלכה, — גיט נעכע צו איר אַ זאָג מיט ציטערדיקער פרייד. נאָר מלכה איז אויך פאַרשטעלט. זי זעט גאָר נישט אויס אַזוי ווי זלאַטע קען זי. ווען נעכע זאָגט איר נישט, וואָלט זי גאָרנישט געוואוסט, אַז דאָס איז מלכה.

מלכה שטייט, מאַכט מיט די הענט און זינגט: דער ברונען, דער ברונען און די קאַץ. זי דערמאָנט אַזעלכע מאָדנע נעמען, אַז זלאַטע הייבט נישט אָן צו פאַרשטיין, וועמען זי רופט און וואָס זי מיינט. און אָט קומען אַרויס פאַרשוינען, שטרעקן צו מלכהן די הענט און זינגען, שרייען אויף די העכסטע טענער, — וואָס ווילן זיי פון מלכהן? — קאָן זיך שוין זלאַטע נישט איינהאַלטן.

— שאַ, זיי שטיל, — שושקעט איר נעכע אַריין אין אויער — מלכה וועט דיר מאָרגן דערציילן. — זי וויל נישט פאַרלירן קיין וואָרט וואָס מלכה דאַרף זאָגן.

אויף מאָרגן, ביי דער ערשטער געלעגנהייט, לויפט זלאַטע אַרויף צו מלכהן.

— נו, זלאַטע, ווי אַזוי איז דיר געפעלן מיין שפילן ? — פרעגט מלכה.

— איך מוז דיר זאָגן דעם אמת, איך האָב זייער ווייניק פאַרשטאַנען,— איז זלאַטע אָפּנהאַרציק.

מלכה האָט איר אָנגעהויבן געבן צו פאַרשטיין פון אָנהייב ביז צום סוף. דערנאָך האָבן זיי נאָך דריי מאָל געשפּילט די זעלבע פאַרשטעלונג און זלאַטע איז יעדן מאָל געגאַנגען זען. ערשט צום סוף האָט זי אָנגעהויבן צו פאַרשטיין. זי איז מלכהן שטאַרק מקנא געווען, וואָס יענע שפּילט טעאַטער. דערנאָך האָט זי שוין נישט אַדורכגעלאָזט קיין פאַרשטעלונג. זי האָט יעדע פּיעסע געמוזט זען מער ווי איין מאָל, אויב זי האָט נאָר געקאָנט.

כאָטש זלאַטע האָט ליב געקראָגן נעכעס שטוב, פונדעסטוועגן הערט זי נישט אויף צו ציען צו דער שוואַרצער ברייגען. כמעט אַלע אויפדערנאַכט קומט אַהין אַרויף אַ הויכער, שיינער יונג. ער טראָגט אַ היטל מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק און שטיוועלעך מיט לאַקירענע כאַליעוועס. זלאַטע האָט איינמאָל געהערט ווי עמיצער האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער איז כמעט אַן אונטערוועלט מענטש. זי ווייסט נישט וואָס עס הייסט אַן אונטערוועלט מענטש, נאָר זי שטויסט זיך אָן, אַז דאָס איז נישט קיין גוטע זאַך.

זי האָט אים סיי ווי סיי נישט ליב, דעם וועוועשיקן. ער רעדט גראָבע רייד און דערציילט געמיינע וויצן. ער איז אַ פּראָסטער יונג. זלאַטע האָט פיינט אַזעלכע.

ווי נאָר ער קומט אַריין, כאַפּט ער פּעשען אויף די קני. זי פאַרוואַרפט אירע הענט אַרום זיין האַלדז און זיי האַלטן זיך אין איין קושן. די יינגערע, מאַשע, מאַכט צו אים חנדלעך. אַמאָל נעמט וועוועשיק מאַשען אויך אויף די קני און דריקט זי צו זיך.

אין שבתים און יום־טובים, איז די שטוב דאָרט פול מיט לוסטיקע יונגען און מיידלעך. די מערסטע פון די מיידלעך, וואָס קומען אַהין אַריין, אַרבעטן אין קאַפעיען. זינט דער דייטש האָט אָקופּירט פּוילן, האָבן זיך געעפנט אַ סך קאַפעיען. די מיידלעך, וואָס אַרבעטן אין זיי, האָבן נישט קיין גוטן שם. מען זאָגט, אַז אַ מיידל אין אַ קאַפעי דאַרף שטענדיק שמייכלען, זיין פריילעך און נאָכקומען וואָס די דייטשן פאַרלאַנגען פון זיי. פון גרויס נויט זענען אָבער אַ סך באַלעבאַטישע פיינע קינדער געצוואונגען צו אַרבעטן אין קאַפעי־הייזער.

איינער פון די חברה־יונגען, וואָס קומען צו דער שוואַרצער ברייגען, שפּילט אויף אַ האַרמאָשקע. ער שפּילט און די אַנדער טאַנצן.

אַז זלאַטע קומט אַריין, זעצט זי זיך ביי אַ זייט, אַז עס פעלט אַמאָל אויס וואו צו זיצן, שטייט זי ביי אַ וואַנט, קיינער גיט זיך דאָרט מיט איר נישט אָפּ. אַמאָל טיאַכקעט אין איר דאָס פּופּצן־יאַריקע מיידלשע האַרץ. איר דאַכט זיך, אַז מען קוקט דאָ אויף איר ווי אויף אַן איבער־ריקער. זי וואָלט אַזוי וועלן זיין מיט אַלעמען גלייך! זי וואָלט וועלן, אַז אויך צו איר זאָל עמיצער שמייכלען, זאָגן אַ פריינטלעך וואָרט. אָבער קיינער קומט צו איר נישט צו. מען האָט זי גאָרנישט אין זינען. אַז זי גייט אַרויס פון דאָרט, שטעלט זיך אַוועק ביים שפּיגל, דעמאָלט דאַכט זיך איר, זי איז זייער מיאוס. אירע שוועסטער זענען געראָטן. טראַכט זי, וואָס זיי זאָגן, אַז צו איר נאַרישקייט איז זי נאָך אַ מיאוסקייט אויך, אַז זי איז העסלעך און אַז קיינער וועט זיך אויף איר נישט אומקוקן.

ווען עס באַפאַלט זלאַטען אַזאַ געפיל פון דערשלאָגנקייט, באַשליסט זי ביי זיך אַז זי וועט מער אַהין נישט אַרויפגיין. זי וועט בכלל נישט גיין צווישן מענטשן.

און גאַנצע דריי וואָכן איז זי טאַקע נישט אַרויפגעגאַנגען צו דער שוואַרצער בריינען.

איינמאָל קומט אַריין ברײנע מיט אַ ברייטן שמייכל אויפן פּנים און זאָגט:

— וואָס זעט מען דיך נישט? וועוושיק האַלט זיך אין איין נאָכ־פרעגן אויף דיר. האָסט געמעגט הערן, וואָס ער זאָגט וועגן דיר.

— וועוושיק פרעגט זיך נאָך אויף מיר? — קאָן זלאַטע נישט גלייבן.

— יאָ, יאָ, ער האָט שוין עטלעכע מאָל געפרעגט פאַרוואָס מען זעט דיך נישט. — און עס שמייכלען ביי די ווערטער ברײנעס שוואַרצע, גלאַנ־ציקע אויגן.

— וואָס אַזעלכעס האָט ער וועגן מיר צו זאָגן? — איז שוין זלאַטע נייגעריק צו וויסן.

— אַזאַ יאָר זאָל איך האָבן, וואָס פאַר אַ מייגונג ער האָט וועגן דיר, — זאָגט ברײנע און זלאַטע שטעלט אַן אַ פּאָר גרויס־געוואָרענע אויגן. — ער האָט געזאָגט, אַז דו האָסט אַ צניעותדיק פּנים, אַז דו קוקסט אויס ווי דו וואָלסט זיך פון אַ בחור נישט געלאָזט אָנרירן.

— עס קאָן נישט זיין—מאַכט זלאַטע אַן אָנשטעל, אַז זי גלייבט נישט.

— איך זאָל אַזוי לעבן און זיין געזונט, ווי ער האָט אַזוי געזאָגט.

זלאַטעס קליינע ברוינע אויגן צעלויכטן זיך ווי ליכטיקע לאָמטערנ־דלעך. כאָטש זי האַלט וועוושיקן פאַר אַ פּראָסטן יונג און זי וואָלט

אַוודאי נישט געוואָלט ער זאָל ווערן מיט איר היימיש, נאָר ווייל זי איז זשעדנע אין אַ ליבלעך וואָרט, האָט זיין גוטע מיינונג זי אָנגעפילט מיט פרייד. זי האָט זיך דערפילט דערהויבן און פון דעמאָלט אָן האָט זי ווידער גענומען אַריינקומען צו דער שוואַרצער ברייַנען.

צוליב דעם פאַרנאַכלעסיקט זי אַ סך איר לערנען. אָנשטאָט אַריינ־צוקוקן אין לערן־ביכל, איבערשרייבן איר לעקציע אין דער פרייער צייט, פוצט זי זיך אויס און גייט אַוועק פון שטוב. מאַיע פרעגט זי אַמאָל:

— וואוהין גייסטו דאָס היינט? פון דריי מאָל אַ וואָך איז שוין ביי דיר געוואָרן אַלע נאַכט אַ לעקציע?

דערויף ענטפערט איר זלאַטע, אַז זי גייט צו דער מאַמען, און זי לויפט גאָר אַרויף צו דער שוואַרצער ברייַנען.

# בלומקעס אומגליק

איינמאָל אין אַ זונטיק בייטאָג הערט זי אַ לייכטן ריר ביי דער קיך־טיר, אָבער זי מאַכט זיך נישט וויסנדיק. געוויינלעך קלאַפּט מען אָן און מען קומט באַלד אַריין, טייל קלאַפּן גאָר נישט אָן, נאָר זיי עפענען די טיר און גייען אַריין.

נאָר ווען זי האָט צום צווייטן און באַלד צום דריטן מאָל געהערט אַ זייער לייכטן אָנקלאַפּ, איז זי צוגעגאַנגען אַ קוק טאָן ווער דאָרט איז. זי עפנט די טיר — עס איז בלומקע.

— אוי, בלומקע, קום אַריין! — כאַפּט זי זיך מיט איר אַרום.

— שאַ, שריי נישט, פאַרמאַך די טיר און קום אַהער, איך וויל נישט די אַלטע זאָל מיך זען, — זאָגט בלומקע זייער שטיל, אַזוי ווי זי וואָלט זיך פאַר עפּעס שטאַרק געשראָקן, און זי רוקט זיך אָפּ אין אַ זייט.

— וואָס האָסטו מורא אַריינצוקומען? ווען ביסטו געקומען צו פאָרן? וואָס מאַכסטו? — פרעגט זלאַטע אַ דערפרייטע מיט איר קומען.

— האָסט צייט, קום אַראָפּ אין גאַס. איך וויל מיט דיר רעדן — זאָגט בלומקע.

— וואַרט צו, איך וועל נאָר פאַרענדיקן אויסצואווישן די טעלער.

— איך וועל וואַרטן אין טויער — זאָגט בלומקע און לויפט אַראָפּ מיט די טרעפּ, ווי זי וואָלט זיך געהיט מען זאָל זי נישט דערזען.

זלאַטען האָט אָנגעהויבן טיאַכקען דאָס האַרץ.

אפשר וויל זי צוריקגיין צו ווינפעלדן און זי וועט איר דאַרפן אָוועקגעבן דאָס אָרט, אַזוי ווי זי האָט איר צוגעזאָגט, טראַכט זי באַזאָרגט. זי וואָלט זייער נישט וועלן איצט אָנהייבן זוכן אַן אַנדער אָרט, בפרט נאָך, אַז דאָ איז איר זייער גוט.

זי קומט אַראָפּ, נעמט זי בלומקע אָן אונטערן אָרעם און גייט מיט איר אַריין אין אַ זייטיק געסל.

— איך דאַרף וואַרטן עטלעכע שעה אויף אַ באַן — הייבט זי באַלד אָן — האָב איך דערווייל דיך געוואָלט זען.

— וואוהין פאָרסטו איצט? — פרעגט זלאַטע מיט פריינטלעכן אינ־טערעס.

— איך פאָר אין שטעטל, וואו איך בין געבוירן געוואָרן, איך מוז דאָרט אַרויסנעמען אַ פּאַס. איך האָב באַשלאָסן אַוועקצופאָרן אין אַ גרוי־סער שטאָט, מוז איך האָבן אַ פּאַס. דעם רויטן פּיוווקען זעסטו ווען? — פרעגט זי גאָרנישט צו דער זאַך.

— אוודאי זע איך אים, וואָס איז דען? — וויל זלאַטע וויסן.

— דו ווייסט דאָך מן הסתם וואָס מיט מיר האָט געטראָפן. אַז יונה בער ווייסט, ווייסט זיכער שוין גאַנץ שעדלעץ — און עס הייבן זיך אָן גיסן טרערן פון אירע אויגן.

— וואָס האָט מיט דיר געטראָפן? איך ווייס פון גאָר נישט, — ווערט זלאַטע נייגעריק.

בלומקע קאָן זיך נישט פאָרשטעלן, אַז זלאַטע זאָל גאָר נישט וויסן וואָס מיט איר איז פאָרגעקומען. זלאַטע האָט יאָ עפּעס געהערט וועגן בלומקען, נאָר זי האָט נישט געוואָלט גלייבן. זי וויל איר אַפילו נישט זאָגן וואָס מען רעדט וועגן איר.

— וואָס האָט מיט דיר געטראָפן, דערצייל, דערצייל שוין — קאָן זלאַטע נישט וואַרטן.

— ער האָט מיך אומגליקלעך געמאַכט — זאָגט בלומקע דורך טרערן.

זלאַטע שווייגט, זי ווערט ווי פאַרשטיינערט. זיי גייען אַריין אין דער סטאָדאָלנער גאַס און זעצן זיך אַוועק אויף אַ באַנק.

— מיט וואָס פאַר אַ ביטרע שטיק ער האָט מיך פאַרנאַרט — הייבט בלומקע אָן נאָך אַ לענגערן שווייגן.

זלאַטע זיצט שטיל. זי קוקט נישט אויף בלומקען. זי קראַצט מיטן שפּיץ שוך די שפּעט־האַרבסטיקע קאַלטע ערד.

— אין אַ שבת פאַרנאַכט, — רעדט בלומקע ווייטער — בין איך געשטאַנען אין טויער, זיך אָפּגערוט פון טראָגן אַ קובעל וואַסער. קומט ער צו מיט אַ בוך אונטערן אָרעם און שטעלט זיך אָפּ לעבן מיר. ער גיט מיר אַ גלעט איבערן קאָפּ, קוקט מיט אַ שמייכעלע מיר אין די אויגן און פרעגט מיך מיט אַזאַ ווייכקייט, אַז מען האָט געקאָנט מיינען ער איז גאָט די נשמה שולדיק: „דו לייענסט אַמאָל אַ יידיש בוך?" דאָס האַרץ האָט מיר אָנגעהויבן קלאַפּן, איך האָב אַליין נישט געוואוסט פאַרוואָס.

זיווישט זיך אָפּ די פאַרטרערטע באַקן, שנייצט אויס די נאָז און רעדט ווייטער.

— אַ בוכהאַלטער פון קאַנטאָר זאָל זיך אָפּשטעלן מיט אַ דינסט־מיידל, איז מיר געווען אַ וואונדער. איך האָב גאָר נישט געוואָלט מיט אים איינטענהן. האָב איך גענומען דעם קובעל וואסער און געוואָלט אַוועקגיין. נעמט ער ביי מיר אַרויס פון האַנט דעם קובעל און זאָגט מיט אַזעלכע זיסע רייד:

— וואָס אײַלסטו זיך? שבת ביינאַכט האָסטו אויך נישט קיין צייט? איך האָב געהערט אַז דו לערנסט זיך שרייבן און דו לייענסט ביכער. דאָס געפעלט מיר. איך האָב גוטע ביכער, קאָן איך דיר געבן צו לייענען.

— האָב איך זיך געדאַרפט אַרויסכאַפּן, ווען איך האָב אַ ביכל, לייען איך.

— קום אַריין מאָרגן אין אָוונט אין קאַנטאָר אַריין, וועל איך דיר געבן אַ גוטן בוך, — זאָגט ער צו מיר אַזוי שיין און איידל, ער נעמט אָן מיין גאָמבע און קוקט מיר אַריין אין די אויגן. און נאָך איידער איך האָב אים געענטפערט, זאָגט ער — מאָרגן אַכט אַזייגער וואַרט איך אויף דיר אין קאַנטאָר, — ער נעמט דעם קובעל וואַסער, טראָגט צו ביז צו דער טיר, דערלאַנגט מיר די האַנט און גייט אַוועק. וואָלט דיר איינגעפאַלן, אַז ער מיינט עפּעס שלעכטס?

זי וויל אַז זלאַטע זאָל זי נישט שלעכט פאַרשטיין. זלאַטע הערט און רעדט נישט קיין וואָרט.

— האָט מיך דער טייוול געטראָגן, איך זאָל גיין אין קאַנטאָר נעמען ביי אים אַ בוך, — האָט בלומקע ווייטער גערעדט. — אַזוי ווי איך בין אַריבער די שוועל, האָב איך באַלד דערפילט, אַז איך האָב נישט געדאַרפט גיין. איך האָב די מינוט געוואָלט אַנטלויפן, נאָר ס'איז שוין געווען צו שפּעט, איך האָב זיך נישט געקאָנט אַרויסרייסן פון זיינע לאַפּעס.

דאָ האָט זיך בלומקע שטאַרק צעוויינט. זלאַטע האָט זי אַרומגענומען, זי צוגעדריקט צו זיך און מיטגעוויינט מיט איר.

— אין עטלעכע וואָכן אַרום האָב איך שוין געוואוסט מיין גאַנצע בראָך — האָט בלומקע אַוועקגענומען דאָס טיכל פון די פאַרוויינטע אויגן און ווידער גענומען רעדן.

— האָסט אים כאָטש געלאָזט וויסן? — פרעגט זלאַטע.

— אוודאי, וואָס דען, נישט?

— וואָס האָט ער געזאָגט? — איז זלאַטע שוין גאָר נייגעריק.

בלומקע האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך געזאָגט:

— ער האָט נאָך געהאַט די חוצפּה מיך צו באַליידיקן. געזאָגט, אַז ער קען מיך גאָר נישט, מיך פּשוט אַרויסגעטריבן.

— וואו ביסטו געווען דורך דער צייט? — וויל זלאַטע ווייטער וויסן.

— איך בין אַוועקגעפאָרן קיין פּלוינסק. דאָרט קען מיך קיינער נישט, האָב איך געזאָגט אַ ליגן, — עפנט בלומקע איר האַרץ פאַר זלאַטען.

— וואָס האָסטו געזאָגט?

— איך בין פאַרפאָרן אין אַן אכסניה, — דערציילט זי ווייטער, — עס איז מיר איינגעפאַלן צו זאָגן, אַז מיין מאַן איז אויף דער מלחמה, ער שלאָגט זיך אויפן סאַמע פראָנט, און איך בין געקומען זוכן אַ שטעלע. מענטשן זענען געוואָרן צו מיר זייער פריינטלעך און זיי האָבן מיך געשיקט אויף אַן אָרט צו זייער פרומע לייט. איך האָב זיך דאָרט טאַקע באַלד באַדונגען און בין פאַרבליבן. די אַלטע איז פון מיר געווען אַזוי צופרידן, אַז זי האָט מיר צוגעזאָגט, אַז זי וועט מיך אפילו שפּעטער האַלטן מיטן קינד, ביז מיין מאַן וועט צוריק קומען. זי האָט זיך באַ־רימט פאַר מענטשן און דערציילט, אַז זי וועט אויסהאַלטן מיין קימפּעט און טאָמער וועט געבוירן ווערן אַ יינגל, וועט זי דעם ברית אויך אַליין אויסהאַלטן. נאָר ס'איז נישט געווען באַשערט. מ'האָט זיך דערוואוסט דעם אמת.

— ווי אַזוי? — האָט זלאַטע נישט קיין געדולד צו וואַרטן.

— אַז ס'איז באַשערט אַן אומגליק, קומט עס אין שטוב אַריין. איך האָב זיך שוין געריכט יעדע שעה געלעגן צו ווערן, גיי איך אַזוי אין מאַרק אַריין עפּעס איינקויפן און עס קומט מיר אַן אין פּנים אַריין יונה בער דער מעקלער. ער גיט זיך אַ שטעל אָפּ און קוקט אויף מיר מיט ווילדע אויגן. און איך, אַזוי ווי איך האָב אים דערזען, בין איך געפאַלן חלשות. מענטשן האָבן מיך דערמינטערט און אָפּגעפירט אַהיים, וואו יונה בער איז אַהינגעקומען, האָב איך נישט געוואוסט, אָבער איך האָב שוין נישט געקאָנט קומען צו זיך. די באַלעבאָסטע האָט מיך אָנגעהויבן פרעגן, אפשר זאָל זי רופן די הייב־אַם, נאָר איך האָב איר געזאָגט, אַז עס איז נאָך נישט די צייט.

— און ווייטער? — ברענט זלאַטע מיט אומגעדולד.

— וואָס זאָל זיין ווייטער, — האָט בלומקע געזאָגט מיט אַ ביטערן טאָן. — אויף מאָרגן האָט שוין די גאַנצע שטאָט געקאַכט, אַז איך האָב נישט קיין מאַן, אַז איך בין אַן אויסגעלאָסענע. די אַלטע האָט ווי אַ ווילדע געשריגן אַז זי וועט מוזן תשובה טאָן, וואָס זי האָט געהאַלטן ביי זיך אַזאַ חצופה. וואָס זאָל איך דיר לאַנג ברייען? זי האָט מיר באַ־צאָלט די עטלעכע רובל און איך האָב געמוזט אַרויס פון דאָרט, פאַרלאָזן

די שטאָט. איך האָב דאָרט מער קיין טאָג נישט געקאָנט זיין. איך האָב געוואוסט, קיינער וועט מיך נישט לאָזן די שוועל איבערטרעטן.

זלאַטע האָט אַ ווײַלע געוואַרט און דערנאָך איר געפרעגט:

— וואוהין ביסטו פון דאָרטן אַוועק?

— איך האָב נישט געוואוסט וואו איך זאָל גיין, — נעמט בלומקע ווייטער דערציילן — איך האָב פאַרבונדן מיינע עטלעכע זאַכן און בין אַרויס פון שטאָט. איך בין געגאַנגען גלאַט אין דער וועלט אַריין, וואו די אויגן האָבן מיך געטראָגן. איך בין געלאָפן פונקט ווי גזלנים וואָלטן זיך נאָך מיר געיאָגט. אַז ס'איז מיר געוואָרן שווער דער גאַנג, איך האָב שוין מער נישט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט. איך קוק זיך אַרום איך בין איינע אַליין אויפן פעלד. איך שטיי אויף אַ שמאָלער סטעזשקע, אַרום און אַרום איז פּוסט, מען זעט נישט קיין לעבעדיקן נפש. פּלוצלינג דערפיל איך אַ שרעקלעכן ווייטיק אין רוקן. איך האָב זיך אַזש אַ צאַפּל געטאָן, נישט אַזוי פון ווייטיק, ווי פון שרעק. ס'איז מיר באַפאַלן אַ מורא, וואָס איך בין איינע אַליין אין אַ פעלד. דער ווייטיק האָט נאָכגעלאָזט, האָב איך ווידער אָנגעהויבן גיין. איך האָב געוואָלט צוקומען ערגעץ צו אַ שטוב, צו אַ לעבעדיקן מענטשן. איך זאָל נישט בלייבן ליגן אַליין אויפן פעלד. דאָ זע איך, די זון לאָזט זיך שוין אַראָפּ, זי איז שוין ביי דער ערד. איך גיי און הייב נישט אָן צו וויסן וואו דער וועג פירט מיך. מיט אַמאָל דערזע איך פון ווייטן לעבן אַ בערגל אַז עפּעס רירט זיך. אַז איך בין צוגעקומען נעענטער זע איך צוויי עלטערע מענטשן נעמען עפּעס אַרויס פון דער ערד, און לעבן זיי שטייט אַ פערד מיט אַ וואָגן. כאַפּט מיך אָן ווידער אַ ווייטיק. איך וויל גיין און קאָן נישט. מיט די לעצטע כוחות האָב איך זיך דערשלעפּט.

— וויי איז מיר — זאָגט זלאַטע, גלייך ווי דאָס האָט מיט איר אַליין געטראָפן. און בלומקע רעדט ווייטער:

— די מענטשן זענען געווען אַן עלטערע פּויערטע מיט אַ פּויער. זיי האָבן געגראָבן קאַרטאָפליעס. איך גיי צו צו דער פּויערטע און פרעג זי: — איר קאָנט מיך אפשר אַוועקפירן אין אַ נאָענטער שטאָט? איך וועל באַצאָלן. — דערווייל האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ ווייטיק. די פּויערטע קוקט מיך אָן און זאָגט פאַמעלעך:

— די נאָענטסטע שטאָט איז פּלוינסק.

— ניין, — זאָג איך — אַהין וויל איך נישט.

— די אַנדערע זענען ווייטלעך, — זאָגט די פּויערטע, — איך האָב

מורא דו וועסט נישט דערפאַרן. בעסער פאַר מיט אונדז אין דאָרף. דאָרט איז דאָ אַ באָבע. ביי אונדז אין שטעלכל ליגט פריש היי, וועסטו קאָנען האָבן. — מיר זענען אָנגעקומען אין דאָרף און קוים וואָס איך בין אַראָפּגעקראָכן אין שטעלכל אריין. די אַלטע פּויערטע האָט אַליין געמוזט זיין די באָבע. זי האָט ביי מיר אָפּגענומען אַ מיידעלע. האָסט געמעגט אָנקוקן אַ קינד, אַ ליאַלקע.

זי גיט אַ וואָרף דעם קאָפּ אויף זלאַטעס אַקסל און צעכליפּעט זיך אויפדאָסניי. זלאַטע גלעט איר די האָר, צערטלט זי שטיל, אָן ווערטער. אַז בלומקע האָט זיך גוט אויסגעוויינט, דערציילט זי ווייטער:

— שפּעטער האָט די אַלטע געקאָכט פאַר מיר רומיאַנעק. געבראַכט מיר וואַרעמע מילך און מיר געגעבן עסן. געזונט זאָל זי זיין, וואָס זי האָט פאַר מיר געטאָן! אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך זיך אויפ־געהויבן. איך האָב איר געוואָלט באַצאָלן נאָר זי האָט נישט געוואָלט ביי מיר נעמען קיין גראָשן. קוים וואָס איך האָב איר אַריינגעשטופּט אַ רובל, איך האָב איר באַדאַנקט, גענומען דאָס פּיצל אויף די הענט און בין אַוועק.

דאָ איז בלומקע ווידער שטיל געבליבן. זלאַטע האָט געפרעגט מיט ווייכקייט:

— וואוהין ביסטו געגאַנגען?

— וואו האָב איך געהאַט צו גיין? ווען איך וואָלט געוווען לעבן אַ וואַסער, וואָרף איך זיך אַריין מיטן קינד. נישט וויט איז געווען אַ באַן־סטאַנציע לעבן אַ וואַלד. בין איך אַהין געגאַנגען. איך האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט אַוועקצולייגן דאָרט דאָס קינד און אַוועקפאָרן. איך האָב דעם קינד געגעבן גוט אָנצוזייגן. איך האָב געוואָלט עס זאָל זיין זאַט כאָטש אַ גאַנצע נאַכט און אַ גאַנצן מאָרגנדיקן טאָג. ווען איך בין צוגעקומען צו דער סטאַנציע לעבן וואַלד, איז שוין געווען פאַרנאַכט. ס'איז געשטאַנען אַ געדיכטער טומאַן, ווי אַ רויך. איך האָב זיך אַ לאַנגע צייט אַרומגעדרייט, נישט געקאָנט אַריינגיין אין וואַלד אַריין, נאָר איך האָב זיך אָנגעטאָן אַ כוח און בין אַריין. וואָס ווייטער איך בין געגאַנגען, האָט זיך מיר אַלץ מער געדאַכט, אַז איך טרעט אין בלאָטעס, איך וועל באַלד נישט קאָנען אַרויסשלעפּן די פיס. איך האָב אַ קוש געטאָן דאָס קינד און האָב דאָס שוין געוואָלט אַוועקלייגן אויף דער ערד האָט עס פּונקט דעמאָלט אָנגעהויבן ציען די ברוסט. איך האָב עס אָפּגעריסן און געגעבן אַ לייג אַוועק. איך בלייב שטיין און עס דאַכט זיך מיר, אַז עס קריכן דאָרט שלאַנגען מיט יאַשטשערקעס. איך וויל אַוועק־

לויפן, נאָר די פיס רירן זיך נישט פון אָרט. עס באַגיסט מיך אַ שווייס. דאָ הייבט אָן דאָס קינד צו וויינען, כאַפּ איך עס צוריק אויף די הענט און לויף אַרויס פון וואַלד. איך הער, עס קומט שוין אָן די באַן, לויף איך צו צו עפּעס אַ כאַטע, וואָס איז געשטאַנען מיט פאַרמאַכטע לאָדנס, און לייג דאָרט אַוועק דאָס קינד אויפן טרעפּל לעבן דער שוועל און איך בין אַרויפגעלאָפן אויף דער באַן.

בלומקע האָט פאַרענדיקט און ביידע האָבן אַ היפּשע צייט געשוויגן. דערנאָך רופט זיך אָן בלומקע:

— ווּעמען דען, אַז נישט דיר זאָל איך אַלצדינג דערציילן? איך האָב זיך געמוזט אַראָפּרעדן פון האַרצן, עמיצער זאָל כאָטש וויסן דעם אמת.

זיי זענען נאָך לאַנג געזעסן און קיין וואָרט מער נישט אויס־גערעדט. דערנאָך האָבן זיי זיך הייס געזעגנט און בלומקע איז אַוועק צו דער באַן.

פון דעמאָלט אָן, ווען זלאַטע זעט דעם פּיווקען, גיט איר אַ זעץ איז האַרצן. זי האָט אים פיינט ווי אַ שטשור.

# שמחה טראַכט וועגן תכלית

נאַדזשע האַלט שוין ביים פאַרענדיקן די גימנאַזיע. מען זאָגט אין שטאָט, אַז וויינפעלד, דער פאָטער, האָט אָפּגעצאָלט אַ גוטן פּרייז די לערער פון גימנאַזיע, זי זאָל נישט איבערבלייבן אויף נאָך אַ יאָר אין זעלבן קלאַס. אַ חוץ דעם האָט מען שטענדיק געהאַלטן צו איר אַ פּריוואַטן לערער, אַרויסצוהעלפן איר אין דער היים מיט אירע לעקציעס.

און די מאַמע אירע מאַכט אַ גאַנצן ווען, זי פרייט זיך מיט איר קאַנטשען די גימנאַזיע.

אַז נאַדזשע קומט אַהיים נאָכן לערנען, לייגט זי זיך אויף דער קאַ־נאַפּע אין איר צימער, ציט זיך אויס און גענעצט. זי שרייט אַלע ווײַלע אַריין אין קיך דאָס מיידל זאָל איר אַריינברענגען אַן אַנדער נאַשעריי, זיסוואַרג אָדער פרוכטן, און זי האַלט אין איין קייען. אַז נאַדזשע וויל עפּעס, מוז מען איר נאָכגעבן, אַז נישט קריגט זי ספּאַזמעס. מיטן וואוקס איז זי אײַנגאַנצן געראָטן אין דער מוטער: זי איז אַ קליינע און אַ דיקע, האָט כמעט גאָרנישט קיין טאַליע, אַזוי ווי אַ אַין שטיק טייג, נאָר דער בוזעם איז ביי איר זייער אַ הויכער. ווען זי רעדט, ווייזן זיך ביי איר אַרויס די גרויסע פאַדערשטע ציין צוזאַמען מיט די יאַסלעס. אירע גראָבע ליפּן בייגן זיך ביי איר אַזוי אַריבער, אַז זיי קוקן אויס נאָך גרעבער ווי זיי זענען. אויפן פּנים לייגט זיך ביי איר אָפּט מאָל אַ נאַרישער שמייכל.

פונדעסטוועגן האָט זי, דאַכט זיך זלאַטען, אַ סך דערפאָלג ביי בחורים. עס קומען צו איר די רייכסטע זין פון שטאָט, געלערנטע סטו־דענטן זיצן אָפּ שעה׳ען און פאַרברענגען מיט איר. אַמאָל, ווען אַ בחור גייט אַוועק, קומט זי אַריין אין קיך אַ פאַרפלאָמטע, אַ צערודערטע. אַז די עלטערן זענען נישטאָ, שטעלט זי זיך אַוועק לעבן זלאַטען און דער־ציילט איר, וואָס דער בחור האָט צו איר גערעדט און וואָס זי האָט אים געענטפערט. דערנאָך פרעגט זי זיך נאָך ביי זלאַטען: — ווי מיינסטו, איך האָב אים גוט געזאָגט? — זלאַטע הערט זי אויס גערן. זי האָט זייער ליב צו הערן וואָס עס גייט אָן צווישן מיידלעך מיט בחורים,

ספעציעל צווישן געלערנטע. וואָסערע געשפּרעכן זיי פירן. אַמאָל גיט זי נאַדזשען אַן עצה, זאָגט איר איר מיינונג. אין דער זעלביקער צייט חידושט זיך זלאַטע, וואָס נאַדזשע, אַזאַ געלערנטע סטודענטקע, דערציילט איר אַזעלכע זאַכן און פרעגט ביי איר עצות.

די סטודענטן, זעט זלאַטע, באַציען זיך צו נאַדזשען מיט גרויס רעספּעקט. ביים באַגריסן און געזעגענען פאַרנייגן זיי זיך פאַר איר און קושן איר האַנט מיט גרויס העפלעכקייט.

אָבער אַז זלאַטע טרעפט אַן אין גאַס איינעם פון די, וואָס קומען צו נאַדזשען, דרייען זיי אַוועק פון איר דעם קאָפּ, גלייך זיי וואָלטן זי גאָר נישט געקענט. זיי גיבן אַפילו נישט קיין מורמל מיט די ליפּן צו זאָגן איר אַ גוט מאָרגן.

די זעלבע רייכע זינדלעך, וואָס קומען צו נאַדזשען, האָט זי באַ־מערקט, ווען זיי טרעפן אַ באַקאַנט מיידל פון אַ קאַפעי, די וואָס קומען אַרויף צו דער שוואַרצער ברייגען, נעמען זיי פאַר יענער אַראָפּ דעם הוט, און באַגריסן זיך פריינטלעך. אָבער אויף זלאַטען קוקן זיי זיך נישט אום.

זלאַטע פאַרשטייט פאַר וואָס דאָס איז אַזוי: מיט אַ דינסטמיידל רעכנט מען זיך נישט, מען האַלט זי פאַר ערגער ווי אַ קאַפעי־מיידל, אַפילו אַזאַ, וואָס האָט גאָר נישט קיין גוטן שם. אַט־די באַציאונג צו אַ דינסטמיידל הייבט זלאַטען אָן שטאַרק עגבערן און פייניקן.

„מיט וואָס בין איך ערגער פון יענע?", טענהט זי אָפטמאָל אין די געדאַנקען מיט זיך אַליין. „דערמיט וואָס איך באַוואַש און באַראַם די, וואָס קאָנען אָפּטיילן פאַר מיר אַביסל עסן מיט עטלעכע רובל פאַר מיין אַרבעט? אָבער קיין ענטפער אויף אַט־די פראַגעס, וואָס מאַטערן זי, קאָן זי נישט געפינען.

אַנומלטן איז זי געווען ביי נעכען. שבת בייטאָג איז דאָס געווען. זענען אַריינגעקומען צו מלכהן צוויי מיידלעך, שניידערקעס. זיי האָבן זיך אַלע געקליבן גיין שפּאַצירן אין גאָרטן אַריין. האָבן זיי, ווייזט אויס, געמיינט, אַז מלכה וועט מיטנעמען זלאַטען. זעט זי, אַז זיי האָבן מורא צו רירן זיך פון אָרט. דערנאָך הייבט מען זיך אָן סודען. זי הערט ווי איינע זאָגט צו מלכהן: „איך וויל נישט די דינסט זאָל זיך מיט אונדז מיטשלעפּן".

זלאַטען האָט אַ פלאַם געטאָן דאָס פּנים. זי האָט באַלד פאַרלאָזט נעכעס שטוב און איז אַוועק מיט אַ ביטער האַרץ צו דער מאַמען. און דאָרט האָט זי זיך צעוויינט.

זלאַטע איז אַ וויינערקע. איבער יעדער קלייניקייט וויינט זי. זי וויינט

פאַרוואָס מען וויל זיך מיט איר נישט חברן, פאַר וואָס מען שעמט זיך צו גיין מיט איר אין גאַס. פאַרוואָס באַקאַנטע זאָגן איר נישט קיין גוט מאָרגן. זי וויינט און זי טראַכט: „אָ, ווען איך וואָלט נאָר געקאָנט פטור ווערן פון דינען! קיין שום אַרבעט וואָלט מיר נישט געווען צו שווער אַבי נישט דינען ביי יענעם". אָבער זי האָט נישט קיין שום אַנדער מיטל צום לעבן, מוז זי דינען.

זינט זי האָט אָנגעהויבן אָפטער אַרויפצוקומען צו נעכען און צו דער שוואַרצער ברייינען טרעפט זי זיך מער נישט מיט שליפקען. זי האָט גע־ביטן די לערן־שעה אויף פריער, ווען ער אַרבעט נאָך, זעט זי אים נישט. ער האָלט זי אין איין אַרומזוכן, נאָר אַזוי ווי זלאַטע גייט זייער זעלטן שפּאַצירן, געפינט ער זי נישט. ער ווייסט, וואו איר מאַמע וואוינט. האָט ער עטלעכע מאָל געטראַכט וועגן אָנשרייבן איר אַ בריוול, אַז ער וויל זי זען און דאָס אַרויפטראָגן צו דער מאַמען, זי זאָל עס איר איבערגעבן. איינמאָל האָט ער שוין אַפילו אַזאַ בריוול אָנגעהויבן שרייבן, האָט ער זיך אָבער געשעמט אַרויפצוגיין דערמיט צו איר מאַמען. אַמאָל דרייט ער זיך אַרום פאַר וויינפעלדס טויער, קוקט אויס זי זאָל אַרויסקומען. איינמאָל איז די שוואַרצע ברייינע אַרויסגעקומען, האָט ער זי פאַרהאַלטן און געפרעגט:

— אַנטשולדיקט, איר זעט אפשר אַמאָל זלאַטען, דאָס מיידל פון וויינפעלדן?

— וואָס דען, אוודאי זע איך זי, — האָט די שוואַרצע ברייינע גע־ענטפערט. — זי איז נאָר וואָס אַראָפּגעגאַנגען פון מיין שטוב. כמעט אַלע נאַכט זיצט זי ביי מיר. וואָס איז דען, איר דאַרפט זי האָבן? — און זי גיט וואוילעריש אַ קוק אויף אים מיט אירע ברענענדיקע שוואַרצע אויגן.

— ניין, — שטאַמלט ער, — איך האָב סתם אַזוי געוואָלט וויסן וואָס זי מאַכט, ווייל איך האָב זי שוין לאַנג נישט געזען.

ביי די ווערטער איז ער רויט געוואָרן און עס האָט אים שוין באַנג געטאָן וואָס ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף איר. ער קען די שוואַרצע ברייינען. זי איז אַ גרויסער קאָכלעפל, וועט זי דאָס באַלד פונאַנ־דערטראָגן און צולייגן ווער ווייסט וואָס.

אויף מאָרגן קומט ברייינע אַריין צו וויינפעלדן און גיט אַ זאָג מיט אַ געלעכטערל:

— זלאַטע, דו ווייסט כאָטש, אַז נעכטן האָט אויף דיר געוואָרט אַ בחור?

— אויף מיר? ס׳קאָן נישט זיין, — גלויבט נישט זלאַטע. זי מיינט, אַז ברײַנע שפּאַסט.

— אוודאי אויף דיר, אויף וועמען דען?

— ווער קאָן אויף מיר וואַרטן? — פרעגט זי.

— שמחה פלעצל. ער האָט זיך געכטן אַרומגעדרייט פאַרן טויער, מיך געפרעגט וואָס דו מאַכסט. — און זי ווינקט צו איר מיט אַן אויג.

— אַן איינפאַל! — וואונדערט זיך זלאַטע.

שמחה שליפּקע טראַכט טאָג און נאַכט פון זלאַטען. זי האָט אויף אים געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. ער זעט אין איר בלויז מעלות. אים דאַכט זיך אַפילו, אַז זי איז אַ שיינע אויך. און ער קלערט וועגן תכלית. ער וואָלט וועלן זי זאָל ווערן זיין כלה.

זלאַטע קוקט אויס עלטער ווי אירע יאָרן. פונדעסטוועגן ווייסט ער, אַז זי איז נאָך זייער אַ יונג מיידל, ער שאַצט זי אַ יאָר זיבעצן. אַז זי איז נאָך נישט קיין זעכצן, פאַלט אים נישט איין. ער איז אַלט איין און צוואַנציק, און דאָס וואָס זי איז נאָך גאָר יונג, מאַכט נישט אויס. ער קאָן וואַרטן מיט דער חתונה אַ צוויי־דריי יאָר, ער וויל סיי ווי סיי פריער צוקומען צו אַ תכלית וועגן פרנסה. ער ווייסט, אַז שוסטעריי איז נישט קיין יחוס־פּאַך, וויל ער קומען צו איר מיט עפּעס בעסערס. ער וועט אָנזאַמלען אַביסל געלט, וועט ער זיך עפענען אַ שוך־געשעפט. דעמאָלט וועט ער זיך דערקלערן צו איר אין ליבע, איר פאָרשלאָגן זי זאָל מיט אים חתונה האָבן.

דאָס וואָס ער האָט געהערט, אַז זי קומט אָפּט אַרײַן צו דער שוואַר־צער ברײַנען, באַאומרואיקט אים. ער ווייסט, אַז אַהין קומען אַרויף וואוילע־יונגען, כמעט אונטערוועלט־מענטשן מיט נישט זייער קיין אָנ־שטענדיקע מיידלעך. זלאַטע קאָן דורך זיי, חלילה, אַרײַנגעשלעפּט ווערן אין אַ בלאָטע.

אַז עס איז אַוועק נאָך אַ שטיק צייט און ער האָט אַלץ נישט געזען זלאַטען, האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און איר אָנגעשריבן אַזאַ בריוול:

„ליבע זלאַטע! איך האָב אייך שוין לאַנג נישט געזען, עס בענקט זיך מיר צו רעדן מיט אייך אַ וואָרט. אויב אייך איז אָנגענעם, קאָנען מיר זיך טרעפן שבת אַרום פינף אַזייגער אין גאָרטן, די ערשטע אַלייע פון לינקס. איך וועל אויף אייך וואַרטן.

מיט די בעסטע וואונטשן צו אייך,

שמחה.“

אין אַ פּאַרנאַכט איז ער אַרויפגעגאַנגען צו דער מאַמען און איר איבערגעגעבן דאָס בריוול, זי זאָל דאָס באַזאָרגן צו זלאַטען.

דאָס וואָס זלאַטע האָט געקראָגן אַ בריוול פון אַ בחור, האָט איר דווקא הנאה געטאָן, נאָר וועגן שמחהן האָט זי געטראַכט:

„אפשר וויל ער זיך דערקלערן אין ליבע? איך בין אים מוחל. איך דאַרף נישט זיין ליבע. איך וועל אים זאָגן, ער זאָל זיך דאָס אַרויסשלאָגן פון קאָפּ". און באַלד נעמט זי קלערן פאַרקערט: „אפשר זאָל איך אים נישט אָפּזאָגן? ווער בין איך דאָס אַז איך זאָל אים נישט וועלן? וועמען קאָן נעמען אַ דינסטמיידל, אַ רב? — ווי מיין באַלעבאָסטע זאָגט. פאַרוואָס זאָל איך אים אָוועקשטופּן, אויב ער האָט מיך ליב? אַן אָנשטענדיקער בחור איז ער דאָך, ער קוקט אויס צו זיין נישט קיין שלעכטער אין דער נאַטור אויך. אַ ווייב קאָן ביי אים האָבן אַ גאַנץ גוט לעבן".

נאָר צו ווערן מיט אים נאָענט וועקט זיך נישט ביי איר קיין חשק. פאַרקערט, אין דעם פלאָנטער פון אירע טראַכטונגען גיט איר אַ שלאָג אַ געדאַנק: „וואָס גייט מיך אָן זיין גוטסקייט, אַז ער געפעלט מיר נישט?"

פונדעסטוועגן איז זי אַ צופרידענע אָוועק אויף דער ראַנדקע.

זיי האָבן שפּאַצירט אין זייטיקע אַלייען און געשמועסט געמיטלעך וועגן פאַרשידענע זאַכן. זיי האָבן גאַרנישט באַמערקט ווי שנעל די שעה'ען זענען אָוועק. ערשט אַז מען האָט אָנגעצונדן די לאַמטערנעס, האָבן זיי זיך געכאַפּט, אַז דער טאָג איז אָוועק און ס'איז שוין שפּעט.

מיד פון לאַנגן שפּאַצירן האָבן זיי זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק, ער האָט אָפּגעבראָכן אַ דין צווייגל און געפּירט מיט די בלעטלעך איבער זיינע שיך, גלייך ווי ער וואָלט וועלן אָפּשאַרן דעם שטויב.

— איר ווייסט, — זאָגט ער צו איר און קוקט אַראָפּ אויף דער ערד, — איך טראַכט אַ סך וועגן אייך.

— פון וואַנעט זאָל איך דאָס וויסן? — כאַפּט זי אונטער, אַזוי ווי זי וואָלט גאַרנישט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט מיט דעם.

ער זיצט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און שווייגט.

— זאָגט מיר כאָטש וואָס איר טראַכט וועגן מיר, גוטס צי שלעכטס?

— פרעגט זי אים שפּאַסיק.

— שלעכטס? חלילה! — דרייט ער אויס צו איר דעם קאָפּ. — וואָס האָב איך וועגן אייך צו טראַכטן שלעכטס?

— ווער ווייסט וואָס אַ מענטש קאָן וועגן אַ צווייטן טראַכטן — וויל זי אַרויסקריגן פון אים נאָך ווערטער.

ער פּאַכעט מיטן צווייגל איבער זיינע שיך און זאָגט מיט אַ רואיקן טאָן:

— איר זענט דער שענסטער מענטש, וואָס איך האָב באַגעגנט אין מיין לעבן.

— אַ דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט, זייער אַנגענעם צו הערן, — זאָגט זי און זי דערפילט אַז איר האַרץ קלאַפּט שטאַרקער. ביידע זיצן אַ ווײלע שטיל. מיטאַמאָל גיט זי זיך אַ הייב אויף און זאָגט:

— ס'איז שפּעט, שוין צייט צו גיין אַהיים.

באַלד הייבט ער זיך אויך אויף, זיי גייען פּאַמעלעך איבער דער וואַרשעווער גאַס, ביז זיי קומען צו צו וויינפעלדס טויער. ער האָט נישט קיין מוט איר צו זאָגן, אַז ער האָט זי ליב. עס קלעקט אים אויך נישט קיין מוט זי צו וואָרענען אַז ביי דער שוואַרצער בריינען קומען אַרויף נישט קיין אָנשטענדיקע חברה און ס'איז בעסער זי זאָל אַהין וואָס ווייניקער גיין. ער דערלאַנגט איר די האַנט, זאָגט אַ גוטע נאַכט און גייט אַוועק אַזוי ווי אַלע מאָל.

מאַיע האָט אויסגעפונען, אַז זלאַטע הערט זי ווי די קאַץ און זי גייט נאָך אַלץ אַרויף צו דער שוואַרצער בריינען. איינמאָל אין אַן אָוונט זאָגט די באַלעבאָסטע צו איר שטרענג:

— הער נאַר, אין גיכן רוקט זיך אָן אַ נייער זמן. אויב דו ווילסט בלייבן ביי מיר אויף ווייטער, מוזטו מיר צוזאָגן, געבן דאָס וואָרט, אַז דו וועסט מער נישט איבערטרעטן דער ציגאַנקעס שוועל.

זלאַטעס פּנים איז רויט געוואָרן ווי אַ בורעק, גלייך מען וואָלט זי געכאַפּט ביי אַ גנבה. זי וויל זייער בלייבן דאָ אויף ווייטער. זי ווייסט אַז קיין בעסער אָרט קאָן זי היינטיקע צייט נישט קריגן. זי וויל אָבער נישט צוזאָגן נישט אַרויפצוגיין צו בריינען. ערשטנס, האָט זי פיינט נאָכצוגעבן באַפעלן, צווייטנס איז זי נישט זיכער, צי זי וועט קאָנען האַלטן וואָרט און פועלן ביי זיך אַהין נישט צו גיין. און קיין ליגנערקע וויל זי נישט זיין. שטייט זי אַריבערגעבויגן איבער אַ באַליע וועש און רעדט נישט קיין וואָרט. נאָך אַ ווײלע שווייגן זאָגט זי מיט אַ האַלב מויל:

— אָבער צו נעכען קאָן איך דאָך גיין?

די אַלטע זיצט, שטריקט דעם זאָק און שווייגט. זלאַטען ווערט גרינגער אויפן האַרצן, וואָס זי איז אָפּגעקומען מיט דער פראַגע און האָט נישט געדאַרפט זאָגן יאָ אָדער ניין.

אויפן גרויסן שפּייכלער פון וויינפעלדס הויף האָט מען אָנגעהויבן באַשלאָגן אַ נייעם דאַך. אַ טאַטע מיט אַ זון, אַ בחור פון אַ יאָר זיבעצן

צי אָכצן, קומען יעדן באַגינען, שלעפּן שטיקער בלעך און קלאָפּן הילכיק אַ גאַנצן טאָג. דער בחור האָט אַ חנעוודיק פּנים, אָפּגעברענט פון דער זון. ביי דער אַרבעט איז דאָס היטל ביי אים פאַררוקט אויפן שפּיץ קאָפּ. זיינע טונקל־ברוינע לאָקן צעוואָרפן זיך איבער זיין שטערן. זלאַטע האָט שטאַרק ליב, ווען די האָר ביי אַ בחור זענען צעוואָרפן.

עס איז שפּעט אין פרילינג. די זון שטייט הויך אויפן הימל. אויפן דאַך איז זייער הייס, גיט ער אַלעמאָל אַ וויש מיטן אַרבל פון העמד דעם שוויס פון פּנים און קלאַפּט ווידער דאָס בלעך מיט אַ שווערן האַמער. זיין קלאַפּן הילכט אָפּ פריילעך אין זלאַטעס אויערן. עס ליגן זיך ביי איר נישט די הענט צום טאָן. זי האַלט אין איין קוקן דורכן קיך־פענצטער אויפן דאַך צום בחור. זי פלעכט אויף און פאַרפלעכט איר צאָפּ, האַלט אין איין פאַרריכטן אירע האָר און אויסגלייכן דאָס קעלנערל פון דער בלוזקע. עס צאַפּלען אין איר אַלע גלידער. זי וויל דער בחור זאָל אויס־דרייען דעם קאָפּ, אַ קוק טאָן צום פענצטער, זי דערזען ווי זי שטייט און קוקט צו אים. אפשר וועט זי אים געפעלן, ער וועט שפּעטער נאָך דער אַרבעט צוקומען צו איר, מיט איר רעדן און דערנאָך וועט ער זיך מיט איר באַשטעלן שבת צו טרעפן זיך אין גאָרטן. זאָל ער זי נאָר דער־זען, וועט ער אפשר נעמען קוקן צום פענצטער פונקט ווי זי קוקט צום דאַך.

נאָר ווי אויף צו להכעיס דרייט ער נישט אויס דעם קאָפּ צום פענצטער. זי לייגט צו דאָס גאַנצע פּנים צו דער שויב און שטייט ווי אַ צוגעקלעפּטע. די אַלטע איז אַריינגעקומען אין קיך און האָט דערזען ווי זלאַטע שטייט ביים פענצטער, רירט זיך נישט פון אָרט, איז זי געוואָרן בייז.

— וואָס פאַר אַ וואונדער זעסטו דאָרט? — האָט זי זיך צעשריגן. — זע נאָר, האָסט דאַך דאָס געפּעס פון פרישטיק נאָך נישט צעוואַשן, און דו שטייסט און גאַפּעסט אין דרויסן אַרויס.

זלאַטע דרייט זיך אויס פויל, גייט מיט פאַמעלעכע טריט צום קוימען, הייבט אויף דעם טאָפּ מיט וואַסער, נעמט אַראָפּ אַ פייערקע און רוקט אַריין דעם טאָפּ מיט וואַסער טיפער אין די הייסע קוילן אַריין. זי וואַרפט אַריין די לעפל־גאָפּל אין דער גרויסער ווייסער שיסל, גיסט אַריין אַביסל וואַרעם וואַסער, וואַשט, רייבט לאַנג יעדן לעפל־גאָפּל מיט דער שמאַטקע און האַלט אין איין אַרויסקוקן. זי קאָן נישט אָוועקנעמען די אויגן פון פענ־צטער. זי זעט אַז דער טאַטע מיטן זון שוויצן, זייערע פּנימער זענען רויט פון דער זון, זיי האַלטן אין איין ווישן מיט די אַרבל דעם שוויס.

„אפשר זאָל איך זיי אַרויסטראָגן אַ שעפּ וואַסער, פרעגן צי זיי ווילן אַ טרונק", פאַלט איר איין אַ געדאַנק. דאָס בלוט גיט איר פלוצים אַ שלאָג אין פּנים. זי פאַרשעמט זיך פאַר אירע געדאַנקען. „אפשר איז דאָס גאָר נישט קיין חרפּה?" קומט צו איר צוריק דער געדאַנק פון אַרויסטראָגן זיי אַ קאַלטן טרונק וואַסער. ווען דער טאַטע זיינער וואָלט דאָרט נישט געווען, טראַכט זי, וואָלט זי דאָס זיכער געטאָן. דער פאָטער, האָט זי מורא, קאָן איר נאָך אין עפּעס שלעכטס חושד זיין, זיך אָפּזאָגן צו נעמען ביי איר אַ טרונק, און דערמיט זי פאַרשעמען. דאָס האַרץ הייבט איר אָן שטאַרק צו קלאַפּן פון אָט די געדאַנקען.

דער בחור, טראַכט זי, וועט אפשר אויך נישט ווען איר טובה. מיט אַ דינסט וועט ער נישט וועלן האָבן צו טאָן.

— פאַרקנעט אַביסל מעל אויף קליסקעלעך! — שרייט צו איר אַריין די באַלעבאָסטע פון עס־צימער — שוין צייט צו גרייטן דעם טיש פאַר וועטשערע.

# ביכלעך און פאַרזאַמלונגען

אין אַ וואַרעמען שבת נאָכמיטאָג זיצט זלאַטע ביי דער מאַמען אויפן לאַנגן באַלקאָן, פאַרטאָן אין אַ מעשה פון איר לערן־ביכל, וואָס זי דאַרף דערציילן פון אויסנווייניק ביי דער לעקציע. פלוצים דערהערט זי שנעלע טריט אויף די טרעפּ אַרויף. אירע אויגן רייסן זיך אָפּ פון ביכל. זי דערזעט סרולקען. אַ לייכטע ראָזעווע פאַרב פאַרגיסט איר פּנים. ער קומט צו און דערלאַנגט איר די האַנט. אַ ליבער שמייכל פאַרציט זיך אַרום זיין שיין־פאַרמירטן מויל. ער נעמט אַוועק זיין האַנט פון אירער און פרעגט מיט אַ שטילן, באַשיידענעם טאָן:

— וועמענס ביכל לייענט איר?

ער קוקט מיט די שוואַרצע פינקלענדיקע אויגן אויף די טאָוולען און זוכט דעם נאָמען אויפן בוך.

— ס׳איז נישט וויכטיק — ענטפערט זלאַטע שנעל. זי פאַרלירט זיך עטוואָס און לייגט אַוועק די הענט אויף די טאָוולען, כדי ער זאָל נישט זען וואָס פאַר אַ ביכל זי האַלט. — וואָס האָט איך אַהער געבראַכט?

סרולקע שפאַרט זיך אָן אויפן פאַרזשאַווערטן אייזערנעם אָפּצאָם פון באַלקאָן, קוקט אויף איר אַ ווײַלע און ענטפערט:

— איך האָב אייך געבראַכט אַן אינטערעסאַנט ביכל צו לייענען. — ער שלעפּט אַרויס פון בוזעם־קעשענע אַן איינגעקנייטשטע קליינע בראָשורקע און פּרובירט זי אויסגלייכן.

זלאַטע פאַררויטלט זיך, זי איז צעטומלט און ווייסט נישט וואָס צו זאָגן. ס׳איז איר אַ חידוש, וואָס סרולקע איז געקומען ספּעציעל און געבראַכט איר עפּעס צו לייענען.

— נאָט אייך, ס׳איז זייער אינטערעסאַנט — זאָגט ער העפלעך בעת ער שטרעקט אויס די בראָשורקע צו איר. — איבעראַכטאָג שבת וויל איך איר זאָלט דאָס מיר צוריקגעבן, איך דאַרף דאָס געבן צו אַנדערע.

ער לייגט אַוועק די בראָשורקע אויף איר שויס, שטייט נאָך אַ ווײַלע, דערלאַנגט איר דערנאָך די האַנט, זאָגט עטוואָס איילענדיק אַ גוטן שבת און לויפט אַראָפּ.

אָן אויפגערודערטע לויפט זלאַטע אַריין אין שטוב. זי וויל דערציילן פון סרולקעס וויזיט, נאָר די מיטלסטע שוועסטער איז נאָר וואָס אַוועק מיט אירע חברטעס שפּאַצירן אין גאָרטן און די מאַמע האָט זיך צוגעלייגט שלאָפן, האָט זי נישט מיט וועמען צו רעדן. זי שטייט ביים פענצטער און קוקט אויף דער ערשטער שורה פון דער בראָשור מיט די פאַר־גרעסערטע אותיות. זי הייבט נישט אָן צו פאַרשטיין דעם באַטייט פון די ווערטער, און איר ווילט זיך אַזוי שטאַרק וויסן וואָס עס שרייבט זיך אין דעם ביכעלע. זי הייבט אָן מישן די בלעטלעך, לייענט אַ וואָרט דאָ, אַ וואָרט דאָרט, נאָר זי ווערט צערודערט. זי קאָן איצט נישט טראַכטן נישט וועגן דעם וואָס ס'איז געשריבן אין ביכעלע און נישט אַפילו וועגן דעם מעשהלע, וואָס זי דאַרף זיך אויסלערנען פאַר דער לעקציע. סרולקע האָט באַהערשט אירע געדאַנקען.

ער קוקט איצט אויס, טראַכט זי, גאָר אַנדערש ווי זי האָט אים פון פריער געקענט. די שבתדיקע מלבושים פּאַסטן אים זייער, ער איז גע־וואָרן אַ סך שענער און פּאַוואַזשנער, גאָר נישט ווי אַ בחורל פון זיבעצן־אַכצן יאָר, נאָר ווי אַ פאַלנער דערוואַקסענער מאַן. און זיין האַלטונג רופט אַרויס גרויס דרך־ארץ.

די גאַנצע וואָך איז זלאַטע געווען אַן אויפגערודערטע פון סרולקעס וויזיט. יעדע פרייע מינוט האָט זי אַריינגעקוקט אין דער בראָשורקע. זי האָט שוין עטלעכע מאָל אָנגעהויבן פון אָנהייב און זי שטעלט זיך אַלץ אָפּ אין מיטן. זי קאָן נישט דערלייענען ביז צום סוף, ווייל זי פאַרשטייט נישט וואָס זי לייענט. טייל ווערטער מיט שורות האָט זי אומגעציילטע מאָל איבערגעלייענט און זי קאָן אויף קיין פאַל נישט באַנעמען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך דאָרט, פאַרוואָס דער גערשוני האָט געדאַרפט אַריינקריכן אין אַ פעסל פון קרויט מען זאָל אים קאָלערן מיטן פאָס.

די וואָך, האָט זיך איר געדאַכט, ציט זיך זייער לאַנג, יעדער טאָג ווי אַ יאָר. זי וויל שוין דערלעבן דעם קומענדיקן שבת, ווען סרולקע וועט ווידער צו איר קומען. אָט איז שוין מאָרגן שבת, און ס'פאַרדריסט זי נאָר, וואָס זי פאַרשטייט נישט וואָס זי האָט געלייענט אין דעם ביכעלע און ווייסט נישט צוליב וואָס ער האָט דאָס איר געגעבן. אפשר איז ער גאָר אויסן עפּעס אַנדערש, טראַכט זי. אפשר האָט ער זי ליב און דאָס ביכל איז בלויז אַן אויסרייד? אפשר וויל ער זיך גאָר באַ־שטעלן נאָך אַמאָל צו טרעפן זיך מיט איר? הלוואי איז דאָס אמת, טראַכט זי. ער איז דאָך אַזאַ פיינער, אַזאַ איידעלער און אַ קלוגער בחור

און אַ שיינער אויך. זי וועט אים ליב האָבן מיט איר גאַנצן האַרץ, מיט דער גאַנצער נשמה. ער איז דאָך אַ מענטש מיט גאָלע מעלות, איינע גרעסער פון דער אַנדערער. זי ווייסט, אַז ער האָט נישט קיין מוטער, וועט זי זיין צו אים אַזוי ווי אַ מאַמע. און ער וועט צו איר זיין גוט און איידל. עס וועט אים געוויס נישט אַרן וואָס זי איז אין דער פרעמד. ער וועט זי ליב האָבן אַזוי ווי זי אים.

און מיטאַמאָל בייטן זיך אירע געדאַנקען: ס'אַרא נאַר זי איז צו מיינען, אַז סרולקע קאָן זי ליב האָבן. אַזעלכע ווי סרולקע נעמען נישט קיין דינסטמיידלעך. וואו קומט זי צו אים? זי דערפילט זיך שטאַרק געפאַלן און דערשלאָגן פון אַזעלכע געדאַנקען.

דאָ קומט איר ווידער באַלעק אויפן זינען. באַלעקן וואָלט זיכער נישט געאַרט וואָס זי איז אַ דינסט. זי ווייסט ווי שטאַרק ער האָט זי ליב. זי דערמאָנט זיך ווי ער האָט איר געזאָגט: „איך זאָל נאַר וויסן, אַז דו ביסט מיינע! דו וועסט זיין מיין קרוין און די גאַנצע וועלט וועט זיין מיינע.” און זי האָט אים גאָר נישט געקאָנט זאָגן, זי האָט בלויז אַ וואָרף געטאָן איר קאָפּ אויף זיין אַקסל און זיך צעוויינט. און ער האָט מיט אַזויפיל ווייכקייט געגלעט אירע האָר, ווי ער וואָלט וועלן דערמיט זי איינשטילן, באַרואיקן. איר דאַכט זיך איצט, אַז ער האָט געשוויגן, ווייל אים האָבן אויך געשטיקט די טרערן.

„פאַרוואָס האָב איך אים דעמאָלט נישט געזאָגט אַז איך האָב אים ליב, אַז איך וויל זיין זיינע?” מאַכט זי זיך אַ פאַרוואורף. אָבער ווי אַזוי האָט זי אים דאָס געקאָנט זאָגן, אַז ער איז נישט קיין ייד! איר מאַכט דאָס נישט אויס, אָבער די מאַמע וואָלט עס נישט אויסגעהאַלטן.

פון יענעם טאָג, ווען באַלעק האָט געוואָלט וויסן צי זי וויל זיין זיינע און זי האָט אים נישט געגעבן קיין קלאָרן ענטפער, איז שוין אַריבער אַ היפּשע צייט ווי זי האָט אים נישט געזען. עס אַרט איר שטאַרק פאַר־וואָס ער קומט נישט, זי וואָלט אים אַזוי וועלן זען!

ביי אַזוינע טראַכטונגען פאַרדריסט זי, פאַרוואָס עס האָט זיך צו איר אַריינגעכאַפּט אַזאַ געפיל צו סרולקען. אויף אַ רגע לאָזט איר נאָך דער פלאָנטער, וואָס שווינדלט איר אין מוח, פון די אַלע צונויפגעגאָסענע שטראָמען טיילט זיך אָפּ איין קלאָרער געדאַנק: אַרויסצורייסן זיך פון דער פרעמד, ווערן אויס דינסט, זיין אַ מענטש מיט מענטשן גלייך.

אין אַן אָוונט, אויפן וועג צו דער מאַמען, האָט זי אָנגעטראָפן שמחהן.

— מיין האַרץ האָט מיך געפירט אויף דעם וועג צו באַגעגענען זיך

מיט אייך — האָט ער געזאָגט און איר וואָרעם געדריקט די האַנט. — אַבי איך האָב געמיינט, איר זיצט אַלע נאַכט ביי דער שוואַרצער ברייגען.

— וואָס פאַלט אייך איין, אַז איך זיץ דאָרט אַלע נאַכט? — איז זי אומצופרידן מיט זיין באַמערקונג.

— אַזוי האָט מיר ברײנע געזאָגט.

— נישט אַלע נאַכט, אַמאָל גיי איך אַהין אַרויף, — פּרובירט זי דאָס אַוועקמאַכן מיט דער האַנט.

— מיר איז טאַקע געווען אַ חידוש — זאָגט שמחה — ווי קומט איר אַהין צו גיין? פון די פאַרשוינען וואָס קומען צו איר דאַרף מען זיך אויסהיטן.

— איך האָב נישט מיט קיינעם דאָרט קיין שום געשעפטן, — זאָגט זלאַטע אַ געטראָפּענע. — קיינער טשעפּעט מיך נישט און עס איז נישט מיין עסק ווער זיי זענען. איך קום אַהין אַרויף, ווייל די שטוב איז דאָרט שטענדיק פול מיט מענטשן, עס איז היימלעך. איך האָב ליב פריילעכקייט, דערפאַר קום איך.

שמחה באַמערקט, אַז זלאַטע פילט זיך אומבאַקוועם פון דעם גע־שפּרעך, גייט ער באַלד איבער אויף עפּעס אַנדערש:

— מאָרגן איז אין דער אַרבעטער־היים ביי די פּועלי ציון אַן אינ־טערעסאַנטע פאַרלעזונג. אפשר ווילט איר אַרויפקומען?

— עס קאָן זיין, איך וועל זען. דערווייל איז נאָך נישט מאָרגן, — ענטפערט זי אַזוי ווי אַנגעברוגזט און לאָזט זיך שפּאַנען מיט גיכערע טריט צו דער מאַמען. זי וויל וואָס שנעלער פון אים אַוועקגיין. עס פאַרדריסט זי וואָס זי האָט אים גראָד איצט באַגעגנט.

פון דעמאָלט אָן האָט זלאַטע אָנגעהויבן אויסמיידן ברײנעס שטוב. מיט שמחהן וויל זי מער נישט גיין. זי גיט אים אָן אַלערליי תירוצים, אַז זי האָט נישט קיין צייט.

שבת, דריי אַזייגער, האָט זלאַטע זיך געדאַרפט טרעפן מיט סרולקען. פון צוויי אַזייגער אָן איז זי געשטאַנען ביים טירל, וואו די מאַמע וואוינט, און האָט אויף אים געוואַרט. ווען זי האָט אים פון ווייטן דערזען, האָט איר אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן דאָס האַרץ. ווי גיך ער איז צוגעקומען, האָט זי דאָס ערשטע אים דערלאַנגט די בראָשורקע.

— ווי אַזוי איז דאָס אייך געפעלן? — פרעגט ער זי מיט אַ צו־פרידענעם שמייכל אויף די ליפּן און לייגט אַריין די בראָשורקע אין זיין

בוזעם־קעשענע. זלאַטע ווערט שטאַרק רויט, זי האָט נישט דערוואַרט ער זאָל זי עפּעס פרעגן, זי ווייסט נישט וואָס אים צו זאָגן.

— אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע מיט דעם גערשונין; ער איז געווען דער ריכטיקער בחור, — גיט ער צו איר אַ זאָג. זי דערפילט, אַז עס טרייסלען זיך אירע אַלע גלידער, זי האָט מורא ער זאָל זי נישט נעמען פונאַנדערפרעגן וועגן דעם איבערגעלייענטן. ער וועט באַלד זיך דערוויסן ווי נאַריש, ווי אומווויסנדיק זי איז, טראַכט זי, און דאָס האַרץ קלאַפּט ווי מיט אַ האַמער. זי הייבט נישט אָן צו באַנעמען וועגן וואָס אין דעם ביכעלע האַנדלט זיך.

נאָר סרולקע האָט שוין נישט אינזינען דאָס ביכעלע. ער נעמט אַרויס פון אַן אַנדער קעשענע אַ בילעט, אויף וועלכן עס איז עפּעס אויפגעשריבן מיט דער האַנט, און זאָגט:

— אויף איבעראַכטאָג שבת, אין אָוונט, האָט די יוגנט פון בונד איינגעאָרדענט זייער אַ שיינעם קאָנצערט צו אונדזער יובילײ. אפשר ווילט איר קומען צו דער פייערונג? — ער לאָזט אַראָפּ די אויגן, קוקט אויפן בילעטל, דרייט עס אויף אַלע זייטן, ווי ער וואָלט דאָרט אויף דעם עפּעס געזוכט.

זלאַטע קוקט אויך אַראָפּ. זי שאַרט מיטן פוס אַ שטיינדל און שווייגט. זי ווייסט נישט וואָס אים צו ענטפערן.

נאָך אַ היפּשער צייט שוויגן הייבט זי אויף די אויגן און זאָגט:

— ביז דעם אַנדערן שבת איז נאָך אַ גאַנצע וואָך, אָבער אַ בילעט קאָן איך ביי אייך סיי ווי סיי נעמען. אַז איר ווילט, וועל איך אייך שוין פּאַר אים באַצאָלן, נאָר צי איך וועל קאָנען זיין צום קאָנצערט, איז מיר איצט שווער צו וויסן.

— עס גייט אונדז מער עס זאָלן זיין אַ סך מענטשן, ווי אין געלט, — זאָגט ער מיט אַ טאָן ווי ער וואָלט זיך געבעטן ביי איר. — איך וועל זיין זייער צופרידן אייך צו זען דאָרט. און ווען איר קאָנט נאָך עמיצן מיטנעמען, וואָלט געווען זייער גוט. עס וועט זיין אַן אינטערעסאַנטער אָוונט. איך וויל איר זאָלט אומבאַדינגט זיין, עס וועט אייך נישט באַנג טאָן.

— איך וועל זען, אַז ס׳וועט מיר נאָר זיין מעגלעך, וועל איך קומען.

— זאָגט זי אים שוין צו.

פון זינט זלאַטע האָט געהאַט דעם דורכפאַל אין אַ היימישן הויז ביי אַ פּורים סעודה, וויל זי נישט גיין צווישן מענטשן. זי איז אַהין

געקומען מיט איר מיטלסטער שוועסטער באַשקע. האָט מען באַשקען געזעצט ביים טיש גלייך מיט אַלע געסט, מען האָט זי פּאַר יעדערן פאַר־געשטעלט און זלאַטען האָט מען געלאָזט זיצן אין קיך און נישט געזאָגט איר זי זאָל אַריינגיין אין עס־צימער. מען האָט זי פאַר קיינעם נישט פאָרגעשטעלט, מיט קיינעם נישט באַקענט און קיינער האָט זיך אויף איר נישט אומגעקוקט, נישט אויסגערעדט צו איר קיין וואָרט. זי האָט זיך געפילט שרעקלעך פאַרשעמט און באַליידיקט. זי האָט געוואוסט, אַז דאָס איז נאָר דערפאַר וואָס די שוועסטער איז אַ שניידערקע און זי איז אַ דינסט. פון דעמאָלט אָן האָט זי ביי זיך אָפּגעמאַכט נישט צו גיין צווישן מענטשן. זי וויל זיך מיט קיינעם נישט טרעפן, נישט באַקענען זיך מיט קיינעם. אפילו מיט די אייגענע שוועסטער, ווען עמיצער אַ פרעמדער איז מיט זיי, רוקט זי זיך אָפּ אין אַ זייט. זי ווייסט, אַז מען האָט נישט גערן ווען זי איז דאָ. אַ סימן: קיינער זאָגט איר נישט זי זאָל זיצן מיט אַלע צוזאַמען. שטיקט זי זיך מיט דער אָפּגעזונדערטקייט און גייט נישט אין ערגעץ.

נאָך אַ גליק וואָס עס ציט זי צום לערנען, לייגט זי אַריין איר גאַנצן חוש אין דעם. זי האָפט נאָר, אַז די וואָס שעמען זיך מיט איר וועלן מיט דער צייט אויסגעפינען, אַז זי איז נישט ערגער פון זיי. שבת בייטאָג קומט זי צו דער מאַמען. אַז די מאַמע לייגט זיך שלאָפן, זיצט זי און לייענט.

ביי דעם קאָנצערט, וואָס די יוגנט פון בונד האָט איינגעאָרדנט, דערוויסט זיך זלאַטע, וועט סרולקע זיין אויף דער בינע. זי ווייסט נישט אַקוראַט, וואָס ער וועט דאָרט טאָן, זי ווייסט נאָר, אַז ער וועט עפּעס האָבן צו זאָגן. עמיצער האָט איר דערציילט, אַז ער רעדט זייער שיין.

די גאַנצע וואָך האָט זיך זלאַטע געשלאָגן מיט דער דעה, צי זאָל זי גיין צום קאָנצערט אָדער נישט. נאָר דער פאַרלאַנג צו זען סרולקען און אים הערן רעדן, האָט אַריבערגעוואויגן אַלע אירע אויסרעכענונגען און צעריסן אויף פּיץ־פּיצלעך אירע באַשלוסן נישט צו קומען צווישן מענטשן. ווי שטאַרק זי מאַכט נישט אָפּ ביי זיך, אַז זי וועט דעם אָוונט בלייבן ביי דער מאַמען און זי וויל קיינעם נישט זען, רינט באַלד אויס דער באַשלוס, ווען זי שטעלט זיך פאָר ווי אַזוי סרולקע שטייט אויף דער בינע און רעדט אַזוי שיין און קלוג, אַז ס'איז אַ מחיה. ער האָט דאָך זי איינגעלאַדן מיט אַזאַ וואַרעמען געפיל, איז אפשר וויל ער זי טאַקע זען דאָרט נישט גלאַט אַזוי, נאָר ווייל זי געפעלט אים. אָט דער געדאַנק האָט אַריינגעבראַכט אַ ליכטיקן שיין אין איר דערשלאָגענעם

לעבן. האָט זי באַשלאָסן, אַז וואָס וועט זיין, וועט זיין. זי וועט גיין צום קאָנצערט.

דער זאַל איז שוין געווען איבערגעפּאַקט מיט מענטשן, ווען זלאַטע איז פּאוואָליע אַריינגעקומען. ביי דער טיר האָט זי אָוועקגעגעבן דעם בילעט און זיך געגומען שטופּן מיט אַ זייט דורך דער ענגשאַפט ביז זי האָט דערזען און פאַרכאַפּט ביי דער וואַנט אַ ליידיק אָרט צום זיצן.

אַ צערודערטע קוקט זי זיך אַרום. איר דאַכט זיך, אַז זי פּאַסט זיך נישט אַריין אין דער געזעלשאַפט. פון דעם געדאַנק אַליין דערפילט זי זיך אומבאַקוועם. אין צענטער לעבן דער בינע דערזעט זי איר שוועסטער באַשקען. יענע זיצט דאָרט מיט אירע צוויי חברטעס. באַשקע האָט איר גאָר נישט אויסגעזאָגט, אַז זי גייט היינט אַהער. אַלע מאָל באַהאַלטן די שוועסטער פון איר וואו זיי גייען, טראַכט זי מיט ביטערניש און עס ווערט איר פון דעם נאָך מער קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. זי דרייט אָוועק דעם קאָפּ, זי וויל נישט די שוועסטער מיט די חברטעס זאָלן זי זען.

אין זאַל איז אַ שטאַרקער געדראַנג מיט אַ טומל. ביי דער טיר, זעט זי, ראַשט מען זיך, מען אַמפּערט זיך וועגן יאָ אָדער נישט אַריינלאָזן געוויסע מענטשן, נאָר זלאַטע ווייסט נישט וועגן וואָס דאָרט גייט. מען פּרואווט פאַרמאַכן די טיר און מען שפּאַרט זי אַלע ווײַלע אָפּ. די וואָס שטייען ביים אַריינגאַנג היצן זיך. אין דעם ראַש דרייט מען אַראָפּ די לאָמפּן און אין זאַל ווערט טונקעלער.

סרולקע שפּרינגט אַרויף אויף דער בינע. ער שטרעקט אויס די הענט, ווי צום שווימען. באַלד הייבט ער אָן מיט זיי צו מאַכן אַראָפּ, אַראָפּ — אַן אָנדייטונג מען זאָל זיך אָוועקזעצן. ער רעדט עפּעס, נאָר מען הערט נישט וואָס. אין זאַל איז נאָך טומלדיק. נאָר באַלד הייבט אָן שטילער ווערן. סרולקע דערקלערט דעם צוועק פון דעם אָוונט. זלאַטען דאַכט זיך, אַז ער זעט זי, אַז ער קוקט אַריבער איבער אַלע קעפּ צו איר. עס דאַכט זיך איר, אַז ער נעמט נישט אָוועק די אויגן פון דעם אָרט, וואו זי זיצט. זי קוקט אים אין מויל אַריין און פון זיינע רייד צעגייט זיך אַ וואַרעמקייט אין איר גאַנצן וועזן. עס ווערט איר קלאָר, אַז סרולקע איז דער אָנפירער פונעם אָוונט. ער שטעלט פאַר אַ מיידל, וואָס וועט דעקלאַמירן, און ער גייט אַראָפּ פון דער בינע. נאָך דער דעקלאַמאַציע באַווייזט ער זיך ווידער און שטעלט פאַר אַ רעדנער — אַ גאַסט, וואָס איז ספּעציעל געקומען צו דעם אָוונט פון אַ ווייטער שטאָט.

עס באַווייזט זיך דער גאַסט־רעדנער. דער עולם פּאַטשט מיט די

הענט און מיט אַמאָל דערהערן זיך אויסגעשרייען: „אַראָפּ, אַראָפּ פון דער בינע״. עס ווערט אַ טומל. טייל שטעלן זיך אויף, די אויסגעשרייען צום רעדנער ווערן דערטרונקען אין די שטאַרקערע געשרייען, וואָס קומען פון אַלע זייטן. אַז מען זאָל די שטערער אַרויספירן פון זאַל.

זלאַטען דאַכט זיך, אַז אין אַ ווינקל שלאָגט מען זיך. זי דערשרעקט זיך, עס ציטערן איר די הענט און פיס. זי האָט פיינט צו זען ווי מען שלאָגט זיך.

דער גאַנצער עולם שטייט שוין אויף די פיס, מען רוקט בענקלעך, מען שטופּט זיך. דער טומל פון רוקן די בענק מיט די שטולן מישט זיך אויס מיט די היציקע געשרייען. עס ווערט אַן אמתער געשלעג.

#ביידע פּאַרטייען

פאַרן ערשטן מאַי גרייטן זיך ביידע אַרבעטער־פּאַרטייען, דער בונד און די פּועלי ציון, צו מאַרשירן, צו פּייערן דעם אַרבעטער־יום־טוב. פון דער מאַכט האָבן זיי נישט קיין דערלויבעניש, ריכט מען זיך אויף אַ קאַמף. כאָטש די דייטשע מאַכט איז נישט אַזוי שטרענג, ווי עס איז געווען די צאַרישע מאַכט, דאָך ווייסט מען, אַז גלאַטיק וועט דער טאָג נישט פאַרבייגיין.

עמיצער שלאָגט פאָר, אַז ביידע פּאַרטייען זאָלן זיך פאַראייניקן פאַר דעם טאָג, כדי פאַרצושטעלן פאַר דער מאַכט אַ גרעסערן כוח. דער פאָרשלאָג ווערט אין ביידע פּאַרטייען זייער אַ סך דעבאַטירט. עס גייען מויל־פּאָטשטן פון איינע צו די אַנדערע. כאָטש ביידע צדדים האָבן זיך נישט אַוועקגעזעצט פאַרהאַנדלען דעם ענין, ווייסט מען אָבער זייער גוט דורך די איבערטראָגער, וואָס יעדער צד טראַכט און זאָגט. און צום סוף ווערט באַשלאָסן, אַז זיי גייען באַזונדער. יעדער צד אַרבעט שטאַרק, אַז זיין גרופּע זאָל זיין וואָס גרעסער. מען אָרגאַניזירט קודם כל די מיטגלידער, אַז עס זאָל קיין איינער נישט פאַרפעלן צו קומען אויפן באַשטימטן פּלאַץ און פרוואון צוציען וואָס מער זייטיקע מענטשן. צוליב דעם ווערן אָפּגעהאַלטן אָפטע פאַרזאַמלונגען, וואו מען קאָכט זיך און מען היצט זיך.

זלאַטע האָט אומעטום געוואָלט זיין און פון אומעטום עפּעס נאַשן. נאָר פריער איז זי געגאַנגען צום בונד, וואו סרולקע איז דער אָנפירער. און אַז זי האָט געהאַט אַ געלעגנהייט, איז זי געגאַנגען צו די פּועלי ציון אויך. זי האָט זיך אומעטום אויפמערקזאַם צוגעהערט צו די רייד און פון יעדער פאַרזאַמלונג עפּעס געלערנט.

די לעצטע טעג פאַרן ערשטן מאַי האָט מען דערזען אָנגעקלעפּטע בלעטלעך אויף ווענט, אויף סלופּעס און אויף קיאָסקן. וואו עס האָט זיך נאָר געלאָזט, זענען געווען אויסגעקלעפּט אויפרופן צום ערשטן מאַי. די בלעטלעך האָט מען געקלעפּט אין מיטן דער נאַכט אָדער פאַרטאָג. אַמאָל

זענען די אויפרופן פון בײדע פּאַרטײען געװען אָנגעקלעפּט אײנס לעבן אַנדערן.

די בונדיסטן האָבן באַשטימט זײער טרעף־פּונקט אויף עלף אַזײגער אינדערפרי אויפן פּלאַץ צװישן שול־געסל און קאָנסקי רינעק. פון דאָרט װעלן זײ מאַרשירן מיט דער װאַרשעװער גאַס ביז צו די גלאָקן, װאו זײ װעלן זיך אַרײַנדרײען לינקס. און אַז מען װעט זײ נישט שטערן, װעלן זײ גײן אויף דער דלוגע.

די פּועלי ציון האָבן באַשטימט זײער טרעף־פּונקט אויף צװעלף אַזײגער אויפן מאַרק־פּלאַץ לעבן דער האַלע. זײ האָבן געזאָלט מאַרשירן מיט דער פּיענקנער גאַס ביז צום סקװערל, װאו עס שטײט דער יאַציק מיטן זײגער.

אין שטאָט האָט זיך געראַשט און געטומלט צוליב די צוגרײטונגען צום ערשטן מאַי. עס האָט געהערשט אַ היפּשע אומרואיקײט בײ עלטערע מענטשן און באַזונדער בײ די באַלעבאַטישע, מער רײַכערע. די װאָס זענען נישט געװען אײנשטימיק מיט אַזאַ מאַרש האָבן בײ זיך אָפּגעמאַכט יענעם טאָג נישט אַרויסצוגײן פון הויז, נישט װײַזן זיך אויף דער גאַס.

דעם ערשטן מאַי, באַלד נאָכן פרישטיק, האָט זלאַטע אָנגעטאָן איר שבתדיק קלײדל און אַרומגענומען די האָר מיט אַ רויטן באַנד. זי האָט זיך געפּוצט װי אויף אַ חתונה.

— װאָס עפּעס סטראָיעסטו זיך אַזוי באַלד אינדערפרי? — זאָגט צו איר די באַלעבאָסטע.

— הײַנט איז בײ מיר אַ יום־טוב, — ענטפערט זי, בעת זי קוקט אין שפּיגל און בינדט איבער דעם שלײף אויפן קאָפּ.

די באַלעבאָסטע קוקט זי אָן, גלײך װי זלאַטע איז אַראָפּ פון זינען:

— װאָס פאַר אַ יום־טוב איז הײַנט אויף דיר? נעם בעסער אַראָפּ די פאַרהאַנגען פון עס־צימער. שוין לאַנג צײַט זײ אויסצואװאַשן.

— נישט איצט. הײַנט איז דער ערשטער מאַי, איך מוז אַװעקגײן, — זאָגט זלאַטע טראָציק.

— אַ שװאַרצער חלום צו מײַנע שונאימס קעפּ! אָט האָסטו דיר גאָר אַ מעשה מיט אַן ערשטן מאַי!

נאָך אײדער די באַלעבאָסטע פאַרענדיקט אירע װערטער, איז זלאַטע שוין אויף יענער זײַט טיר.

זי קומט אויפן סקװער, דערזעט זי װי סרולקע שטײט מיט אַ רויטער פאָן אין האַנט. משה אַלטשולער האַלט אַ רעדע פאַר די פאַרזאַמלטע.

אַלע שטייען נאָענט לעבן אים. ער רעדט נישט זייער הויך, ווי זיין שטייגער איז, ווען ער רעדט אין לאָקאַל. אַלע שטעלן אָן די אויערן צו כאַפּן זיינע רייד

— אַלע מוזן זיך האַלטן צוזאַמען. קיינער זאָל נישט לויפן אין פאַל די פּאָליציי וועט וועלן צעשטערן. — ער גיט אַ בליק אויף זיין קעשענע־זייגערל און זאָגט: — מיר וועלן וואַרטן נאָך אַ צען מינוט. שטעלט זיך אויס צו פיר אין אַ ריי. מיר וועלן באַלד אָנהייבן גיין.

עס קומען צו נאָך צוויי יינגלעך מיט אַ מיידל. סרולקע הייבט אויף די פאָן און מען לאָזט זיך גיין. באַלד קומען אָן פון אַלע זייטן פּאָליציאַנטן. טייל רייטן אויף פערד און פאָרן אַריין אין די מאַרשירנדיקע רייען. עס ווערט אַ טומל און אַ געלאַף. אַ פּאָליציאַנט לויפט צו צו סרולקען, ער פּרואווט אַרויסרייסן ביי אים די פאָן. סרולקע האַלט זי פעסט. עס רינגלען אים אַרום עטלעכע חברים. עס ווערט אַ געשלעג. זלאַטע שטופּט זיך, זי כאַפּט אָן אַ פּאָליציאַנט ביים ראָק און שלעפּט אים. זי וויל אים אָוועקרייסן פון סרולקען. זי קריגט אַ שטויס און זי שטופּט זיך ווייטער. זי זעט, אַז פון סרולקעס האַנט רינט בלוט. צוויי חברים באַנדאַזשירן אים די האַנט. ער האָט געקראָגן אַ קלאַפּ מיט אַ שאַרפער זאַך און עס איז שווער צו פאַרהאַלטן דאָס בלוט. אָן אַנדערער פון די יוגנטלעכע האָט אַ כאַפּ געטאָן פון אים די פאָן און איז אַנטלאָפן. נאָך איינער האַלט זיך ביים קאָפּ. אַ מיידל איז געוואָרן היסטעריש. סרולקען נעמט מען אָוועק אין אַ שטוב אַריין. די פּאָליציי צעטרייבט די פאַרבליבענע.

זלאַטע קומט אַהיים אַ צעוויייטיקטע וואָס עטלעכע חברים זענען פאַרוואונדעט געוואָרן און מען האָט צעשטערט דעם מאַרש.

די באַלעבאָסטע האָט געהערט וואָס עס איז פאָרגעקומען, זאָגט זי:

— אַ מצווה אויף זיי, די שוסטערוקעס מיט די שניידערוקעס! זיי ווילן דאָס איבערמאַכן אַ וועלט.

זלאַטע קוקט אויף איר מיט אויפגעריסענע אויגן. זי איז זייער בייז אויף איר פאַרוואָס זי רעדט מיט אַזאַ ברוטאַלקייט. זי וויל איר אַריינזאָגן, עס זאָל איר אַ שטאָך טאָן אין דער זיבעטער ריפּ, נאָר זי געפינט נישט קיין ווערטער. דרייט זי זיך אָוועק פון איר, וואַרפט איר צו שטיל אַ קללה און האַלט איין אין זיך דעם כעס. נאָר פון דעמאָלט אָן האָט זי איר באַלעבאָסטע אַ סך מער פיינט געקראָגן. זי האָט דערפילט, אַז יענע איז איר אַ שונא.

שפּעטער ווערט מען געוואויר, אַז די פּועלי ציון האָבן זיך דער־וואוסט וואָס עס איז פאָרגעקומען מיטן בונד, האָבן זיי נישט געוואָגט אָנצוהייבן דעם מאַרש, נאָר זיי זענען איינציקווייז און צו צווייַ אַוועק אויפן סטאַרווישער וועג און דאָרט אָפּגעהאַלטן אַ פאַרזאַמלונג.

די קאָנקורענץ צווישן די צוויי אַרבעטער־פּאַרטייען איז געוואָרן וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער. אַז איין גרופּע האָט גערופן אַ פאַרזאַמלונג מיט אַ באַוואוסטן רעדנער, האָט די קעגנערישע גרופּע אָרגאַניזירט אירע מיטגלידער זיי זאָלן צעשטערן די פאַרזאַמלונג.

די שאַרפסטע קעגנער, צווישן וועלכע עס זענען פאָרגעקומען די מערסטע שטרייטן, זענען געווען די צוויי אַרבעטער־פּאַרטייען, דער בונד און די פּועלי ציון. עס פלעגט פּאַסירן, אַז איין צד האָט צוגעגרייט דעם אָוונט און דער צווייטער האָט איבערגענומען די פּלאַטפאָרמע און געטאָן דאָס פאַרקערטע.

גליקע, זלאַטעס חברטע, האָט זיך אָנגעשלאָסן אין די פּועלי ציון. האָט זי געהאַלטן זלאַטען אין איין שלעפּן אין דער אַרבעטער־היים. זי האָט זי נאָר געוואָלט איבערצייגן, אַז דאָס איז די בעסטע פּאַרטיי און אַז אַלע דאַרפן אַריינטרעטן אין דער פּאַרטיי. נאָר זלאַטען ציט אַהין וואו זי קאָן טרעפן סרולקען. אין דער אַרבעטער־היים, ווייסט זי, וועט זי זען שמחהן, און זי וויל אים אויסמיידן. זי קאָן זיך סיי ווי סיי נישט פונאַנדערקלויבן אין די פּאַרטייען. זי ווייסט נישט ווער פון זיי איז גערעכט און ווער אומגערעכט. אַז זי הערט רעדן אַ פּועלי ציוניסט, דאַכט זיך איר, אַז ער איז גערעכט, און אַז זי הערט אַ בונדיסט דאַכט זיך איר, אַז ער איז אויך גערעכט. די צרה איז נאָר, וואָס איינער זאָגט אויפן צווייטן, אַז יענער איז אומגערעכט. גיי ווייס, טענהט זלאַטע צו איר חברטע גליקען, ווער ס'איז טאַקע דער גערעכטער און וועמען מען זאָל גלייבן. אַמאָל דאַכט זיך איר אויס, אַז ביידע פּאַרטייען זענען דאָס זעלבע און מען קריגט זיך אומזיסט און אומגישט.

סרולקע באַמיט זיך צו זען זלאַטען גאַנץ אָפט. ער לאָזט איר וויסן ווען ס'קומט פאָר אַ פאַרזאַמלונג, צי אַ דיסקוסיע איבער פּאָליטישע פראַגן. און ער לאַדט זי אַלעמאָל איין זי זאָל קומען. זי קאָן גאָר נישט פאַרשטיין פאַרוואָס ער וויל אַזוי שטאַרק זי זאָל קומען. ווען דאָס זאָל זיין דערפאַר וואָס ער האָט זי ליב, וואָלט זי זיך געפילט גליקלעך און זי וואָלט אַפילו געגאַנגען אין פייער אַריין, טראַכט זי. אָבער ער איז דאָך אַזוי גלייכגילטיק צו איר, ווען ער טרעפט זי. עס מאַכט זיך, אַז ער

גייט מיר איר אַראָפּ אויף דער גאַס, פּירט זי אָפּ אַ שטיקל וועג, גיט איר די האַנט, זאָגט אַ גוטע נאַכט און גייט אַוועק. ער זאָל דאָס אַמאָל כאָטש פאַרהאַלטן איר האַנט לענגער, ווי געוויינלעך, צי ער זאָל אַמאָל פּרוּוון זי אַ קוש טאָן, כאָטש אין דער האַנט אַריין, ווי עס טוען אַ סך בחורים, אפילו ווען זיי זענען גאָר נישט פאַרליבט אין די מיידלעך. זי וואָלט אַזוי געוואָלט קריגן פון אים אַ קוש. זי וואָלט געווען צופרידן ווען ער נעמט זי אַרום. עס קאָן גאָר זיין, באַפאַלט איר מיטאַמאָל אַ פינצטערער געדאַנק, אַז ער לאַכט זיך אויס פון איר. טאָקע, ווי קומט זי צו אים? אַזוינע געדאַנקען פאַרביטערן איר לעבן.

שמחה האָט זיך אונטערגענומען צו שאַפן אַ ביבליאָטעק אין דער אַרבעטער־היים און ער איז שטאַרק פאַרנומען מיט דער אַרבעט. ער פרעגט זיך נאָך ווער עס קאָן אַוועקגעבן אַ בוך און ער זאַמלט געלט צו קויפן נייע ביכער. ער באַמיט זיך צו טרעפן מיט זלאַטען און זי אַריינציען אין דער אַרבעט פון שאַפן די ביבליאָטעק.

— איר קאָנט מיר אַ סך העלפן, — האָט ער צו איר איינמאָל געזאָגט. — מיר דאַרפן פאַרשידענע ביכער און איר האָט אַ צוטריט אין רייכערע הייזער, וואו איר קאָנט קריגן וויכטיקע ביכער.

זלאַטען געפעלט שטאַרק די אַרבעט. זי גייט אומעטום וואו מען קען זי, און בעט מען זאָל איר געבן ביכער פאַר דער נייער ביבליאָטעק. צוליב דעם קומט איר אויס אָפטער אַריינצוקומען אין דער אַרבעטער־היים.

שמחה ווייזט אַרויס אַ סך איבערגעגעבנקייט צו דער אַרבעטער־היים און מען האָט פאַר אים אַ סך דרך־ארץ. ווען ער נעמט אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע, הערן זיך אַלע צו צו זיינע רייד. זלאַטע ווערט אויך מיטגעריסן. איר הייבט זיך אָן צו דאַכטן, אַז ער איז גאָר נישט אַזוי מיאוס ווי עס האָט זיך איר פריער אויסגעוויזן. זי וואָלט איצט גאָר נישט געהאַט דאַקעגן מיט אים צו פאַרברענגען. נאָר שמחה זוכט מער נישט איר געזעלשאַפט, דאַכט זיך איר. ער גייט מיט אַן אַנדער מיידל. יענע איז נאָך אַ שענערע פון איר.

נאָר אין דער אמתן גייט שמחה מיט יענער מער צוליב ווייזן זלאַטען, אַז ער קאָן קריגן אַ מיידל, איידער צוליב אַ צוועק. כאָטש יענע איז אַ שיינע, געפעלט זי אים גאָרנישט. און זלאַטע, ווען זי באַגעגנט אים מיט יענער, אַרט עס איר ביז גאָר. עס קרענקט איר אַזוי, אַז זי קאָן אַפּיל נישט איינשלאָפן ביינאַכט.

# באַלעק קומט אין שטאָט אַריין

**פלוצים**, אין אַ זונטיק נאָכמיטאָג, קומט באַלעק אַרויף צו זלאַטעס מאַמע אין שטיבל אַריין און דערציילט איר, אַז ער האָט זיך אַריינגעקליבן קיין שעדלעץ, ער לערנט זיך דאָ איינבינדעריי. זיינער אַ פעטער, דערציילט ער, האָט אַן איינבינדעריי איז ער געקומען צו אים און געזאָגט: „פעטערל טייערער, איך וויל נישט זיין מער קיין פּאַראָבעק ביי מיין שטיף־מאַמע אַנאַ, לערן מיך אויס דאָס פאַך". האָט דער פעטער צוגעשטימט און אים אַריינגענומען. ער גיט אים עסן, אַן אָרט צום שלאָפן און לערנט אים די מלאכה.

אַ חוץ דעם פעטער האָט באַלעק דאָ אין שטאָט קיינעם נישט, אפילו נישט קיין באַקאַנטע, איז ווען ער האָט נאָר אַביסל פרייע צייט, קומט ער אַרויף צו סימען. נאָר זלאַטע האָט אים נאָך נישט געזען. ווען ער קומט, איז זי נישטאָ. איר גייט אויס דאָס חיות אים צו זען. ווייסט זי אָבער נישט, ווען זי קאָן אים טרעפן. נאָר ווייל זי ווייסט, ער איז שוין עטלעכע מאָל געווען ביי דער מאַמען, רייסט זי זיך אָפּטער אָפּ פון דער אַרבעט און לויפט אַהין. ענדלעך האָט זי אים געטראָפן.

אַ מאָדנע באַגעגעניש איז דאָס געווען. ביידע האָבן אויפן מאָמענט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, אַפילו קיין גוטן אָוונט זיך נישט געזאָגט. ווען זלאַטע איז אַריינגעקומען, איז באַלעק שוין לאַנג דאָרט געזעסן. אַז ער האָט זי דערזען, האָט ער זיך אַ צאַפּל געטאָן, זיך אויפגעשטעלט און אויסגעשטרעקט צו איר זיין האַנט. דערביי האָט זיין קאָפּ ווי פון זיך אַליין זיך אַראָפּגעבויגן און זיינע ציטערדיקע ליפּן האָבן איר האַנט אָנגערירט און אַ לייכטן קוש געטאָן. זי האָט שנעל איר האַנט פון זיינער אַרויסגענומען. זי האָט דערפילט, אַז אירע קני ציטערן, די פיס אירע טרייסלען זיך. אויב זי וועט זיך באַלד נישט אַוועקזעצן, וועט זי אומפאַלן. זי האָט זיך גיך אָנגעשפּאַרט אויפן ראַנד פון בעט און ביידע האָבן אַ היפּשע צייט געשוויגן, גלייך ווי דאָס לשון וואָלט ביי זיי געוואָרן אָפּגענומען.

די מאַמע האָט געהאַלטן אין איין רעדן. זי האָט אָנגעהאַלטן דעם פריערדיקן שמועס, גלייך ווי זלאַטעס אַריינקומען וואָלט זיין פון די

קלייניקייטן. זלאַטע הערט, אַז די מאַמע רופט אים נישט באָלעק און זי זאָגט אים נישט דו, נאָר זי רופט אים פּאַן טאַרקאָווסקי.

באַשקע שטייט ביים טיש. זי שניידט צו אַ בלוזקע פון וויניק סחורה, דרייט זי זיך דעם קאָפּ ווי אַזוי אַרויסצוקריגן די פולע לענג פון די אַרבל. זי האַלט אין איין מעסטן, דרייט און וואַרפט איבער דאָס שטיקל וואָלנס אויף אַלע זייטן. זי איז מיטן גאַנצן געדאַנק אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט, נאָר פון צייט צו צייט רופט זי זיך פּאַרט אָן מיט אַ וואָרט. און אויך זי רופט אים נישט באָלעק, נאָר באָלעסלאַוו. דער איבערבייט פון באָלעק אויף באָלעסלאַוו קומט ביי איר אַרויס ווי זי וואָלט מער נישט גערעדט צו קיין יינגל, נאָר צו אַ דערוואַקסענעם, צו וועמען זי ווייזט אַרויס אַ געוויסן דרך־ארץ.

זלאַטע הייבט זיך אָן באַרואיקן, נאָר דאָס לשון איז איר נאָך נישט צוריקגעקומען. זי זיצט און קוקט אויף אים מיט מאָדנע אויגן. איר דאַכט זיך, אַז באָלעק איז נישט דער זעלבער, אַז ער איז געוואָרן גאָר אַן אַנדערער. ער איז אויסגעוואַקסן, ער איז גאָר נישט אַזוי קליינטשיק, ווי זי האָט זיך אים פאָרגעשטעלט. זי איז זיכער, אַז ער איז איצט נישט קיין סך נידעריקער פון איר, און דער הויקער, דאַכט זיך איר, איז ביי אים אַ סך קלענער געוואָרן. זיין פּנים איז געוואָרן מאָגערער און לענגער, נאָר ס'איז נאָך אַלץ אויף אים אויסגעגאָסן אַן איידלקייט. די שטופּלען זענען ביי אים אַזוי אויסגעפלאַכט, קוים וואָס מען באַמערקט זיי, און די טיף־בלויע, מילדע אויגן, דאַכט זיך זלאַטען, זענען געוואָרן נאָך טיפער, בלויער און מילדער. יאָ, ער איז איצט גאָר אַן אַנדער מענטש. איז ווי אַזוי זאָל זי צו אים רעדן? אויף דו צי אויף איר? און ווי אַזוי זאָל זי אים רופן: באָלעק, באָלעסלאַוו, צי גאָר פּאַן טאַרקאָווסקי?

די מאַמע זיצט ביי דער מאַשין און ריגעוועט מיט דער האַנט אַ לייסט ביי אַ ברייטן קלאָשאָוון קלייד. זי האַלט נאָך אַלץ אין רעדן צו באָלעקן. זלאַטע באַמערקט, אַז ער הערט זיך נישט צו צו דער מאַמעס רייד, גלייך ווי ער וואָלט גאָר געטראַכט וועגן עפּעס אַנדערש. ער זעט אויס אַביסל צעטרודערט. ער קוקט, דאַכט זיך, דער מאַמען אין מויל אַריין, נאָר זלאַטע פילט, אַז ער האָט עפּעס אַנדערש אין זינען.

אויך באָלעק זעט איצט פאַר זיך אַן אַנדער זלאַטע. זי איז אַביסל דיקער געוואָרן, איז איר פּנים אויסגעפילטער און רונדיקער. צוליב דעם זענען ביי איר די פּאָקן־גריבלעך אויף די באַקן כמעט אינגאַנצן פאַרשוואונדן. בלויז אויף דער נאָז מיטן שטערן זענען נאָך געבליבן

סימנים פון איר שווערער קינדערישער קראַנקהייט. אירע טונקל־ברוינע אויגן בלישטשען מיט פרישן גלאַנץ. ער זעט איצט זלאַטען ווי אַ דערוואַקסענע, אַנטוויקלטע יונג־פרוי מיט אַ שטילן פּרוויאַישן רייץ, וואָס שרייט נישט און מאַנט נישט מען זאָל אויף איר קוקן, נאָר אַ רייץ, וואָס עס איז שווער בייצושטיין. באַלעקן דאַכט זיך, אַז זי איז אַ שיין מיידל און אַז ער וואָלט געוועז גליקלעך צו האָבן אַזאַ פרוי.

אַרום אַ שעה איז זלאַטע געזעסן אָנגעשפּאַרט אויפן ראַנד פון בעט און עס האָט זיך אָנגערוקט די צייט, ווען זי האָט געדאַרפט אַוועקגיין. זי האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעשטעלט, פאַרריכט די דערע אויף אירע אַקסלען און זיך פּאַוואָליע געגרייט צום אַוועקגיין. אין דער צייט האָט זיך באַלעק אויפגעשטעלט, גענומען אין האַנט דאָס היטל, זיך פאַרנייגט פאַר דער מאַמען מיט באַשקען און איז צוזאַמען מיט זלאַטען אַרויס פון שטיבל.

אויפן וועג האָט ער אָנגעהויבן צו איר רעדן, נאָר עס זענען אַרויסגעקומען גאָרנישט די רייד, וואָס ביי אים אויפן האַרצן.

— עס ווערט שוין קאַלט, דער ווינטער איז נישט קיין אָנגעלייגטער גאַסט, — האָט ער געזאָגט און איז אַנטשוויגן געוואָרן. דערנאָך האָט ער ווידער אָנגעהויבן:

— אָט זעען מיר זיך פאַרט.

באַלעק האָט געוואָרפן איינציקע, אָפּגעריסענע ווערטער, אויף וועלכע זלאַטע האָט בלויז געקאָנט צובאַמקען. זי האָט געפילט, אַז ער איז צעשרויפט און קאָן נישט אַרויסזאָגן וואָס אים ווילט זיך. זי ווידער האָט אויך נישט געקאָנט רעדן, ווייל דאָס איז נישט געווען דער אַמאָליקער באַלעק, נאָר אַן אַנדער מענטש, אַ דערוואַקסענער. האָט זלאַטע מורא געהאַט צו עפענען דאָס מויל, טאָמער וועט זי זאָגן עפּעס אַזוינס וואָס וועט אין זיינע אויערן קלינגען נאַריש. אַזוי איז דער וועג אַריבער מער מיט שוויגן, ווי מיט רעדן. אַז זי האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים טויער, וואו זי האָט געדאַרפט אַריינגיין, האָט זי אים דערלאַנגט די האַנט און געזאָגט:

— עס טוט מיר לייד, איך מוז זיך געזעגענען.

— שוין, אַזוי שנעל? — האָט ער געזאָגט מיט איבעראַשונג — אַבי איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט היינט אָונט פריי.

ער האָט נישט אַרויסגעלאָזט איר האַנט פון זיינער.

— ניין, באַלעק — האָט זי שוין געזאָגט מיט מער היימישקייט, ווי

עס וואָלט געווען גאַנץ נאַטירלעך זי זאָל אים רופן באָלעק, — איך בין פריי בלויז צוויי אוונטן אַ וואָך, ווען איך נעם לעקציעס.

זי איז געווען צופרידן, וואָס זי האָט געקראָגן די געלעגנהייט צו באַרימען זיך פאַר באָלעקן, אַז זי לערנט זיך.

— וואָס פאַר אַ לעקציעס נעמסטו? — האָט ער אַביסל פאַרוואונדערט זי געפרעגט.

— איך לערן זיך פויליש און אַריפמעטיק, — האָט זי מיט שטאָלץ געענטפערט.

— עס איז די צייט פון וועטשערע, איך מוז שוין גיין, — האָט זי צום סוף געזאָגט און געפרואווט אַרויסציען איר האַנט פון זיינער. נאָר ער האָט איר האַנט אַ שטאַרקן דריק געטאָן און אין דעם זעלבן מאָמענט אַרויפגעהויבן זיין קאָפּ צו איר פּנים און איר אַ הייסן קוש געטאָן.

זלאַטע האָט זיך אפילו נישט געפּרואווט ווערן. זי איז נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען, געוואָלט אים עפּעס זאָגן און נישט געזאָגט. מיט אַמאָל האָט זי אַרויסגעשלעפּט איר האַנט פון זיינער און איז אַוועק.

אין הויף איז זי געבליבן שטיין און אין געדאַנק דורכגעמאַכט נאָכ־אַמאָל די גאַנצע באַגעגעניש. עס האָט איר איצט באַנג געטאָן פאַרוואָס זי האָט אים נישט אָפּגעענטפערט מיט אַ קוש. אויך האָט עס איר פאַר־דראָסן פאַרוואָס זיין קוש איז געקומען פּלוצים, אומגעריכט און זי איז געוואָרן צעטומלט. זי געדענקט אפילו נישט, צי זי האָט אים געזאָגט אַ גוטע נאַכט. זי ווייסט נאָר, אַז זי איז שנעל, צו שנעל אַריינגעלאָפן אין טויער און זיך אַרומגעקוקט צי קיינער האָט זי נישט געזען, גלייך ווי זי וואָלט באַגאַנגען אַ גנבה. זי האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז באָלעק שטייט נאָך ביים טויער און וואַרט זי זאָל אַרויסקומען. אָבער אַרויסגיין אַ קוק טאָן האָט זי נישט געוויאָלט. באָלעק וואָלט זי געהאַלטן פאַר אַ שוואַכלינג, האָט זי געטראַכט, ווען זי לויפט צו אים איצט אַרויס. איז זי מיט פאַמעלעכע טריט אַריין אין הויז.

פון דעמאָלט אָן האָט זי געוואוסט ווען באָלעק קומט צו דער מאַמען און זי האָט געטאָן אייניקעס אַלע מאָל צו זיין דאָרט אין דער זעלבער צייט.

באָלעק לייענט אַ סך ביכער און צייטונגען. ער אינטערעסירט זיך מיט וועלט־פּאַסירונגען. האָט ער וועגן וואָס צו רעדן, וואָס צו דערציילן. ער רעדט שיין און ברענגט אַלצדינג אַרויס זייער קלאָר. דערצו האָט ער נאָך אַזאַ שיין קלינגענדיק קול, אַז עס איז אַ מחיה צו הערן אים רעדן.

באַלעקס אַרויפֿקומען אין דעם קליינעם שטיבל באַרייכערט דער מאַמעס אָרים לעבן. ער פֿרישט אויף ביי דער מאַמען מיט באַשקען די פּאַראומערטע געמיטער. דורך אים ווערן זיי באַקאַנט וואָס ס'טוט זיך אויף דער וועלט. די מאַמע האַלט זיין קומען צו איר פֿאַר אַ גרויסן כבוד. די אָוונטן וואָס ער דאַרף קומען און עס מאַכט זיך צוליב אַ סיבה אַז ער קומט נישט, פֿעלט ער איר שטאַרק אויס. דאָס שטיבל, דאַכט זיך איר, איז פּוסט אָן אים.

נאָר די מאַמע באַמערקט, אַז איידער באַלעק דאַרף קומען, הייבט זיך באַשקע אָן צו פּוצן. און דאָס אייגענע מיט זלאַטען. זי קומט צו לויפֿן אין אַ וואָכעדיקן אָוונט אָנגעטאָן אין שבתדיקן קליידל און שיין פֿאַר־קעמט די האָר. די מיידלעך, זעט די מאַמע, ווילן געפֿעלן באַלעקן, אויסנעמען ביי אים. זי אַליין, וואָס אָן אמת, האָט אים אויך גערן. נאָר מיט די מיידלעך איז עפּעס אַנדערש. זי האָט מורא, אַז די אָדער יענע זאָל זיך, חלילה, נישט פֿאַרליבן אין דעם פּאָליאַק. ס'זאָל זיך אַזוי נישט טרעפֿן, טראַכט זי, ווי עס טרעפֿט זיך. עס געפֿעלט איר נישט, וואָס ער פֿירט אָפּ זלאַטען אַלע מאָל. „וויי איז מיר", רעדט די מאַמע אָפּט צו זיך אַליין, „ער איז דאָך נישט קיין ייִד. מענטשן וועלן זען, אַז ער גייט מיט זלאַטען, וועט מען באַלד זאָגן, אַז זי שלעפּט זיך אַרום מיט אַ שייגעץ. מער פֿעלט מיר נישט, נאָר מיין קינד זאָל קריגן אַזאַ שם".

ווי זי האָט גערן באַלעקן, וויל זי פֿונדעסטוועגן ער זאָל זיך אָפּשע־פּען פֿון די מיידלעך און אויפֿהערן אַרויפֿקומען צו איר. נאָר זאָגן באַלעקן ער זאָל אויפֿהערן קומען, דאָס קאָן זי ביי זיך נישט פּועלן. זי זעט אָבער, אַז וואָס מער ער קומט, אַלץ מער זענען די מיידלעך צופֿרידן פֿון זיין קומען. זלאַטע, זעט זי, איז געוואָרן מיט אים זייער היימיש און אַלע מאָל גייען זיי אָוועק צוזאַמען. דאָס, האַלט די מאַמע, איז נישט גוט.

— דו טרעפֿסט נישט אַליין אַהיימצוגיין, נאָר באַלעק מוז דיך אָפּ־פֿירן? — האָט זי איינמאָל געזאָגט צו זלאַטען מיטן האַרבן וואָרט.

— ער דאַרף דאָך אויך אַהיימגיין, וואָס־זשע אַרט דיך, אַז ער פֿירט מיך צו אַ שטיקל וועג? — האָט זלאַטע געענטפֿערט, גלייך ווי ס'וואָלט געוווען נישט מער ווי רעכט, אַז באַלעק זאָל זי אָפּפֿירן.

— מוז ער דאָס אָוועקגיין פּונקט ווען דו גייסט, — זאָגט די מאַמע מיט נישט־באַהאַלטענעם פֿאַרדראָס. — מענטשן זאָלן זאָגן, אַז דו שלעפּסט זיך אַרום מיט אַ שייגעץ!

— וועמען אַרט עס, וואָס עמיצער וועט זאָגן? — פֿאַרקרימט זיך

זלאַטע, וואָס די מאַמע האָט מורא פאַר מענטשן און האָט אָנגערופן באַלעקן „שייגעץ".

— אויב דו וועסט נאָך איין מאָל מיט אים גיין, וועל איך אים זאָגן, אַז זיין פוס זאָל מיין שוועל נישט איבערטרעטן, — ווערט שוין די מאַמע אויף אַן אמתן בייז.

זלאַטע האָט נישט געוואָלט די מאַמע זאָל זיך ערגערן, האָט זי אָפּגערעדט מיט באַלעקן, אַז ער זאָל פאַרלאָזן די שטוב אַביסל פריער און וואַרטן אויף איר אין אַ זייטיק געסל, פון דאָרטן וועלן זיי קאָנען שפּאַצירן און שמועסן.

אויף זייערע לאַנגע שפּאַצירן און שמועסן האָט באַלעק גערעדט וועגן אָרימע מענטשן, וואָס שטייען זיך אויס אַלערליי ליידן און עוולות. ער האָט גערעדט וועגן יושר און געטריישאַפט צום פאָלק, וועגן אָרים און רייך און וועגן דעם, אַז אַלע מענטשן זענען ברידער, יידן און קריסטן באַגלייך. זלאַטע האָט געשלונגען זיינע ווערטער און ער איז דערפון געוואָרן שטאַרק צופרידן.

זלאַטע איז פאַרכאַפּט פון באַלעקס רייד נישט בלויז דערפאַר וואָס ער רעדט אַזוי שיין, נאָר ווייל ער ווייסט אַ סך וועגן מענטשן און וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. זי שלינגט זיינע ווערטער ווי אַ דאָרשטיקער פון אַ לויטערן קוואַל. זי וויל אַלץ מער וויסן, אַלץ מער פאַרשטיין, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, פאַרוואָס מענטשן ליידן און ווי אַזוי מען קאָן מאַכן אַ סוף צו זייערע ליידן. באַלעק קאַרגט נישט קיין ווערטער און קיין מי איר אַלץ קלאָר צו מאַכן. זייערע שמועסן קאָנען זיך גאָר נישט פאַרענדיקן און זי פילט, אַז עס ווערט איר אַלץ שווערער און שווערער פון אים זיך אָפּצורייסן. באַלעקן, זעט זי, אַרט גאָר נישט וואָס זי איז אַ יידישע און אַ דינסטמיידל. זי ווייסט, אַז ער האַלט זי פאַר זיינס גלייכן, אַז ער האָט זי ליב און זי אים אויך.

נאָר פון צייט צו צייט גיט זי זיך אַ כאַפּ, אַז ער איז דאָך פאָרט נישט קיין ייד, איז ווי אַזוי קאָן זי מיט אים חתונה האָבן? די מאַמע וועט דאָך דאָס נישט אויסהאַלטן! ביי אַזוינע געדאַנקען פילט זי ווי אַ קאַלטער שטראָם וואָלט זי באַגאָסן, אָבער אָפּרייסן זיך פון באַלעקן קאָן זי נישט.

איינמאָל, אויף זייער אַ לאַנגן שפּאַציר אין אַ שטילער גאַס, האָט זי זיך דערמאַנט, ווי ער פלעגט אַמאָל אין דאָרף זאָגן פון אויסנווייניק פאַר איר ווערשעס. גיט זי אים פלוצים אַ פרעג:

— דו געדענקסט נאָך די ווערשע, וואָס דו האָסט אַמאָל אַליין גע־מאַכט? „שפּיל מיר פּייפּעלע, שפּיל, פון אַ לעבן אָן אַ ציל", — דער מאַנט זי אים די ערשטע ווערטער.

— ניין, — זאָגט ער, — איך האָב דאָס שוין לאַנג פאַרגעסן. דאָס לעבן האָט מיר אַרויסגעשלאָגן פון קאָפּ די קינדערישע געדאַנקען. איצט וואָלט איך עפּעס אַנדערש געשאַפן.

— וואָס? — פרעגט זי אים נאַאיוו און קוקט אים אין זיינע טיף־בלויע אויגן אַריין.

— איצט, איצט, — זאָגט באַלעק און פאַרטראַכט זיך, — איצט וואָלט איך געזאָגט:

שפּיל מיר, פּייפּעלע, שפּיל
פון אַ לעבן מיט אַ ציל,
פון אַ וועלט אַ שיינע, אַ פרייע,
פון אַ לעבן גאָר אַ נייעם.
מענטש נישט האָבן זאָל קיין פּיין,
אַלע פעלקער זאָלן ברידער זיין.
נישט פון אָרים און נישט פון רייך,
נאָר פון אַלע, אַלע גלייך,
פון אַ מאָרגן מיט דער זון באַגילדט,
וואָלט איך איצט געזונגען און געשפּילט.

אַליין צופרידן פון זיין פּלוצים־געשאַפענער פּאָעמע, האָט ער ביי די לעצטע ווערטער צאַרט אַרומגענומען זלאַטען ביי דער טאַליע און זי צוגעדריקט צו זיך. זי האָט אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל און ביי׳ע האָבן פאַרהאַלטן די טריט און זענען געבליבן שטיין.

— ס׳איז וואונדערלעך, — האָט זי אַרויסגעשעפּטשעט און אים אַ קוש געטאָן אין שטערן, און באַלד האָט זי ווידער פאַרוואָרפן איר קאָפּ אויף זיין אַקסל. ער האָט געגלעט אירע האָר און ביידע האָבן געפילט, ווי זייערע הערצער קומען זיך צונויף און קלאַפּן צוזאַמען.

ווען ס׳האָבן זיך פון ווייטנס דערהערט טריט, האָט זיך זלאַטע אַ צאַפּל געטאָן און זיך אָפּגעריסן פון אים. ער האָט זי אָנגענומען ביי דער גאָמבע און געקוקט איר אין פּנים אַריין. ער האָט צו איר געשמייכלט

מיט ליבשאַפט. זי האָט אָוועקגעדרייט פון אים דעם קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך פאַרשעמט, און געזאָגט:

— ווען עס וואָלט נאָר מעגלעך זיין, אַז דיינע ווערטער זאָלן פאַר־ווירקלעכט ווערן!

— פאַרוואָס נישט? מען דאַרף נאָר שטאַרק וועלן, יאָ, זלאַטעלע, מען דאַרף נאָר וועלן. און דער עיקר, זיך נישט אונטערגעבן דעם שונא, — האָט ער געזאָגט מיט דעם זעלביקן שמייכל אויף די ליפּן.

# III.

# אוים דינסט

# זלאַטע קומט אַהיים

**מיט** מלכה דאַרפמאַן איז זלאַטע געוואָרן זייער נאָענט באַפריינדעט. איינע דער אַנדערער דערציילן זיך סודות און רעדן זיך אַראָפּ פון האַרצן.

מלכה באַקלאָגט זיך, אַז איר געליבטער איז קאַלט צו איר.

— אַמאָל זיץ איך אָפּ מיט אים שעה׳ען אין גאָרטן. געוויינטלעך זעצן מיר זיך אויף אַ באַנק אין אַ טונקעלער אַלייע, וואו עס גייען ווייניק מענטשן. זיצט ער זיך אַזוי רואיק, גאָרנישט ווי קיין געליבטער. אַמאָל פיל איך, אַז איך גיי אויס ער זאָל מיך אַרומנעמען און אַ קוש טאָן. נאָר ער מאַכט זיך נישט וויסנדיק. נאָר אַז עס קומט צום אַוועקגיין, לאָז איך אים נישט גיין ביז ער גיט מיר נישט אַ קוש.

זלאַטע האָט זייער ליב צו הערן פון געליבטע מיט ליבעס, זי ווערט קיינמאָל נישט מיד פון אַזעלכע מעשיות. זי וואָלט אויך געוואָלט דערציילן פון אירע טרעפעניש מיט באַלעקן, זיך באַרימען ווי שטאַרק ער האָט זי ליב, נאָר זי קאָן וועגן דעם נישט רעדן, ווייל ער איז נישט קיין ייד. זי ווייסט, אַז מלכה וועט אויף איר קוקן קרום, שטיקט זי זיך מיט אירע געפילן.

אין דער זעלבער צייט, וואָס עס האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּן און פריי פאַרמירן פאַרשידענע פּאַרטייען, איז אויפגעשוואומען אַ שטאַרקער פאַרלאַנג ביי דער יוגנט זיך צו לערנען. די וואָס האָבן געקענט בלויז יידיש, האָבן זיך מיט דעם נישט צופרידן געשטעלט און געוואָלט קענען אויך פויליש און דייטש. נישט קענען כאָטש אַביסל לייענען און שרייבן די אַנדערע צוויי שפּראַכן איז געווען פּשוט נישט שיין. איינער האָט זיך פאַרקוקט אויפן אַנדערן, מען האָט גערעדט פון לערנען און פון לערער: ווער עס לערנט בעסער, ווער עס האָט די גייסטע און בעסטע מעטאָדן פאַר דערוואַקסענע.

אַדאַנק אָט־דעם אינטערעס צום לערנען, האָבן זיך אַרויסגערוקט נייע פּריוואַטע לערער. ווער עס האָט נאָר עפּעס געקענט, האָט געלערנט אַ צווייטן, וואָס האָט גאָרנישט געקענט. דער דראַנג צו קענטעניש האָט

אויך געפֿונען אַן אויסדרוק אין די אָפֿטע פֿאַרלעזונגען מיט דיסקוסיעס וועגן ליטעראַטור, געשיכטע און פּאָליטישע פֿראַגן. ס'איז געוואָרן אַ מאָדע זיך צו לערנען און צו לייענען ביכער אַפֿילו צווישן די, וואָס האָבן דערצו נישט געהאַט קיין באַזונדערע נייגונג.

מלכה איז מיט לייב און לעבן געוואָרן אַריינגעטאָן אין שפּילן טעאַטער. זי האָט געקענט אַביסל שרייבן און לייענען יידיש, עס האָבן איר אָבער אויסגעפּעלט די אַנדערע צוויי שפּראַכן. קיין געלט צו צאָלן פֿאַר לערנען האָט זי נישט געהאַט, האָט זלאַטע איר אָנגעהויבן ווייזן ווי אַזוי צו שרייבן דעם פּוילישן אַלפֿאַבעט. אין אַ פּאָר וואָכן האָט מלכה שוין געלייענט און געשריבן איינציקע ווערטער. דערפֿאַר האָט זי זלאַטען געגעבן אַ פֿרייען בילעט צו אַלע פֿאַרשטעלונגען וואו זי האָט זיך באַטייליקט, און זי אויך געלערנט טאַנצן.

זלאַטע איז אָבער נישט פֿייאיק צום טאַנצן. אירע פֿיס באַוועגן זיך שווער. זי איז בייז אויף זיך פֿאַרוואָס זי איז אַזוי אומגעלומפּערט און קאָן זיך נישט געבן אַ דריי און אַ שטעל די פֿיס ווי מלכה טוט דאָס. זי האַלט זיך, דאַכט זיך איר, אין איין פּלאָנטערן ביים אויסטאַנצן אַ קאַנטער צי אַ שער. זי איז מקנא מלכהן ווי פֿלינק, בייגעוודיק און לייכט יענע באַוועגט איר קערפּער, ווי שיין זי שטעלט דעם שפּיץ פֿוס, ווי חנעוודיק עס איז איר טראָט און ווי גוט זי געדענקט אויסצופֿירן יעדן טאַנץ.

— איך וועל קיינמאָל נישט געדענקען די אַלע באַוועגונגען, — זאָגט איר זלאַטע.

מלכה קאָן גאָר נישט פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס זלאַטען איז אַזוי שווער איבערצונעמען אַ טריט און צו געדענקען, ווען מען דאַרף זיך געבן אַ דריי אַהער צי אַהין. דערפֿאַר איז זי אָבער שטאַרק צופֿרידן ווי אַזוי זלאַטע לערנט מיט איר, ווי גוט זי גיט איר צו פֿאַרשטיין דעם אויסלייג. יעדעס וואָרט לייגט זי איר ממש אַריין אין קאָפּ אַריין, אַזוי אַז זי מוז עס געדענקען. נאָך יעדער לעקציע פֿילט זי, אַז זי האָט עפּעס געלערנט.

— דו ווייסט, זלאַטע, וואָס מיר פֿאַלט איין? — זאָגט איינמאָל מלכה צו איר. — דו וואָלסט געקאָנט זיין אַן אויסגעצייכנטע לערערין. ווי אַזוי דו גיסט איבער, קאָן אַפֿילו אַ גראָבער קאָפּ אויך באַנעמען.

— דו מיינסט דאָס טאַקע אויף אַן אמתן? — פֿרעגט זלאַטע מער פֿון צופֿרידנקייט ווי פֿון צווייפֿל, און אירע אויגן צעגלאַנצן זיך פֿון דעם לויב.

— אויף מיינע נאמנות, איך מיין עס גאַנץ ערנסט, — שווערט זיך מלכה, און אין זלאַטען קוועלט אַן די נשמה. זי מישט אויף דאָס ביכל און נעמט זיך לערנען מיט מלכהן מיט נאָך מער ברען ווי פריער. דער געדאַנק, אַז זי קאָן זיין אַ לערערין, איז זלאַטען אַריין שטאַרק אין קאָפּ. פאַנטאַזיעס פון גרויסע אויפטוען האָבן זיך אָנגעהויבן ביי איר וויקלען אין מוח. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אין אָט־די פאַנטאַזיעס צו ווערן אַ לערערין, ווי איינער, וואָס טרינקט זיך, כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרוי. זי האָט ענדלעך פאַר זיך געזען אַן אויסוועג פּטור צו ווערן פון איר ביטערער לאַגע פון אַ דינסטמיידל.

וואָכן זענען געלאָפן און וואָס ווייטער עס האָט זיך אָפּגערוקט די צייט, אַלץ ערנסטער האָט זלאַטע געגומען טראַכטן וועגן ווערן אַ לערערין. זי איז אָבער נישט געווען גענאַרט וועגן איר אייגענעם קנאַפּן וויסן. אין דער זעלבער צייט האָט אָבער דער גלויבן אין אירע פייאיקייטן זיך ביי איר געשטאַרקט. וואָס בעסער מלכה האָט געלייענט און גע־שריבן, וואָס קלאָרער זי האָט באַנומען די כללים פון גראַמאַטיק, אַלץ מער איז זלאַטע געווען צופרידן פון אירע אייגענע פייאיקייטן. ווען זי האָט נאָר די מעגלעכקייט, האָט זי אָנגעהויבן טראַכטן, זיך מער פאַר־טיפן אין איר אייגענעם לערנען, וואָלט זי טאַקע געקאָנט ווערן אַ לערערין. פאַרוואָס נישט? זיכער וואָלט זי געקאָנט לערנען מיט אַזעלכע ווי מלכה, וואָס קענען גאָרנישט.

זי ווייסט אָבער, אַז אין דער פרעמד וועט זי קיין סך נישט דער־גרייכן. זי האָט נישט גענוג צייט צו מאַכן אירע לעקציעס און צו לייענען. כדי זיך צו לערנען אויף אַן אמת מוז זי אַוועקגיין פון דער שטעלע, זיין אין דער היים און אַוועקגעבן איר גאַנצע צייט אויף לערנען זיך.

פון דעם זמן, טראַכט זי, האָט זי נאָך דאָס גאַנצע געלט ביי וויינ־פעלדן. עטלעכע רובל קומט איר ביי דער עלטסטער שוועסטער. דאָס ברוינע וואָלענע קליידל, וואָס זי האָט זיך געמאַכט אויף פּסח, איז ניי; די לעדערנע שיך זענען נאָך אויך כמעט ניי, זי איז זיי געגאַנגען בלויז עטלעכע מאָל. די אַלטע לייוונטענע שיך קאָנען קלעקן נאָך אויף אַ שטיק צייט אויף אַרומצוגיין אין שטוב. פאַר דעם געלט, וואָס זי וועט צוזאַמענגעמען, וועט זי האָבן אויף אַ יאָר צו צאָלן פאַר לערנען. זי וועט זיך אָנדינגען ביי אַ בעסערער לערערין, זי וועט אַרבעטן אויף אירע לעקציעס טאָג און נאַכט.

— דו ווייסט, מאַמע, — זאָגט זי איינמאָל אין אַ שבת צו דער

מוטער, — איך טראַכט נאָך דעם זמן אַהיימצוקומען און זיך לערנען אַזוי לאַנג ווי איך וועל האָבן צו צאָלן, דערנאָך וועל איך אפשר קאָנען געבן לעקציעס.

די לעצטע ווערטער האָט זי אַרויסגערעדט שטילער, מיט אַ האַלב מויל, ווי זי וואָלט זיך פאַרשעמט פאַר דעם אַרויסגעזאָגטן געדאַנק.

— דו ווילסט דווקא אַהיימקומען, — זאָגט די מאַמע, — קום. דאָס שטיקל טרוקן ברויט מיט דער פאַסטנער קאַרטאָפליע, וואָס איך עס וועסטו אויך עסן, מער קאָן איך דיר נישט געבן.

כאָטש די מאַמע הייסט זלאַטען אַהיימקומען, איז זי אָבער אין האַרצן נישט איינשטימיק מיט איר איינפאַל. זי האָט מורא, אַז זלאַטע וועט שפּעטער חרטה האָבן. ביי ווײַנפעלדן האָט זי זייער אַ גוטע שטעלע. אַז זי וועט חלילה מוזן ווידער גיין אין דער פרעמד, וועט זי קיינמאָל נישט קריגן אַזאַ אָרט.

צו דעם האָלט דאָבע אין איין אויסרעדן דער מאַמען פאַרוואָס זי דערלאָזט עס:

— מען מוז נישט נאָכגעבן אַלע אירע משוגעתן. אַז זי וועט זיצן אין דער היים און עס וועט נישט זיין קיין שטיקל ברויט, וועלן אַלע דערפון ליידן. די פאָר רובל, וואָס זי האָט, וועלן זיך אויסלאָזן איידער מען וועט זיך אומקוקן. און ווי קומט צו אַ מיידל פון איר שטאַנד צו וועלן זיין אַ לערערין? דאָס איז נישט מער ווי אַ ווילדער איינפאַל!

דער מאַמען דאַכט זיך, אַז דאָבע איז נישט אומגערעכט. ווי קומט עס טאַקע צו איר? די מאַמע פילט אָבער, אַז זי קאָן זלאַטען נישט זאָגן ניין. יענע וועט איר פאַרווײַנען דעם קאָפּ און שפּעטער דאָס גאַנצע לעבן אפשר האָבן צו איר טענות.

איינמאָל נאָך זלאַטעס אַוועקגיין קומט אַריין ר׳ סענדער זיסמאַנס מאַמע פון איבער דער וואַנט. זי זעט אויף סימעס פּנים, אַז יענע איז פון עפּעס באַזאָרגט, פרעגט זי:

— וואָס זעט איר אויס עפּעס אַזוי שלעכט?

— אָט, גאָרנישט. מען איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש. אַמאָל דריקט עפּעס אויפן האַרצן.

— עפּעס מיטן געזונט?

— ניין, מיין זלאַטע דולט מיר אַ קאָפּ. עס איז איר איינגעפאַלן, אַז זי וויל נישט זיין מער אין דער פרעמד, זי וויל זיך לערנען.

— לערנען איז דאָך אַ גאַנץ פיינע זאַך, — זאָגט די אַלטע, — וואָס־זשע דאַרפט איר זיך ערגערן?

— איר זענט גערעכט, עס איז אַ פיינע זאַך. עס וואָלט געווען גוט, ווען די מאַמע אירע וואָלט געווען רייך, זי זאָל איר כאָטש קאָנען געבן עסן און קליידן. ווער שמועסט נאָך, ווען איך קאָן צאָלן פאַר איר לערנען, איז פאַרוואָס נישט? אָבער ווי קאָן איך אַזוינס באַווייזן? איך בין דאָך נישט זיכער מיט מיין גילדן פאַרדינסט, איצט גייט צו זומער, אין דער צייט איז אַלעמאָל דאָ ווייניק אַרבעט, איז צו וואָס, אומשטיינס־געזאָגט, האָט זי אַהיימצוקומען, צום דלות?

— נישקשה, גאָט וועט העלפן, — טרייסט זי די אַלטע. — אַז אַ קינד וויל גיין אויף אַ גוטן וועג, דאַרף מען איר העלפן. אַ שטעלע וועט זי אַלעמאָל קריגן, נישט דאָ איז ערגעץ אַנדערש. הלוואי וואָלטן מיינע אייניקלעך געוואָלט זיך לערנען. זיי שטופט מען מיט גוואַלד. עס קאָסט אָפּ אַ פאַרמעגן און זיי ווילן נישט מאַכן די לעקציעס, כאָטש טו זיי עפּעס. איך האָב מורא, דער קליינער יונג וועט דאָס מאָל ווידער איבערבלייבן אויף נאָך אַ יאָר אין זעלבן קלאַס. איז וואָס האָט איר צום מיידל? אָבי זי גיט זיך, חלילה, נישט אָפּ מיט די דייטשן. איר האָט צוויי מיידלעך, גראָטענע מיידלעך, אַזאַ יאָר אויף מיר. אייער באָשקע איז דאָך אַ שטילע טויב. היינטיקע צייטן איז בעסער צו האָבן אַ מיידל אין שטוב אויף די אויגן איידער אין דער פרעמד. איר ווייסט דען וואָס עס טוט זיך אָפּ אין שטאָט?

די אַלטיטשקע טרייסלט מיטן קאָפּ בשעת זי רעדט. — ציפּעס טאָכטער פון אַנטקעגנאיבער האָט איר געקענט? — גיט זי פּלוצים אַ פרעג.

— יאָ, אַוודאי. אַ שיין מיידל, ווי גאָלד. וואָס איז דען?

— וואָס עס איז, זאָל שוין אַזעלכעס ביי קיין שום יידישער מאַמען נישט זיין, — קרעכצט די אַלטע.

— דהיינו, וואָס אַזעלכעס איז געשען?

— זי איז געווען אַ פיין קינד, איך דאַרף אייך נישט זאָגן, אָבער אַז מען האָט דעם פאָטער אַוועקגענומען אויף דער מלחמה און ציפּע איז געבליבן מיט די פיר קינדער, און קיין גרויסע בריה איז זי נישט, האָבן זיי נעבעך געהונגערט. איז דאָס מיידל געגאַנגען אַרבעטן אין אַ קאַפע. אַזוי אַרום האָט זי זיך צוגעלאָזט צו די דייטשן און זי האָט געקראָגן די ריכטיקע קרענק. זי איז שוין עטלעכע חדשים אין שפּיטאָל. מען

שמועסט אין שטאָט, אַז מען וועט זי דערשיסן. די דייטשן, אַז זיי זעען מען קאָן איינעם נישט אויסהיילן, דערשיסן זיי. מ'האָט שוין איינע אַזאַ דערשאָסן.

— וואָס רעדט איר?! — לייגט סימע אַוועק די הענט אויפן קלייד וואָס זי נייט און קוקט אָן די אַלטע מיט גרויס פאַרוואונדערונג.

— דאָס וואָס איר הערט. ס'איז מיר אַ וואונדער, וואָס איר ווייסט נישט דערפון. די גאַנצע שטאָט רעדט דאָך פון איר. זי איז נישט די איינציקע. עטלעכע זענען אין שפּיטאָל מיט דער זאַראַזע. אַ מאַמע ווייסט גאַרנישט ווי גליקלעך זי איז, אַז זי האָט אַזעלכע מיידלעך ווי אייערע זענען.

סימע האָט זיך ווידער גענומען צום נייען. פון דער אַלטערס רייד איז איר גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן.

זלאַטען שרעקט אויך דער געדאַנק, אַז סוף כל סוף וועט זי ווידער מוזן גיין דינען. זי קאָן אָבער פאַר קיין פאַל זיך נישט צוריקהאַלטן פון פראַ־בירן, ווייל זי קאָן זיך גאַרנישט פאַרשטעלן קיין ערגערן גורל, ווי צו בלייבן אַ דינסט. יאָ, טראַכט זי, זי וועט עסן טרוקן ברויט מיט אַ פאַסטנער קאַרטאָפליע, זי וועט גיין באָרוועס, נאָר זי וועט מער קיין דינסט נישט זיין. זאָלן די וואָס האַלטן אַז אַ דינסטמיידל איז קיין מענטש נישט, זען אַז נישט נאָר קאָן זי זיך אַליין לערנען, נאָר זי קאָן לערנען אויך אַנדערע. יאָ, זי וועט זיי באַווייזן, אַז זי איז אַ מענטש מיט מענטשן גלייך.

אַז זלאַטע נעמט זיך עפּעס אַריין אין קאָפּ, איז נישט לייכט פון איר דאָס אַרויסצושלאָגן. נישט אומזיסט זאָגן די עלטערע קינדער, אַז זי איז אַן עקשן. נאָך איידער דער זמן האָט זיך פאַרענדיקט, האָט זי זיך באַדונגען ביי אַ באַוואוסטער לערערין, וועלכע האָט גערעכנט אַ הויכן פּרייז פאַר אירע לעקציעס.

די שטעלע האָט זי אָבער אויפגעגעבן נישט מיט קיין גרינגן געמיט, בפרט נאָך, אַז קיינער האָט איר נישט געגעבן גערעכט. ווער עס האָט געהערט, וואָס זי פאַרנעמט זיך צו טאָן, האָט זי אויסגעלאַכט. הינטער אירע אויגן האָט מען געזאָגט, אַז נאָר אַזאַ גלאָמפּ ווי זי איז קאָן איינ־פאַלן צו פאַרלאָזן אַזאַ גוטע שטעלע און גיין אַוועקצאָלן די לעצטע אָפּגעשפּאָרטע רובל פאַרן לערנען. אָן איינפאַל פון אַ דינסטמויד זיך אַריינצולאָזן אין אַזעלכע פּוסטע פאַנטאַזיעס! אַזוי האָט צו איר געטענהט אויך דאָבע, די עלטסטע שוועסטער אירע.

דאָס האָט זלאַטען שווער געמאַכט דאָס האַרץ, אָבער עס האָט אין דער

אייגענער צייט נאָך מער געשטאַרקט איר ווילן צו באַווייזן, אַז זי איז נישט משוגע און נישט אַזאַ נאַר, ווי מען וויל איר איינרעדן.

די טעג זענען שוין געוואָרן לאַנגע, ליכטיקע און וואַרעמע. זלאַטע האָט פונעם ערשטן טאָג אָן, וואָס זי איז אַהיימגעקומען, זיך אַריינגעטאָן מיט איר גאַנצן ווען אין דעם לערנען. זי האָט געליינט, געשריבן און איבערגעשריבן. מאַכן אַ גרייז איז ביי איר געוואָרן אַ נידערלאַגע, אַ שרעקלעכע זאַך, און זי האָט שווער געאַרבעט זי זאָל נישט מאַכן צוויי מאָל דעם זעלבן גרייז. די נייע לערערין האָט געזען מיט וואָס פאַר אַ ווילן און פלייסיקייט זלאַטע נעמט־אויף די לעקציעס, זאָגט זי איינ־מאָל צו איר:

— דו קאָנסט פאַרנעמען מער ווי איך גיב דיר. קריג אַ געאָגראַפיע און אַ פוילישע היסטאָריע, וועלן מיר זיך פאַרנעמען אויף אַ ברייטערן וועג, גיין ווייטער.

ווען זלאַטע האָט דאָס דערהערט, האָט איר האַרץ אַ פלאַטער געטאָן און אַ געפיל פון פרייד האָט זיך צעגאָסן איבער אירע גלידער. זי וועט זיך לערנען פון היסטאָריעס מיט געאָגראַפיעס!

אָבער אַזעלכע ביכער קאָסטן מן הסתם אַ סך געלט, האָט זי אַהיים־גייענדיק געטראַכט. זי קאָן זיך נישט דערלויבן זיי צו קויפן. זי מוז דאָך אָפּהיטן יעדן גראָשן, צו האָבן צו באַצאָלן דער לערערין, איז וואו וועט זי נעמען די ביכער? נאָר דער געדאַנק וועגן לערנען פון אַזעלכע ביכער הייבט זי אויף צו די הימלען.

יענע נאַכט האָט זי נישט געקאָנט איינשלאָפן און נאָר געטראַכט וועגן די ביכער, וואָס זי דאַרף זיי אַזוי נייטיק האָבן און זי ווייסט נישט וואו זי קאָן זיי קריגן. זי איז אויפגעשטאַנען אַ צערודערטע. עס איז ערב שבת. באַשקע, די שוועסטער אירע, זאָגט איר ביזלעך:

— נעם שוין קאַלעך אָפּ דעם קוימען און וואַש אָפּ די פּאָדלאָגע, לאָז נישט אויף פאַרנאַכט, ווי דיין שטייגער איז.

נאָר זלאַטע הערט נישט וואָס באַשקע רעדט צו איר. איר געדאַנק איז פאַרנומען מיט די ביכער; ווי אַזוי זיי צו קריגן, עס זאָל איר נישט קאָסטן קיין געלט.

אין דעם לויפט רבקה פאַרביי דעם פענצטער. זי טראָגט צו דער באָבען דאָס דרייערל אויף שבת. זי וועט דערציילן רבקהן וואָס איר לערערין האָט איר געזאָגט, פאָלט איין זלאַטען. ס'קאָן זיין, אַז רבקה וועט איר אויסבאָרגן די ביכער!

נאָך איידער זי באַוויזט אַרויסצוגיין אויפן באַלקאָן און זי אָפּ־וואַרטן, איז שוין רבקה נישטאָ ביי דער באָבען. אַ פאַרלוירענע בלייבט זלאַטע שטיין, זי ווייסט נישט ווי אַזוי זי זאָל צוקומען צו רבקהן. אַריינ־גיין צו די זיסמאַנס אין הויז און רעדן וועגן דעם מיט רבקהן, שעמט זי זיך. ווען זי ווייסט כאָטש ווען דינצע איז נישטאָ אין הויז, וואָלט זי אפשר געגאַנגען, נאָר ווי אַזוי קאָן זי רעדן מיט רבקהן וועגן ביכער, אַז דינצע איז דאָ דערביי?

זי האָט זיך אַזוי לאַנג געשלאָגן מיט דער דעה, ביז זי האָט סוף כל סוף באַשלאָסן אַריינצוגיין אַהין. ווען זי איז צוגעקומען צו דער קיך־טיר, איז זי געבליבן שטיין, אַזוי ווי מ'וואָלט איר די פיס אונטערגעהאַקט. זי פילט, אַז איר פנים פלאַמט און דאָס האַרץ זעצט ווי מיט אַ האַמער. איר דאַכט זיך, אַז אַלע קינדער און דינצע מיט ר' סענדערן זענען איצט דאָ אין הויז, אַלע וועלן קוקן אויף איר מיט מאָדנע אויגן. זי לייגט צו אַן אויער צו דער טיר, זי הערט, אַז מען רעדט און עס רודערט זיך דאָרט, און זי דרייט זיך אויס, גרייט צו גיין צוריק. זי האָט פאַרלוירן די ווער־טער, וואָס זי האָט געוואָלט זאָגן צו רבקהן.

ווידער דרייט זי זיך אַרום אויפן לאַנגן באַלקאָן. זי זעט דורך די פענצטער, ווי די אַלטיטשקע, רבקהס באָבע, שאָבט אַ בוריק. פּלוצים דערהערט זי, אַז עמיצער לויפט אויף די טרעפּ. זי גיט אַ קוק, עס איז רבקה! איצט טראָגט זי דער באָבען אַן איי מיט אַ קריגעלע סמעטענע צו פאַרווייסן דעם באָרשטש. ווייזט אויס, אַז די באָבע האָט זי געבעטן דאָס אַרויפצוברענגען. עס איז די ניין טעג, עסן די באָבע און דער זיידע בלויז מילכיקס.

— וואָס מאַכסטו? איך האָב דיך שוין לאַנג נישט געזען, — דער־פרייט זיך רבקה מיט זלאַטען און בלייבט שטיין אויפן באַלקאָן מיטן איי אין איין האַנט און מיטן קריגעלע סמעטענע אין דער צווייטער.

— וואָס זאָל איך מאַכן? — ענטפערט זלאַטע שטיל און עס טיאָכקעט איר דאָס האַרץ. זי ווייסט נישט ווי אַזוי זי זאָל אָנהייבן רעדן וועגן די ביכער, וואָס זי וויל ביי איר.

— ווי קומסטו איצט צו זיין ביי דער מאַמען? דו האָסט דען נישט קיין אַרט? — שטעלט איר רבקה איין פראַגע נאָך דער אַנדערער.

— שוין עטלעכע וואָכן, אַז איך בין דאָ אין דער היים, — זאָגט זלאַטע און קוקט אַראָפּ אין די שפּאַרעס פון געלעכערטן באַלקאָן. זי פאַרהאַלט מיטן פוס אַ שטיקל פּאַפּיר, וואָס דער ווינט האָט פאַריאָגט

אויפֿן באַלקאָן. ווען זי זעט, אַז רבקה הייבט שוין אָן אָוועקצוגיין, הייבט זי אויף די אויגן און זאָגט:

— איך וויל אייך עפּעס בעטן.

— וואָס? — בלייבט רבקה שטיין און קוקט אויף איר מיט נייגער.

— איר קאָנט מיר אפֿשר לייען אַ היסטאָריע מיט אַ געאָגראַפֿיע?

— איך האָב דיר שוין טויזנט מאָל געזאָגט דו זאָלסט צו מיר נישט רעדן אויף איר, — גיט זיך רבקה אַ בייזער. — פֿאַר וועמען דאַרפֿסטו דאָס אַזעלכע ביכער?

— פֿאַר קיינעם נישט. מיין לערערין האָט מיר געזאָגט, אַז זי וויל מיך דאָס לערנען, — זאָגט זלאַטע אַ פֿאַרשעמטע. זי לאָזט ווידער אַראָפּ דעם קאָפּ און קוקט אויפֿן שטיקל פּאַפּיר, וואָס זי האָט מיטן פֿוס פֿאַרהאַלטן.

— אַ היסטאָריע מיט אַ געאָגראַפֿיע פֿאַר דיר? — קוקט זי רבקה אָן מיט נישט־גלויבנדיקע אויגן.

זלאַטע דרייט זיך צו איר אויס עטוואָס מיט אַ זייט. זי האָט פֿיינט, אַז מען קוקט זי אָן מיט אַזעלכע אויסגעסטאַרטשעטע אויגן.

רבקה דערפֿילט, אַז זי טוט נישט גלייך, אַז זי פֿאַרשעמט זלאַטען מיט דעם פֿרעגן.

— איך האָב נישט וואָס דו דאַרפֿסט, אָבער איך קאָן דאָס קריגן פֿאַר דיר ביי מיינער אַ קאָלעזשאַנקע, — זאָגט זי שוין מיט אַן אַנדער טאָן. איר בליק ווערט מילדער און זי לויפֿט אַריין צו דער באָבען.

זלאַטע וואַרט מיט אומגעדולד צו קריגן די ביכער. ס'איז שוין דער דריטער טאָג און רבקה ווייזט זיך נאָך אַלץ נישט. אַריינגיין אין שטוב פֿרעגן, האָט זי נישט קיין חשק. זי ווייסט, אַז דינצע וויל נישט ליידן וואָס רבקה גיט זיך אָפּ מיט איר. ווער ווייסט, טראַכט זי, צי רבקה קאָן פֿאַר איר קריגן די ביכער? אפֿשר האָט זי זיך גאָרנישט נאָכגעפֿרעגט? אפֿשר האָט זי אינגאַנצן פֿאַרגעסן זיך נאָכצופֿרעגן נאָך זיי? איז, צו וועמען זאָל זי זיך איצט ווענדן?

# זלאַטעס איבעראַשונג

תשעה באב זיצט זלאַטע ביים אָפענעם פענצטער אַריינגעטאָן אין שרייבן אַ קאָמפּאָזיציע. ס'איז שוין ווייט נאָך האַלבן טאָג. זי פּילט גאָרנישט אַז זי האָט נאָך נישט געגעסן, אַז זי פּאַסט. די מאַמע איז אַוועק קויפן פּאָדעם צום נייען, באַשקע איז אויך אַוועק אין גאַס. אין שטיבל איז שטיל, מען הערט נאָר ווי די פליגן זשומען. זיי זעצן זיך אויף אירע באָרוועסע פיס, אויף די נאַקעטע הענט און גיבן איר אַלע ווײַלע אַ שטאָך ווי מיט אַ שפּילקע. זי האַלט זיי אין איין טרייבן פון זיך און דאָס שטערט איר אין דער אַרבעט.

אין דרויסן איז שטיל און ליכטיק. די זון שאַרט זיך פּאַמעלעך אויף אַ לויטערן הימל, שפּילט זיך מיטן אייזערנעם, פאַרזשאַווערטן אָנלען פון באַלקאָן און שפּרייט אויס גאָלדענע שטראַלן איבער די געלעכערטע ברעטער, ווי עס וואָלטן זיך געצויגן בענדער, וואָס גרייכן דורך דער אָפענער טיר אויף דער פּאָדלאָגע אין שטיבל אַריין.

אין דער שטילקייט דערהערט זלאַטע פּלוצים, אַז מען לויפט אויף די טרעפּ. עטלעכע פּאָר פיס קלאַפּן האַסטיק. זי הייבט אויף דעם קאָפּ, פאַרהאַלט די האַנט פון שרייבן און מיט אַמאָל גיבן זיך אַ לאָז אַריין אין דער מאַמעס שטיבל פיר מיידלעך — רבקה מיט נאָך דריי גימנאַזיסטקעס. אַלע טראָגן ווייסע קעלנערלעך איבער זייערע זומער־קליידלעך. רבקה האַלט אַ גרויסן פּאַק ביכער. זי גיט זיי אַלע אַ לייג אַוועק אויפן טיש פאַר זלאַטעס אויגן.

— דאָ האָסטו — גיט זי אַ וווּיז — גרעצס יידישע געשיכטע, דאָס איז די פּוילישע געשיכטע, אַ פּוילישע גראַמאַטיק, אַן אַריפמעטיק...

זי רעכנט איר אויס נאָך ביכער, וואָס זלאַטע פאַרשטייט גאָרנישט זייער באַטייט; באַטאַניק און נאָך אַזוינע אומבאַקאַנטע ווערטער.

זלאַטע האַלט אירע הענט אויפן פּאַפּיר פון דער געשריבענער קאָמ־פּאָזיציע, ווי זי וואָלט באַהאַלטן פאַר די אומבאַקאַנטע גימנאַזיסטקעס אירע אַרויסגעבראַכטע געדאַנקען.

רבקה זעצט זיך אַוועק אויף דעם איינציקן ליידיקן בענקל, די אַנדערע דריי מיידלעך שטייען און רעדן נישט קיין וואָרט.

נאָך דעם וואָס רבקה האָט אויסגערעכנט די ביכער, זאָגט זי:

— פּאָלע — און ווייזט איר אָן אויף דעם העל־בלאָנדן הויכן מיידל, — וועט דיך צוויי מאָל אַ וואָך לערנען באָטאַניק און געאָגראַפיע. טאָשקע — ווייזט זי איר אָן אויף דער ברונעטקע מיט גרויסע פאַרחלומטע אויגן — וועט דיר געבן געשיכטע, און בראָניע וועט דיך לערנען מאַטעמאַטיק. זי איז די בעסטע אין קלאַס אויף מאַטעמאַטיק. און איך וועל דיך לערנען פּויליש. דייטש וועט דיך לערנען גרינפּאָגל. ס'איז גוט, וואָס מיר האָבן אים פאַר דיר געקראָגן. ער האָט געלעבט יאָרן אין דייטש־לאַנד, קאָן ער אויסגעצייכנט די שפּראַך. דו קאָנסט שוין אָפּזאָגן דיין לערערין, מיר וועלן דיך לערנען, — פאַרענדיקט זי מיט שטאָלץ. — פאַרשרייב וועלכע טעג און די שעה'ען דו דאַרפסט צו וועמען גיין.

זלאַטע קוקט צעטומלט אויף רבקהן. זי ווייסט נישט וואָס ס'איז דאָ פּלוצים געוואָרן. זי באַנעמט נישט רבקהס רייד, זי קאָן זיך נישט פאָר־שטעלן, אַז די אַלע מיידלעך וועלן זיין אירע לערערינס, וועלן איר געבן אומזיסטיקע לעקציעס.

רבקה רעכנט איר אויס די טעג מיט די שעה'ען וואָס יעדע פון די מיידלעך וועט איר געבן און זאָגט צו איר נאָך אַ מאָל:

— פאַרשרייב, דו דאַרפסט דאָס געדענקען.

נאָר זלאַטע פאַרשרייבט נישט. זי ווייסט, אַז אַזעלכע זאַכן וועט זי נישט פאַרגעסן.

— איך וועל געדענקען, — זאָגט זי שטיל מיט אַ ציטערדיקער שטים, ווי זי וואָלט זיך דערשראָקן פאַר דער אומגעריכטער געשעעניש.

נאָך דעם ווי די מיידלעך האָבן פאַרלאָזט דער מאַמעס שטיבל, האָט זלאַטע ערשט אָנגעהויבן באַגרייפן וואָס דאָ איז פאַרגעקומען: מען פאַרנעמט זיך זי צו לערנען אָן געלט. עס וועט איר גאָרנישט קאָסטן. זי קוקט און קוקט אויפן פּאַק ביכער, וואָס ליגן צעוואָרפן אויפן טיש, און זי ווייסט נישט אויף וואָס פאַר אַ וועלט זי איז. אָט האָט זי זיך געמאַטערט אַנצוהאַלטן איין לערערין, און אָט האָט זי גאַנצע פינף! וועגן אַזאַ גליק האָט זי אַפילו נישט געחלומט. היינט די ביכער מיט די קעגנשטאַנדן, וואָס זי וועט לערנען! נישט אַנדערש, נאָר די גאַנצע מעשה איז בלויז אַ חלום.

ווען די שוועסטער זענען אַהיימגעקומען, האָט זלאַטע גענומען דער־

ציילן וועגן דעם גרויסן גליק, וואָס ס'האָט זי געטראָפן. זי האָט גערעדט גיך, מיט אַ שווערן סאַפּענדיקן אָטעם. זי האָט געוואָלט אַלץ דערציילן, נישט דורכלאָזן די מינדסטע קלייניקייט.

ביידע שוועסטער קוקן זי אָן ווי אַ משוגענע און פאַרשטייען נישט וואָס זי רעדט.

— וואָס בעבעסטו? מען פאַרשטייט דאָך נישט קיין וואָרט! — בייזערט זיך אויף איר די עלטסטע. דאָבען קומט פאַר, אַז זלאַטע האַקט אַ קאָפּ מיט נישט־געשטויגענע, נישט־געפלויגענע זאַכן.

זלאַטע כאַפּט אָפּ דעם אָטעם און הייבט אָן אויף דאָס ניי דערציילן, נאָר מיט אַ רואיקערן טאָן, וועגן רבקהן מיט די גימנאַזיסטקעס און די ביכער, און וואָס זיי האָבן איר געזאָגט. די שוועסטער הערן־אויס די מעשה און גיבן ביידע אויף אַ מאָל אַ שיס־אַרויס מיט אַ גרויס געלעכטער.

זלאַטע בלייבט שטיין ווי צעמישט. זי פילט, אַז איר בלוט ציט זיך איר אָפּ פון פּנים, די פיס גיבן זיך איר אַזש אַ טרייסל. דאָס געלעכטער פון די שוועסטער טוט איר וויי ביז בלוט.

— זיי האָבן שוין גאָר נישט וואָס צו טאָן נאָר אין דיין גלאָמפּע־וואַטן קאָפּ שטופּן בילדונג! — זאָגט די עלטסטע מיט חוזק.

— ווער האָט זיי געצוואונגען צו קומען צו מיר? — ענטפערט זלאַטע מיט אַ פאַרביטערטן, האַלב־פאַרצווייפלטן טאָן.

— פערד וואָס דו ביסט! דו גלייבסט אַלץ וואָס מען זאָגט דיר. פאַרוואָס זאָלן זיי דיך לערנען אָן געלט? אפשר וועלן זיי דיר געבן עטלעכע לעקציעס, אָבער אויסשטעלן אויף זייערע צוזאָגן איז נאַריש, — כאַפּט זי אָביסל אויף צוריק. — מיר האָט אויך אַמאָל אַ סטודענטקע צוגעזאָגט צו לערנען אָן געלט. האָט זי מיר געגעבן דריי לעקציעס און מיט דעם האָט זיך עס געענדיקט. און דו, גולם וואָס דו ביסט, פרייסט זיך שוין. אַ גליק האָט דיך באַטראָסקעט!

— אַז אַ מענטש נעמט זיך נאָר נאַרישקייטן אין קאָפּ אַריין. וואָלסט בעסער איינגעווייקט אָביסל קאַלך צו פאַרקאַלכן דעם אויוון, — דערמאָנט איר באַשקע, אַז זי האָט בילכערע אַרבעט. — פאַרגעס נישט, אַז עס איז פאַר שבת נחמו. מאָרגן דאַרפסטו צוראַמען די שטוב. — זי זאָגט דאָס מיט אַ ברוגזן טאָן, אַלעמאַי זלאַטע איז נאָר אַריינגעטאָן אין לערנען און האָט נישט אינזינען די שטוב, און אַנדערע מוזן טאָן איר אַרבעט.

זלאַטען האָט פון אָט־די רייד אָפּגענומען דאָס לשון. זי איז געבליבן שטיין, ווי מען וואָלט זי אָפּגעשמיסן.

עס קאָן זיין, אַז דאָבע איז טאַקע גערעכט, האָט אַ געדאַנק געגעבערט איר מוח. נאָר אַפילו אַ פּאָר לעקציעס איז אויך גוט, האָט זי באַלד געפּרואווט זיך אַליין טרייסטן. זי האָט שוין אָבער פאַרלוירן דעם מוט אַפילו דער מאַמען צו דערציילן, וואָס עס האָט פּאַסירט. אפשר האָבן יענע טאַקע געמאַכט חוזק פון איר? אָבער רבקה, טראַכט זי, איז דאָך נישט קיין חוזק־מאַכערין און זי האָט דאָך גערעדט צו איר מיט אַזויפיל ערנסטקייט. ניין, ס'איז נישט קיין חוזק!

אָבער די חוזק־רייד פון די שוועסטער האָבן זי פאַרט שטאַרק צע־טומלט. זי האָט שוין אָנגעהויבן טראַכטן, אַז אפשר זאָל זי נישט אָפּזאָגן איר באַצאָלטע לערערין, פון וועלכער זי איז שטאַרק צופרידן.

נאָר די ליבע רבקה דערלאָזט נישט, אַז זלאַטע זאָל לאַנג צווייפלען. באַלד אויף מאָרגן נאָך שקאָלע קומט זי אַרויף צו העלפן זלאַטען איינ־שטעלן די אַרבעט, און ווייזן ווי אַזוי זי זאָל זיך צוגרייטן צו די לעקציעס.

זלאַטע זעט מיט וואָס פאַר אַן איבערגעגעבנקייט רבקה באַשעפטיקט זיך מיט איר, ווערט איר דערפון מחיהדיק וואַרעם אויפן האַרצן. פון אירע פריערדיקע ספקות איז שוין קיין שפור נישט געבליבן.

נאָך דעם ווי זלאַטע האָט דורכגעמאַכט עטלעכע לעקציעס מיט אַלע לערערינס, איז רבקה אַרויפגעקומען, איבערגעקוקט וואָס זיי האָבן מיט איר געלערנט און ווי אַזוי זלאַטע האָט געמאַכט די אַרבעט. זי פרעגט זי אויס, פאָרשט נאָך צי זי איז צופרידן מיט די לערערינס. רבקה פאַרברענגט זייער לאַנג אין דער מאַמעס שטיבל, זי ווערט גאָר נישט מיד אַרויסצוהעלפן זלאַטען. חוץ דעם וואָס זי לערנט מיט איר פויליש, ווי זי האָט זיך אונטערגענומען, העלפט זי איר אויך מיט אַלע אַנדערע קעגנשטאַנדן. זי קאָנטראָלירט אַפילו דורך ווי אַזוי אירע חברטעס באַציען זיך צו זלאַטען.

— האָסט גליק, — זאָגט זי, — וואָס גרינפויגל האָט אָנגענומען דיך צו לערנען אָן געלט. ער איז אַ יחסן און הייסט זיך גוט באַצאָלן פאַר אַ לעקציע. נאָר ער האָט אַ שוואַכקייט צו בראָנקען, האָט ער איר נישט געקאָנט אָפּזאָגן.

זלאַטע הערט זי אויס און שווייגט. רבקה דערקענט לויט זלאַטעס פּנים, אַז יענער קוועטשט עפּעס.

— וואָס איז, ביסט נישט צופרידן פון גרינפויגלס לערנען? — גיט זי איר מיט אַמאָל אַ פרעג.

— ניין, נישט וויל ער לערנט שלעכט, — שטאַמלט זלאַטע. זי

וואָגט נישט זיך צו באַקלאָגן, ווייל נאָך אַלעמען טוט מען דאָך פאַר איר אַזאַ גרויסע זאַך. עפּעס אַ קלייניקייט, צו האָבן אַזעלכע גוטע לערער פאַר אומזיסט? איז ווי קאָן זי זיך באַקלאָגן, ווען אפילו זי האָט וועגן וואָס?

נאָר רבקהן דאַרף מען נישט לייגן קיין פינגער אין מויל אַריין. זי דערקענט, אַז זלאַטע איז מיט גרינפויגלען נישט צופרידן.

— וואָס איז? שעם זיך נישט, זאָג; ער וויל מיט דיר נישט לערנען?

— לאָזט זי שוין רבקה נישט אָפּ.

— איך ווייס נישט, צי ער וויל, צי ער וויל נישט, — הייבט זלאַטע אָן צו רעדן, — נאָר ווען איך קום צו דער באַשטימטער שעה איז ער נישטאָ. אַ סך מאָל וואַרט איך זייער לאַנג אויף אים, און אַז ער קומט שוין, לאָזט ער מיך נאָך אַלץ זיצן, דרייט זיך אַרום, טוט פאַרשידענע אַרבעטן. ווען ער קומט צו, גיט ער מיר עפּעס אַ ווייז, אַבי אָפּצופּאַטערן, אַזוי ווי מען וואַרפט צו אַ נדבה. די גרעסטע אָפּקומעניש איז ביי מיר צו נעמען ביי אים די לעקציע, — פאַרענדיקט זי שוין מיטן גאַנצן אמת.

— אַזאַ פּאַסקודניאַק! — גיט רבקה שאַרף אַ זאָג. — איך האָב אָבער אַלעמאָל געזאָגט, אַז ער האָט אַ ברודיקע נשמה, וואָס מען קאָן זי אפילו אין אַ וואַנע וואַסער נישט אָפּוואַשן.

זי האָט מיט אַמאָל אָפּגעהאַקט דעם שמועס וועגן גרינפויגלען און זיך אַ נעם געטאָן איבערצוקוקן זלאַטעס קאָמפּאָזיציעס. זי האָט דאָס מאָל שנעל מיט איר פאַרענדיקט דאָס לערנען און איז אַוועק אין נישט קיין גוטער שטימונג.

זלאַטען טוט שוין באַנג, וואָס זי האָט איר דערציילט וועגן גרינ־פויגלס באַנעמונג צו איר. זי זעט, אַז רבקה איז דערפון געערגערט.

אויף מאָרגן גיט רבקה ווידער אומגעריכט אַ פאַל אַריין צו זלאַטען, דאָס מאָל מיט אַ פרישער גדולה:

— זלאַטעלע, מאַטעלע, — רופט זי זי שוין מיטן צוגעזעצטן נאָמען, — דו וועסט שוין נישט דאַרפן אָנקוקן דעם גרינעם פויגל. זאָל ער פליען אויפן ים. איך האָב געקראָגן פאַר דיר אַן אַנדער לערער, וואָס וועט זיין פונקט אַזוי גוט ווי גרינפויגל.

זלאַטע קוקט זי אָן מיט דערשטוינונג, ווי זי וואָלט נישט געגלייבט, וואָס זי הערט.

— יאָ, יאָ, זלאַטעלע, — פאַרזיכערט זי רבקה, — זאָל ער גיין צום טיוול מיט אַזאַ באַציאונג. פאַר געלט, צי אָן געלט, אַז ער האָט צו־

געזאָגט צו לערנען דאַרף ער דיך נישט לאָזן זיצן און וואַרטן, ווי מיין מאַמע טוט מיט די אָרימעלייט, ווען זי לאָזט זיי שטיין ווער ווייסט ווי לאַנג ביי דער טיר ביז זי גיט דעם גראָשן. איך זאָג איר אַלעמאָל: „גיב זיי וואָס דו האָסט זיי צו געבן, און זאָלן זיי גיין", — פאַרמסרט זי שוין איר מאַמען פאַר זלאַטען, — און איר אַרט נישט אַז זיי שטייען. דער נייער לערער, ווייל איך דו זאָלסט וויסן, לערנט דיך נישט אומזיסט. פאַרקערט, ער האָט נאָך דערפון אַ טובה. ער איז אַן אָרימער בחור און ער וויל זיך לערנען פויליש, האָט ער אָבער נישט צו צאָלן, וועל איך אים לערנען פויליש און ער וועט דערפאַר דיך לערנען דייטש. מיר טוישן זיך אויס.

און עס שטראַלט־אויף רבקהס פנים. די חן־גריבלעך ווערן ביי איר טיפער, די ראָזעווע רונדיקע באַקן צעבליִען זיך, ווי רויזן אויף דער זון.

זלאַטע קוקט זי אָן און שווייגט. רבקהס באַציאונג צו איר לערנען פילט זי אָן מיט אַזאַ שטאַרקער פרייד, אַז ווען זי זאָל נעמען רעדן וועגן דעם, וואָלט זי זיך זיכער צעוויינט. אפילו אָן רייד, שטעלן זיך ביי איר אויך טרערן אין די אויגן.

רבקה באַמערקט דאָס און זי דערפילט זיך אומבאַקוועם. זי הייבט אָן בלעטערן אַ בוך און דערנאָך הייסט זי זיך ווייזן, וואָס די קאָלע־זשאַנקעס אירע האָבן זלאַטען פאַרגעבן פאַר די קומענדיקע לעקציעס.

די אַנדערע מיידלעך קאָנען זיך גאָרנישט אָפּלויבן פון זלאַטעס פייאיקייטן און פון איר שטאַרקן ווילן צום לערנען. צווישן זיך רופן זיי זי „אונדזער זלאַטקע". דער שם וועגן איר צעטראָגט זיך איבער דער שטאָט, אַזוי אַז עס ווערן שוין וועגן איר דערציילט גוזמאות.

דעם גרעסטן חלק אין פאַרשפּרייטן אַזוינע גוזמאות האָט רבקה. זלאַטע קאָן גאָר נישט פאַרשטיין פאַרוואָס רבקה מאַכט איר אַזאַ שם. זי האָט שוין אפילו געבעטן רבקהן נישט צו מאַכן אַזאַ וועזן פון איר, נאָר יענע האַלט זיך ביים איריקן.

# באַלעק הייבט אָן קומען צו רבקהן

עס איז געוואָרן אַ צייט, ווען אַ מאַן, אָן אונטערשיד פון עלטער, קאָן זיך נישט ווייזן אויף דער גאַס. ווען מען דערזעט, כאַפּט מען און מען שיקט אים אַוועק אויף צוואַנג־אַרבעט. מען רעכנט זיך נישט, צי ער איז געזונט, אָדער קראַנק. טייל ווערן פאַרוואָרפן גאָר ווייט פון דער היים, ערגעץ אין אַ העק, פון וואַנען זיי קאָנען אפילו נישט אַהיימשרייבן קיין בריוול, און די אייגענע ווייסן נישט וואו יענע זענען אַהינגעקומען. דאָס כאַפּן מענער האָט געבראַכט אומגליק צו אַ סך פאַמיליעס. מען האָט שוין געוואוסט, אַז נישט אַלע קומען צוריק אַהיים לעבעדיקע.

איינער פון די געכאַפּטע איז געווען סרולקעס פאָטער, בערקע שוסטער. אים האָבן די דייטשן אַוועקגעשיקט קלאַפּן שטיינער, העלפן פאַרריכטן אַ שאָסיי, וואָס איז דורכן קריג צעשטערט געוואָרן. בערקע איז געווען אין אַ גרופּע מיט נאָך פערצן געכאַפּטע מענער, אויף וועלכע איין דייטש האָט אַכטונג געגעבן. עסן האָט מען זיי געגעבן זייער ווייניק. זומער האָבן זיי זיך דערנערט מערסטנטייל פון דעם וואָס זיי האָבן געפונען אויף די פעלדער. זיי האָבן געגעסן אַפילו רויע בוריקעס און רויע קאַרטאָפליעס. אָבער אַז עס איז געקומען דער ווינטער, האָט דער הונגער זיי אויסגעמאַטערט. אַזוי איז עס געווען מיט אַלע צוואַנג־אַרבעטער. אַ סך פון זיי זענען קראַנק געוואָרן און אויסגעשטאָרבן. בערקע איז, נאָך צען חדשים, אַהיימגעקומען אַן אויסגעמאַרעטער, אַ קראַנקער און אַ צעבראָכענער.

באַלעק איז אין שטאָט און ער זעט זיך אָפּט מיט זלאַטען. נאָך זיין אַוועקגיין קומט איר אָן שווער צו מאַכן אירע לעקציעס. ער רייסט־אויף אין איר אירע יונגע מיידלשע געפילן און איר געדאַנק ווערט פאַר־נומען מיט מאָדנע טראַכטונגען, אַזוי אַז דאָס לערנען גייט איר נישט אין קאָפּ אַריין. נישט שטענדיק קומט ער אַרויף צו דער מאַמען אין שטיבל. אָפּטמאָל ווייסט זי ווען ער קומט, לייגט זי אַוועק אַלע ביכער

מיט דער גאַנצער אַרבעט און לויפט אַראָפּ צו אים. אַמאָל טרעפט, אַז צוליב אים לאָזט זי אפילו אַדורך אַ לעקציע אויך.

איינמאָל טרעפט רבקה זלאַטען מיט באַלעקן שפּאַצירן. זי ווייסט, אַז זלאַטע דאַרף גאָר איצט האָבן ביי בראָניען אַ לעקציע. זלאַטע האָט זיך פאַר איר טאַקע פאַרשעמט, זי האָט שפּעטער געזוכט אַ תירוץ פאַר־וואָס זי איז דאָס מאָל נישט געגאַנגען לערנען, נאָר רבקה ווייסט, אַז זלאַטע האַלט שטאַרק פון באַלעקן און זי פאַרשטייט זיך וואויל אויף אַזעלכע זאַכן. זי האָט פון דעם נישט געמאַכט קיין ווען, כדי זלאַטע זאָל זיך נישט פילן שולדיק.

אַ צווייטן מאָל האָט רבקה געטראָפן באַלעקן גיין צו זלאַטען. שטעלט זי אים אָפּ און פרעגט:

— וואוהין גייט איר דאָ אין מיין געגנט? — גלייך ווי זי ווייסט פון גאָרנישט.

— איך גיי צו זלאַטען, — ענטפערט ער איר מיט אַ פריינטלעכן שמייכל.

— זלאַטע האָט היינט אַ ס־אַ־ך אַרבעט, מאָרגן האָט זי לעקציעס, — ציט זי אויס די ווערטער, ער זאָל פאַרשטיין, אַז זיין אָפט קומען צו זלאַטען שטערט איר לערנען. ער שווייגט און ווייסט נישט וואָס צו זאָגן. ער דערפילט זיך אַ היפּש ביסל שולדיק. פאַרוואָס האָט ער וועגן דעם טאַקע אַליין נישט געטראַכט? ער ווייסט ווי שטאַרק זלאַטע איז פאַרטאָן אין דעם לערנען און ווי דאָס איז פאַר איר וויכטיק, קומט ער גאָר צו גיין און שטערט איר!

רבקה איז אָבער נישט קיין נאַר. זי כאַפּט זיך, אַז איר באַמערקונג האָט אים אַוועקגעשטעלט אין אַ פאַרלעגנהייט.

— קומט אַריין אַביסל צו מיר, — גיט זי ראַפּטאָם צו אים אַ זאָג, און הייבט אָן גיין אַהיים. — איר קאָנט צו מיר אַריינקומען, ווען איר האָט צייט.

און זי נעמט זיך שפּאַנען מיט אירע ברייטע שנעלע טריט, ווי זי איז געוואוינט. נאָר אַז זי זעט, אַז ער קאָן נישט מיטהאַלטן מיט איר, פאַרלאַנגזאַמט זי אירע טריט און זיי גייען האַנט ביי האַנט. און אָנשטאָט אין סימעס קליינעם שטיבל, גייט ער צו די זיסמאַנס אין די סאַלאָנען. ער זיצט זיך אין רבקהס צימער און פאַרברענגט מיט איר דעם גאַנצן אָוונט. און כאָטש עס ציט אים שטאַרק צו זלאַטען, באַשליסט ער אָבער

פאַרט צו קומען צו איר זעלטענער, כדי איר נישט צו שטערן דאָס לערנען, און אָנשטאָט צו איר גייט ער צו רבקהן.

ווען זלאַטע האָט זיך דערוואוסט דערפון, איז זי געוואָרן שטאַרק אומרואיק. ס'האָט זי אָנגעפילט אַ ביטערקייט, וואָס האָט איר געשפּאָלטן דעם מוח. כאָטש באַלעק האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין צוליב וואָס ער טוט דאָס, האָט זי אָבער פאָרט נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז ער זאָל זיין פרייע צייט פאַרברענגען מיט רבקהן אָנשטאָט מיט איר. זי האַלט זיך אין איין נאָכפרעגן ביי דער עלטערער פרוי, וואָס דינט ביי די זיסמאַנס, צי באַלעק קומט, ווען ער איז געווען, און יעדעס מאָל וואָס זי דערוויסט זיך פון זיין וויזיט, גיט איר אַ ריס ביים האַרצן און שלעכטע מחשבות שפּרייטן זיך אין איר קאָפּ. זי ווייסט וואויל, אַז מיט רבקהן קאָן זיך באַלעק בעסער צונויפרעדן ווי מיט איר. רבקה איז אַ סך אינטערעסאַנטער פון איר. אָן אומרואיקייט באַפאַלט זי פון דעם געדאַנק, אַז זיי קאָנען זיך נאָך פאַרליבן איינע אין אַנדערן. פאַרוואָס זאָל זיך טאַקע באַלעק נישט פאַרליבן אין רבקהן? זי איז אַ געלערנטע, אַ קלוגע און שיינע. און ער איז דאָך אַזאַ איידעלער, אַזאַ אינטערעסאַנטער מענטש מיט אַ שיינער נשמה. זי ווייסט, אַז רבקה האָט ליב אַזעלכע ווי ער. איי, ער איז אַ קאַליקע און נישט קיין ייד, איז זלאַטע זיכער, אַז ביי רבקהן וועט דאָס נישט זיין קיין אָפּהאַלט, און עס אַרט זי נישט וואָס עמיצער וועט זאָגן.

אָט־די דאַכטענישן האָבן זלאַטען נישט געלאָזט רוען. ווער ווייסט צו וואָס דאָס וואָלט געפירט, ווען באַלעקס פאָטער וואָלט אים אין פרילינג נישט צוריקגערופן אין דאָרף אַריין, ער זאָל אים העלפן באַאַרבעטן דאָס פעלד.

* * *

די דייטשן האָבן איינגעפירט אַ שטרענגן קאָנטראָל איבער ריינקייט, כלומרשט אויף צו פאַרהיטן די מענטשן פון קראַנקהייטן. זיי האָבן קאָנטראָלירט סאַניטאַרע באַדינגונגען סיי אויף די גאַסן און סיי אין די היימען. פאַר דער מינדסטער קליניקייט, אויב עפּעס האָט נישט געשטימט מיט זייער פאַראָרדענונג, האָט מען אַרויפגעלייגט גרויסע שטראָפן. אַלע טאָג איז געגאַנגען אַ קאָמיסיע פון שטוב צו שטוב, מיטן אויסנאָם פון גאָר רייכע הייזער, און געזוכט אין די בעטן, גענישטערט אין אַלע ווינקלען, געזוכט אין די קעפּ און באַקוקט דאָס אָנטאָן. און אַז אין

אַ שטוב איז זיי נישט געפעלן די ריינקייט, האָבן זיי די שטוב דעזינ־פעקטירט. דער שטאַרקער דעזינפעקציע־ריח איז געבליבן אין שטוב אַ לאַנגע צייט.

מען האָט געזוכט זיך אויסצוהיטן פון דער דעזינפעקציע, קיינער האָט אָבער נישט געוואוסט ווען די דייטשן וועלן אַריינפאַלן, האָט מען געהאַלטן אין איין רייניקן די הייזער, איבערציען אָפט דאָס בעטגעוואַנט, וואַשן און קעמען די קעפּ, ווייל קוים האָבן זיי געפונען אַן אומפּלייט ביי אַ מיידל אין קאָפּ, האָבן זיי איר אָפּגעגאָלט די האָר. אַז ביי אַ יידן איז זיי נישט געפעלן די באָרד, האָבן זיי זי אָפּגעשוירן. מענטשן האָבן מורא געהאַט פאַר דער ריינקייט־קאָמיסיע ווי פאַר פייער. נישט איין ייד איז נעבעך אַרומגעגאַנגען פאַרבונדן דאָס פּנים, ווייל ער האָט זיך גע־שעמט צו באַווייזן זיך אָן אַ באָרד. מיט דער דעזינפעקציע האָט מען זיך אויך געשעמט, פּונקט ווי מיט עפּעס אַ שאַנד־פלעק.

ביז די קאָמיסיע איז נישט אַריבערגאַנגען די גאַס, האָט זלאַטעס מאַמע אַלע טאָג געהאַלטן די בעטן צענומען. זי האָט זיי געהאַלטן אין איין פאַרען, דאָס בעטגעוואַנט האָט זי די גאַנצע צייט געלופטערט אויפן באַלקאָן, כדי אויסצומיידן די דעזינפעקציע.

אויף די גאַסן און אין די היימען רעדט מען וועגן דער דעזינ־פעקציע. אַז איין פרוי טרעפט אַ צווייטע, איז די ערשטע פראַגע: „די דעזינפעקציע־קאָמיסיע איז שוין ביי אייך אַדורכגעגאַנגען?“ און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, גיט מען צו: „אַז גיין זאָלן זיי שוין אין ד'ער ערד אַריין, גאָטעניו!“ מען דערציילט איינע די אַנדערע וואָס פאַר אַ חורבן די דייטשן מאַכן פון די זאַכן אין שטוב, ווי אַזוי עס ווערט פון אַלץ אַ תל. אַז זיי גיבן אַרויס אַ קוויטל פאַר ריינקייט, איז עס אַ גרויסע פרייד נישט צוליב דער ריינקייט נאָר צוליב דעם, וואָס מען איז שוין איבערגעקומען די אינספעקציע.

נאָך אַ צרה איז געווען, וואָס די דייטשן האָבן צגענומען וואו זיי האָבן געפונען עפּעס פון קופּער אָדער מעש. זלאַטעס מאַמע האָט באַ־גראָבן אין דער ערד דאָס קופּערנע פענדל, אין וועלכן זי פלעגט קאָכן פיש, און די צוויי־אויערנדיקע קופּערנע קוואָרט, אַ ירושה נאָך פון דער באָבען מיטן זיידן. די דייטשן נעמען אַפילו אַראָפּ וואו זיי טרעפן אַ מעשענע קליאַמקע פון אַ טיר, און די טירן שטייען ביי מענטשן מיט אויפגעריסענע לעכער.

# פאַרן עקזאַמען

רבקה זאָרגט נישט בלויז וועגן זלאַטעס לערנען, נאָר אויך וועגן איר געזונט. אין די שיינע זומער־טעג קומט זי אַרויף צו זלאַטען, נעמט זי אונטערן אָרעם, שלעפּט זי אַרויס פון שטיבל, וואו עס שלאָגט אַרויף דער עיפּושדיקער אַפּטריט־ריח, און גייט מיט איר אַוועק אין גאָרטן אַריין. אין דער זעלבער צייט האָט רבקה אינזינען, אַז זלאַטע דאַרף זיך אָפּרוען דעם קאָפּ פון די ביכער, וואָס זי זיצט איבער זיי גאַנצע טעג ווי אַ צוגעשמידטע.

ווען זי שפּאַצירט מיט זלאַטען, שטעלט זי זיך אָפּ מיט יעדן באַקאַנטן, וואָס זי טרעפט, שטעלט פאָר זלאַטען און קוקט איר אין די אויגן אַריין, צי זי איז צופרידן מיט דער באַקאַנטשאַפט. זי ווייסט, אַז נישט אַלע מאָל פילט זיך זלאַטע באַקוועם אין איר געזעלשאַפט. אָפּט־מאָל פלייסט זיך רבקה שוין צופיל, אַז זלאַטע זאָל זיך פילן גוט, און עס קומט אַרויס דאָס פאַרקערטע.

איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט גייט זלאַטע מיט די ביכער פון אַ לעקציע. אויפן וועג זעט זי ווי רבקה שטייט מיט צוויי יונגעלייט, קענטיק סטו־דענטן. זאָגט איר זלאַטע גוטן אָוונט און וויל ווייטער גיין. נאָר רבקה לאָזט זי נישט און גיט אַ זאָג:

— וואַרט, זלאַטקעלע, איך גיי שוין אויך, מיר וועלן גיין צוזאַמען.

בלייבט זלאַטע שטיין, נאָר רבקה רעדט נאָך מיט די יונגעלייט. זיי רעדן וועגן עפּעס אַזוינס וואָס איז זלאַטען נישט פאַרשטענדלעך. זי פילט זיך אומבאַקוועם דערפון, וואָס זי פאַרשטייט נישט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. זי שטויסט זיך אָן, אַז עס איז וועגן אַ געוויסן קעגנשטאַנד אין גימנאַזיע, נאָר זי ווייסט נישט גענוי וואָס. זי וואָלט וועלן זיי זאָלן שוין פאַרענדיקן דאָס רעדן און זי נישט לאָזן דאָ שטיין. אַ חוץ דעם איז זי נישט אָנגעטאָן ווי געהעריק. זי טראָגט דאָס אַלטע, וואָכעדיקע קליידל, וואָס די מאַמע האָט איר אויפגענייט פון אַ זעלנערישן ליילעך אָפּגעפאַרבט אויף בלוי. די געפאַרבטע בלויקייט איז שוין שטאַרק אָפּ־געקראָכן, קוקט עס אויס זייער מיאוס און זלאַטע שעמט זיך פאַר די

עלעגאַנט־אויסגעפּוצטע פּרעמדע יונגעלייט. אָבער אַז רבקה האָט איר געזאָגט זי זאָל וואַרטן, וואַרט זי. זי קאָן נישט אַוועקגיין. שטייט זי כמעט הינטער רבקהס פּלייצע, ווי זי וואָלט זיך וועלן באַהאַלטן.

ביים אַוועקגיין שטעלט רבקה פאָר זלאַטען פאַר די יונגעלייט. זיי דערלאַנגען איר די האַנט, נעמען אַראָפּ די היטלען, פאַרנייגן זיך העפלעך פאַר ביידע מיידלעך און גייען אַוועק.

אויף מאָרגן פאַרנאַכט זיצט זלאַטע און מאַכט די לעקציעס, קומט אַרויף רבקהס אַ שוועסטערל און זאָגט:

— רבקה האָט געזאָגט דו זאָלסט די מינוט אַראָפּקומען. זי דאַרף דיך האָבן.

וואַרפט זלאַטע אַוועק די פען, כאַפּט אויפן קאָפּ דער מאַמעס צע־ריסענע פאַטשיילע און לויפט.

זי קומט אַריין אין רבקהס צימער, דערזעט זי דאָרט די צוויי יונגעלייט, וואָס זי האָט נעכטן געטראָפן שטיין מיט רבקהן אין גאַס. אַלע דריי טרינקען טיי. זלאַטע בלייבט שטיין ביי דער טיר. זי פילט ווי דאָס בלוט גיט איר אַ שלאָג אין פּנים. זי פאַרשעמט זיך שטאַרק מיט איר הולך און ווייסט נישט וואָס צו זאָגן.

רבקה דערזעט איר רויט־געוואָרענעם פּנים, גיט זי אַ זאָג:

— זלאַטעלע, מאַטעלע, ביסט שוין רויט געוואָרן? דו ווייסט וואָס די בחורים האָבן וועגן דיר געזאָגט? דו געפעלסט זיי. זיי זאָגן, אַז דו ביסט סימפּאַטיש, האָסט אַן איידעלן אויסזען.

זי צעשפּרייט ברייט איר מויל און קוועלט אַז וואָס די יונגעלייט האָבן אַ גוטע מיינונג וועגן זלאַטען.

און זלאַטעס פּנים ווערט נאָך רויטער. זי פילט, אַז די אויערן מיטן קאָפּ ברענען איר. זי שטייט אַ פאַרלוירענע און רירט זיך נישט פון אָרט.

— זלאַטעלע, מאַטעלע, קום אַהער, שעם זיך נישט, — לאַדט זי רבקה איין צו זעצן זיך ביים טיש.

נאָר אין זלאַטען וואַרפט זיך דאָס האַרץ, ס'פלאַמט איר דאָס פּנים פאַר שעמעוודיקייט. זי וואָלט וועלן אַנטלויפן, אָבער זי ווייסט נישט צי זי זאָל דאָס טאָן. שטייט זי ווי אין אַ גרוב אַריינגעפאַלענע און ווייסט נישט וואָס צו טאָן.

די סטודענטן קוקן שמייכלענדיק אויף רבקהס צעשטראַלטן פּנים און שווייגן.

זלאַטען דאַכט זיך, אַז זיי לאַכן אָפּ פון איר, אַז זייער שמייכל איז פול מיט חוזק סיי פון איר אַנטאָן סיי פון רבקהס נאַרישקייט.

אַזעלכע פאַרשעמונגען האָט זלאַטע נישט איינמאָל געהאַט איבער רבקהס האַסטיקער האַנדלונג. רבקה האָט אַן אויפגעפּראַלט האַרץ און זי קאָן דעריבער נישט איינהאַלטן אין זיך דעם מינדעסטן אימפּולס. זלאַטע פילט זיך אָפטמאָל שטאַרק געקרענקט פון אַזוינע איבערגעאיילטע האַנדלונגען, נאָר זי ווייסט, אַז רבקה איז אויסן דערמיט איר טובה, איז זי איר מוחל.

איינמאָל זאָגט פּלוצים רבקה צו די מיידלעך, וואָס לערנען מיט זלאַטען:

— לויט ווי זלאַטקע פּראָגרעסירט, קאָן זי, דאַכט זיך מיר, צום קומענדיקן לערן־יאָר האַלטן עקזאַמען אין פינפטן קלאַס גימנאַזיע. דאָס וואָלט געווען אַ גוטער אויפטו. אַז מיר וועלן זיך נעמען ענערגישער צו דער אַרבעט און אין זינען האָבן די צוגרייטונג צום עקזאַמען, קאָן זי דאָס באַווייזן.

— איך גלייב, אַז דו ביסט גערעכט, — באַשטעטיקט בראָניע איר געדאַנק.

— פאַרגעסט נישט, אַז עס איז אינגאַנצן אַ זיבן חדשים. זי דאַרף נאָך אַדורכגיין אַ סך. איך שטעל זיך נישט פאַר זי זאָל דאָס מאַכן, — רופט זיך אָן טאַשקע.

— אָבער פּרובירן זי צוגרייטן צום עקזאַמען קאָן נישט שאַטן. איך מיין, אַז עס איז גאַנץ מעגלעך, — האַלט זיך רבקה ביי אירן.

נאָך אַ לענגערן שמועס שטימען אַלע צו מען זאָל אָנהייבן צוגרייטן זלאַטען פאַרן עקזאַמען אין פינפטן קלאַס גימנאַזיע. באַשלאָסן און געטאָן. זיי נעמען זיך ענערגיש צו דער אַרבעט, קריגן פאַר זלאַטען די נייטיקע ביכער און אַנשטאָט צוויי לעקציעס אַ וואָך, וואָס יעדע פון זיי האָט איר געגעבן, גיבן זיי איר איצט דריי און פיר לעקציעס אַ וואָך.

און פאַר זלאַטען איז נישטאָ קיין צופיל אַרבעט ביים לערנען. זי זיצט איבער די ביכער פון באַגינען ביז שפּעט ביינאַכט ביי אַ קליין פלעמעל פון אַ קאַרביד־לעמפּל. אַנשטאָט נאַפט באַנוצט מען איצט קאַרביד, פון וועלכן עס טראָגט זיך אַ נישט־אָנגענעמער, זויערלעכער ריח, וואָס רייסט די נאָז און טריקנט דעם האַלדז. אָט אַזוי האָרעוועט זלאַטע גאַנצע טעג און נעכט און גרייט זיך צום עקזאַמען.

און צו דער מלחמה נעמט אַלץ קיין סוף נישט, נאָר די שלאַכטן

זענען ווייט פון שעדלעך און מען האָט זיך שוין דאָ צוגעוואוינט צו די דייטשן מיט זייערע איינפירונגען, מיט די אַלע שווערקייטן און אָנ־שיקענישן. אַמאָל דאַכט זיך, אַז דאָס לעבן גייט שוין צו גאַנץ נאָרמאַל, אַז אַלץ איז דאָ ווי ס׳באַדאַרף צו זיין.

שוין אַריבער אַ יאָר צייט ווי זלאַטע איז אין דער היים. זי זעט ווי דער מאַמען קומט אָן שווער צו געבן איר דאָס ביסל עסן. זיי מוזן אָפּקומען בלויז מיט דעם ברויט, וואָס מען קריגט אויף קאַרטן. קיין אַנדער שטיקל ברויט קאָן מען זיך נישט פאַרגינען צו קויפן, עס קאָסט זייער טייער. די מאַמע גייט פאַרטאָג זיך שטעלן אין דער ריי דאָס צו קריגן. אַמאָל איז דאָס ברויט אַזוי שלעכט און רוי, אַז מען קאָן עס נישט נעמען אין מויל אַריין. שטענדיק שטייען רייען מיט מענטשן און מען וואַרט אויף עפּעס, אויף אַ קאַרטאָפליע צי אויף אַביסל קוילן. פאַר יעדער קלייניקייט דאַרף מען אָפּשטיין שעה׳ען אין רעגנס און אין פרעסט, ביז מען קריגט דאָס. אַ סך מאָל שטייט מען אָפּ און מען גייט אַוועק מיט גאָרנישט, ווייל עס סטייעט נישט פאַר אַלעמען. כדי מען זאָל זיין פון די ערשטע, שטעלן זיך מענטשן אַוועק אין מיטן דער נאַכט צו קריגן דאָס שטיקל ברויט צי אַן אַנדער נייטיקע זאַך.

אַמאָל דאַכט זיך זלאַטען, אַז זי באַגייט אַ פאַרברעכן קעגן דער מאַמען מיט באַשקען, וואָס זי איז אַהיימגעקומען. איר דאַכט זיך אַז זי נעמט ביי זיי צו דעם ביסן פון מויל און אַז צוליב איר קומט זיי אָפּטמאָל אויס צו הונגערן.

זי זעט נישט ווי אַזוי זי קאָן זיך אויסדרייען פון ווידער גיין דינען ביי יענעם. אירע שיך צעפאַלן זיך שוין און זי האָט קוים וואָס אָנצוטאָן, שוין אָפּגערעדט פון אַרויסהעלפן דער אויסגעמוטשעטער מאַמען. סוף־כל סוף, טראַכט זי מיט שרעק, וועט די נויט זי צווינגען צו גיין זוכן אַן אָרט און ווידער ווערן אַ דינסט. זי גלייבט נישט, אַז זי וועט דער־גרייכן דעם ציל, וואָס די מיידלעך האָבן זיך פאַר איר געשטעלט. נאָר אַזוי לאַנג ווי אירע לערערינס ווערן נישט מיד זי צו לערנען, קאָן זי ביי זיך נישט פועלן זי זאָל דאָס אַליין אויפגעבן. יעדעס ביסעלע וויסן וואָס זי קריגט אַריין, איז ביי איר ווי געפונען.

נאָך עטלעכע וואָכן אָנגעשטרענגטער אַרבעט מיט זלאַטען איז רבקה געוואָרן אומרואיק. איר דאַכט זיך, אַז זי קען נישט גענוג פויליש צוצו־גרייטן זלאַטען צום פינפטן קלאַס גימנאַזיע. האָט זי צונויפגערופן די אַנדערע מיידלעך און זיך מיט זיי געהאַלטן אַן עצה.

— פויליש — האָט זי געזאָגט — איז דער הויפּט־קעגנשטאַנד. זלאַטע מוז האָבן עמיצן, וואָס קען בעסער פון מיר. איך אַליין בין דאָך ערשט אין פינפטן קלאַס, איז ווי אַזוי קאָן איך זי צוגרייטן?

די סטודענטקעס האָבן ערנסט באַטראַכט דעם ענין און באַשלאָסן, אַז מען מוז נעמען אַ באַצאָלטע לערערין. אַלע פיר וועלן זיך צונויפלייגן און באַצאָלן, נאָר זלאַטען זאָל מען נישט אויסזאָגן.

און אַזוי איז עס טאַקע איינגעאָרדנט געוואָרן. זלאַטע לערנט זיך ביי אַ פוילישער לערערין און זי ווייסט נישט, אַז יענע קריגט באַצאָלט.

אין איר פאַרנומענקייט האָט זלאַטע גאָרנישט באַמערקט ווי די צייט רוקט זיך. איר דאַכט זיך, אַז ערשט נעכטן האָט זי זיך אָנגעהויבן גרייטן צום עקזאַמען. נאָר עס זענען אַוועק גאַנצע אָנדערהאַלבן יאָר, און אָט גייט זי טאַקע האַלטן עקזאַמען אויף אַן אמתן.

— וואָס מאַכט איר זיך נאַריש, איר ווילט אַ מיידל פאַרשעמען? — וואָרפט־פאָר אַ סטודענט די מיידלעך, וואָס לערנען זלאַטען. — ס׳איז אוממעגלעך זי זאָל נאָך אַזאַ קורצער צייט לערנען אויסהאַלטן דעם עקזאַמען.

נאָר די מיידלעך זענען זיכער, אַז זלאַטע איז גוט צוגעגרייט. פונדעסטוועגן האָט זיי אַלעמען געטיאָכקעט די הערצער. זיי זענען טאַקע געגאַנגען אויף געוועטן, אַז זי וועט אויסהאַלטן דעם עקזאַמען, דאָך האָבן זיי זיך היפּשלעך געשראָקן און געוואַרט מיט גרויס אומגעדולד אויפן אויסגאַנג פונעם עקזאַמען. זלאַטע אַליין האָט וועגן דעם נישט אָנגעהויבן צו וויסן.

פיר טעג איז זלאַטע געזעסן צוזאַמען מיט סטודענטן און סטודענטקעס אין די קלאַס־צימערן פון דער גימנאַזיע. דאָס אַליין איז פאַר איר געווען אַ גרויסע איבערלעבונג. רבקה האָט זי יעדן טאָג אָפּגעוואַרט ביים טויער פון דער גימנאַזיע און זיך נאָכגעפרעגט אויף אַלע איינצלהייטן, אויף די געשטעלטע פראַגעס און זלאַטעס ענטפערס.

— דו זאָלסט זיך נאָר נישט שרעקן, — האָט זי געהאַלטן זי אין איין באַרויִקן. — איך ווייס, אַז דו ביסט זייער גוט צוגעגרייט, דאַרפסטו זיך נישט פאַרלירן און ענטפערן אויף די פראַגעס גלייך ווי איך און די אַנדערע מיידלעך וואָלטן זיי דיר געשטעלט.

רבקה האָט זיך דערוואוסט, פריער פאַר אַלעמען, אַז זלאַטע האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען און נאָך מיט זייער גוטע צייכנס. איז זי אַרויפגעלאָפן איר אָנזאָגן די גוטע בשורה. זי האָט אַזוי געסאָפּעט פונעם

שנעלן לויפן, אַז זי האָט נישט געקאָנט קיין וואָרט אַרויסברענגען. ווען זי האָט אַביסל אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם האָט זי אויסגעשאָסן:

— האָסט אויסגעהאַלטן, אויסגעהאַלטן!

זי איז אַרויפגעפאַלן אויף זלאַטען, זי געגומען קושן און שפּרינגען פאַר פרייד. זלאַטעס מאַמע מיט די שוועסטער האָבן געמיינט, אַז רבקה איז, חלילה, אַראָפּ פון זינען. זלאַטע האָט נישט געקאָנט רעדן און נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן, נאָר איר פּנים האָט געשטראַלט און די אויגן האָבן געפינקלט מיט טרערן פאַר פרייד.

די נייעס, אַז זלאַטע האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט אין שטאָט. אַפילו עלקע די מילנערקע האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט. ווען זי האָט געטראָפן זלאַטעס מאַמע אין גאַס, האָט זי איר דערלאַנגט די האַנט און געזאָגט:

—מזל־טוב אייך, סימע! איר זאָלט האָבן פון איר אַ סך נחת.

— וואָס פאַר אַ מזל־טוב? — קוקט זי אָן די מאַמע. — מיינע טעכטער זענען נאָך קיין כלות נישט געוואָרן.

— אייער זלאַטקע האָט דאָך אויסגעהאַלטן די עקזאַמענעס, איז דאָס אַ ווערטעלע אַרויסצורעדן? — זאָגט עלקע מיט אַ טאָן פון דרך־ארץ פאַר דער מאַמען, וואָס איר טאָכטער האָט אַזעלכעס דערגרייכט.

אויף דער מאַמעס שטענדיק ערנסטן פּנים האָט זיך פאַרצויגן אַ צופרידענער שמייכל:

— אַ, דאָס מיינט איר גאָר? מיט מזל זאָלט איר לעבן! —וואָס־זשע, אין אָפּעלע ווייסט מען שוין אויך דערפון?

—אַ פראַגע צי מ'ווייסט! גאַנץ אָפּעלע רעדט דאָך פון אייער זלאַטקען.

ערשט איצט הייבט זיך די מאַמע אָן צו פילן אויף אַן אמתן גליקלעך און שטאָלץ מיט זלאַטען. עס פאַרשאַפט איר אַ באַזונדערן פאַרגעניגן, וואָס אַפילו אין אָפּעלע רעדט מען דערפון.

נאָכן עקזאַמען האָט זלאַטע אָנגעהויבן געבן פּריוואַטע לעקציעס. איצט איז זי געווען זיכער, אַז זי קאָן געגוג צו לערנען אָנפאַנגער. זי האָט אָבער נישט אויפגעגעבן איר אייגן לערנען. אַז זי וועט האָבן גענוג לעקציעס צו געבן, האָט זי געטראַכט, וועט זי קאָנען צאָלן פאַר איר לערנען און וועט זיך צוגרייטן פאַר די העכערע קלאַסן און אפשר טאַקע פאַר־ענדיקן די גימנאַזיע. די מיידלעך, ווייסט זי, וועלן איר נאָך אַלץ צוהעלפן מיט וואָס זיי קאָנען.

וועגן דעם, אַז זי זאָל פאַר דעם פאַרדינטן געלט זיך מאַכן עפּעס אָנצוטאָן, האָט זי גאָר נישט געקלערט. כאָטש זי האָט וועגן דעם זיך געמעגט פאַרטראַכטן. זי איז שוין אַ מיידל אין אַכצענטן יאָר און דאָס איינציקע וואָלענע קליידל, וואָס זי פאַרמאָגט פאַר שבת און יום־טוב, האָט די מאַמע נאָך מיט אַ צייט צוריק איבערגעדרייט אויף דער לינקער זייט, ווייל ס׳איז געוואָרן שטאַרק אָפּגעבליאַקעוועט פון דער זון. איצט איז די לינקע זייט נאָך מער אָפּגעקראָכן, ווי עס איז פריער געווען די רעכטע, וועט די מאַמע מסתמא צוריק מוזן איבערדרייען.

אמת איז, אַז זלאַטע וואָלט זייער שטאַרק וועלן האָבן אַ מאַנטל. זי האָט נאָך קיינמאָל נישט פאַרזוכט דעם טעם פון האָבן אַן אייגענעם מאַנטל, בפרט נאָך אַ נייעם. דאָס הילן זיך ווינטער אין דער מאַמעס צעריסענער פאַטשיילע איז איר שוין נמאס. אַמאָל כאַפּט זי און טוט אָן איר שוועסטערס מאַנטל. מאַכט זיך אָבער גאַנץ אָפּט, אַז באַשקע וויל אויך אין דער אייגענער צייט גיין אין גאַס. ווערט אַ קריגערײַ צווישן די שוועסטער. און בכלל וויל באַשקע נישט ליידן, אַז זלאַטע זאָל שלעפּן איר מאַנטל, בפרט נאָך אַז זי איז נישט אַזאַ אָפּגעהיטענע, זי קאָן נישט אַזוי שוינען אַ מלבוש ווי באַשקע. האָט זי מורא, אַז זלאַטע וועט פון אים מאַכן אַ תל.

קיין פאַראיבל קאָן זלאַטע אָבער אויף באַשקען נישט האָבן. זי ווייסט זייער גוט, אַז אויך די שוועסטער האָט נישט פאַר וואָס צו מאַכן זיך אַ נייעם מלבוש און זי מוז אָפּהיטן דאָס וואָס זי האָט.

פונדעסטוועגן שטופּט זלאַטע פון זיך אָפּ דעם געדאַנק וועגן זיך איינשאַפן אַ ניי קלייד, ווער רעדט שוין פון אַ מאַנטל. זי טראַכט אַלץ מער וועגן ווייטער זיך לערנען. דאָס איז ביי איר אַ סך בילכער ווי זיך קליידן. זי וועט שוין איבערקומען, טראַכט זי, מיט דעם וואָס זי האָט, אַבי זי זאָל זיך נישט אויפהערן לערנען.

שמחה האָט געוואָלט אַרויסווייזן זיין פרייד מיט זלאַטעס דער־גרייכונג, האָט ער געקויפט אַ שיינע גרויסע בלום און איר געבראַכט. מיט דעם מיידל, וואָס ער איז געגאַנגען, איז געוואָרן אויס. ער טרוימט נאָך אַלץ וועגן זלאַטען, נאָר איצט איז זי אַזאַ געבילדעטע, האָט ער מורא, אַז זי וועט אַוודאי נישט וועלן זיך פאַרבינדן מיט אַ שוסטער, אָבער ער גיט נאָך אַלץ נישט אויף די האָפענונג.

— פון אַזאַ דערגרייכונג, און נאָך אין אַזאַ קורצער צייט, דאַרף

מען שרייבן אין די צייטונגען, — מאַכט ער איר דעם גרעסטן קאָמ־פלימענט, און זי ענטפערט דערויף אי ערנסט, אי באַרימעריש:

— איך שטעל זיך נאָך נישט אָפּ דערביי, איך האָף צו גיין ווייטער, אפשר נאָך ענדיקן גימנאַזיע.

— זאָל אייער וואונטש מקוים ווערן! — זאָגט שמחה מיט פריינט־שאַפט, אָבער אויך מיט שרעק. — אויב איר וועט דאַרפן געלט פאַר דעם צוועק, זאָלט איר וויסן, אַז איך בין צו יעדער צייט אייך גרייט אַרויסצוהעלפן. — און ער דערלאַנגט איר די האַנט, ווי אַ צייכן פון אויפריכטיקייט.

— אַ דאַנק! אַ גרויסן, האַרציקן דאַנק אייך! — זאָגט זלאַטע, גע־רירט פון זיין אָנבאָט, און דריקט אים שטאַרק די האַנט.

סרולקע האָט אויך גראַטולירט זלאַטען, נאָר דערביי האָט ער נישט פאַרגעסן זיין ראָלע ווי אַ טוער ביי דער יוגנט פון בונד.

— איצט — זאָגט ער צו איר — אַז איר האָט דורכגעמאַכט דעם עקזאַמען וועט איר אַוודאי ווערן ביי אונדז אַ מיטגליד און נעמען אָנטייל אין די אַרבעטער־קאַמפן.

און ער פאַרבעט זי צו גיין מיט אים עסן ליאַדעס.

זלאַטע הייבט־אָן געבן לעקציעס צו דערוואַקסענע מיידלעך און בחורים. קיין צו הויכן פּרייז האָט זי זיך פאַר אירע לעקציעס נישט גע־שטעלט. מלכהן מיט איר שוועסטערל און איר פריינדין גליקע האָט זי געלערנט אינגאַנצן אומזיסט.

זייער שנעל האָט זי געקריגן אַ שם פאַר אַ גוטער לערערין, און דאָס איז ביי איר נאָך מער אָנגעלייגט ווי אירע פאַרדינסטן פון די לעקציעס.

* * *

אָנהייב ווינטער איז באַלעק ווידער געקומען אין שטאָט אַריין אַרבעטן ביי זיין פעטער אין דער איינבינדעריי. ווי נאָר סימע האָט זיך פון דעם דערוואוסט, האָט זי שטרענג געזאָגט צו זלאַטען:

— איך וויל נישט דו זאָלסט אים ברענגען צו מיר אין שטוב אַריין. איך דאַרף נישט, אַז מענטשן זאָלן דיך און מיך באַרעדן.

נאָר זלאַטע האָט זיך סיי ווי סיי געטראָפן מיט באַלעקן און זיי האָבן לאַנג פאַרבראַכט צוזאַמען. ער האָט איר פאַרטרויט זיין באַשלוס, אַז דעם קומענדיקן זומער, נאָך דעם ווי ער וועט האָבן אַרויסגעהאָלפן דעם

פאָטער זיינעם אויפן פעלד, וועט ער אַוועקפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט אַרבעטן. ער מוז פאַרדינען מער געלט, קומען צו אַ תכלית. דער פעטער זיינער האָט נישט געגוג אַרבעט, קאָן ער אים קיין סך נישט צאָלן. זלאָטען האָט שטאַרק געשראָקן דער געדאַנק, אַז באָלעק וועט אַוועק פון איר.

# די דייטשן פאַרלאָזן פּוילן

ניט לאַנג האָבן אָנגעהאַלטן זלאָטעס פאַר־דינסטן. מיט אַמאָל האָט מען זיך דערוואוסט, אַז עס איז אויס מיטן דייטשן קייסער. ער האָט פאַרלוירן די מלחמה און האָט געמוזט אויפגעבן זיין טראָן. מען נעמט אַוועק דאָס געווער ביי די דייטשן. זיי שפּאַרן זיך נישט, לאָזן איבער האַק און פּאַק און לויפן אַהיים. אויס דייטשן, נישטאָ מער קיין „יעקעס" אין פּוילן.

באַלד שאַפט זיך אַ פּוילישע מיליץ. פּוילן ווערט אַ מלוכה פאַר זיך. עס איז אַן איבערקערעניש אין לאַנד. עס הערשט אַן אומאָרדענונג, אַ כאַפּ־לאַפּ, עס איז אַ גרויסע צערודערונג.

גאָר שנעל שאַפט זיך אַן אייגענע פּוילישע אַרמיי. עס פאַרשפּרייט זיך אַ לאָזונג: „פון ים צו ים", פּוילן דאַרף ווערן אַ גרויס לאַנד. די אַרמיי הייבט אָן פאַרכאַפּן שטיקער פרעמד לאַנד און שפּאַרט זיך טיפער און טיפער קיין רוסלאַנד. עס צעפלאַקערט זיך אַ נייע מלחמה, און די פּוילישע אַרמיי הייבט אָן כאַפּן מפּלות. די רוסן יאָגן זי צוריק.

און דאָ קומט אַרויס אין דער עפנטלעכקייט אַ נייער סאָרט כולי־גאַנעס. מען רופט זיי האַלערטשיקעס. זיי רייסן אויס ביי יידן די בערד מיטן פלייש. יידן גייען אַרום מיט פאַרבונדענע פּנימער. עס טראָגן זיך פון שטעט און שטעטלעך מוראדיקע בשורות, אַז וואו די האַלער־טשיקעס קומען אַריין, ראַבירן זיי און מאַכן פּאָגראָמען. זיי מאַכן חרוב יידישע הייזער, נעמען צו יידיש האָב און גוטס, שלאָגן, הרגענען, לאָזן נישט לעבן.

איז וועמען ליגט אין זינען אין אַזאַ צייט זיך צו לערנען? מען גייט אַרום פאַרזאָרגט, אָנגעפילט מיט פּחד. און די נויט וואַקסט צוזאַמען מיטן פּחד. צו דעם בושעווען נאָך שווערע עפּידעמיעס, פון וועלכע עס שטאַרבן אָן אַ שיעור מענטשן. מען ווייסט נישט וועגן וואָס פריער זיך צו זאָרגן — צי וועגן די האַלערטשיקעס, צי וועגן די קראַנקהייטן, צי וועגן דעם ביטערן הונגער און נויט, צי גאָר וועגן דער מלחמה צווישן

די פּאָליאַקן מיט די באָלשעוויקעס. מען נעמט צו די מענער, **אפילו** קאָליקעס נעמט מען צו. מען לערנט זיי אויס צו האַלטן אַ ביקס און מען שיקט זיי אויפן פראָנט.

זלאַטעס פּאַרדינסטן האָבן זיך אויסגעלאָזט און די מאַמע האָט זייער ווייניק אַרבעט. מיט איר גאַנצער לערע, טראַכט זלאַטע, וועט זי נישט מוזן זוכן אַ שטעלע אין דער פרעמד און ווערן איבעראַנייס אַ דינסט.

נאָך פּסח איז די מאַמע אַוועק קיין איגאָן. צום ערשטן איז זי געקומען צו דער פּויערטע, די פּאָליאַנקין, מיט וועלכער זי איז געווען באַפריינדעט.

— ווען איך האָב געלט, — זאָגט די מאַמע, — וואָלט איך געדונגען אַ סעדל.

די פּויערטע האָט דאָס דערהערט, איז זי צוגעגאַנגען צום בעט, אַ גראַבל געטאָן דאָרט אין שטרוי, אַרויסגעשלעפּט אַ לייוונטן זעקעלע מיט פּאַפּיר־געלט און אַ פרעג געטאָן:

— וויפיל ווילט איר, שאַיקאָוואַ?

סימע קוקט זי אָן אַ פאַרחידושטע. דערנאָך זאָגט זי:

— ווער ווייסט וויפיל מען וועט זיך הייסן געבן? נאָר אַ הונדערט מאַרק אויף האַנט־געלט, גלייב איך, וועט זיין גענוג.

די פּאָליאַנקין מאַכט אויף דאָס זעקעלע, ציילט אויס הונדערט מיט פופציק מאַרק און זאָגט:

— אפשר וועט איר דאַרפן מער ווי הונדערט. גייט און דינגט וועלכעס סעדל עס וועט אייך געפעלן און זאָל גאָט געבן גליק.

איז סימע אַוועק איבערן שליאַכעטסקן דאָרף און נאָך דעם זעלבן טאָג האָט זי געדונגען אַ סעדל. אַ צופרידענע איז זי אַהיימגעקומען און האָט דערציילט אירע טעכטער פון דעם גליק, וואָס האָט זי געטראָפן.

— אויב דאָס אויבסט זאָל אויסוואַקסן אַזוי ווי עס ווייזט זיך אין בליאונג, — האָט זי געזאָגט, — קאָן איך פאַרדינען אַ היפּש ביסל מזומן געלט. חוץ דעם דערלויבט מען מיר צו גראָבן קאַרטאָפליעס און רייסן אַלע גרינסן וואָס וואַקסן דאָרט אין גאָרטן. וועלן מיר שוין דעם זומער נישט הונגערן.

ווען די מאַלינעס האָבן זיך אָנגעהויבן רייפן, איז די מאַמע מיט זלאַטען אַוועק אין סאָד. באַשקע איז געבליבן אין שטאָט, טאָמער וועט מען ברענגען עפּעס צו נייען.

ווען זיי זענען אַרויסגעקומען אויפן דאָרף, דערוויסט זיך זלאַטע, אַז באָלעק איז פּונקט נעכטן אַוועקגעפאָרן אין אַ פרעמדער שטאָט זוכן אַרבעט. ציען זיך ביי איר די טעג מיט ענדלאָזן לאַנגוויַיל. ווען זי ליגט אויפן גראָז אונטער אַ בוים, צי בייַנאַכט אין דער שטרויענער בודע, וואָס איז ספּעציעל געמאַכט פאַר סאַדאָווניקעס, טראַכט זי וועגן באָלעקן. ווען ער וואָלט זיין דאָ אין דאָרף, וואָלט איר נישט געווען אומעטיק. פון אים וואָלט זי זיך דערוואוסט אַ סך זאַכן, וואָס קומען פאָר אויף דער וועלט. זי באַגרייפט נאָך נישט גענוג די וועלט־פּאָליטיק, ער וואָלט פאַר איר קלאָר געמאַכט דעם זין פון דער פאַרשלעפּטער מלחמה און פאַרוואָס מען האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם קייסער ניקאָלאַי און פאַרוואָס עס איז געוואָרן אויס מיטן דייטשישן קייסער. און נאָך אַ סך זאַכן וואָלט ער איר געגעבן צו פאַרשטיין. מיט אים וואָלט איר געווען גוט דאָ צו זיין, איז ער פּונקט ערגעץ אַוועקגעפאָרן און זי ווייסט אפילו נישט וואו ער געפינט זיך.

אפשר זאָל זי אַריינגיין צו זיין פאָטער, פאַלט איר איין אַ געדאַנק, אים פרעגן צי ער ווייסט באָלעקס אַדרעס, זי זאָל אים קאָנען אָנשרייבן אַ בריוו? באָלעק זאָל וויסן, אַז זי איז דעם גאַנצן זומער אויפן דאָרף, וואָלט ער זיכער געקומען צו פאָרן, טראַכט זי און ישובט זיך, צי זי זאָל אַריינגיין צו טאַרקאָווסקין אָדער נישט. זי האָט מורא, אַז אַנאַ, באָלעקס שטיפמאַמע, קאָן זי נאָך באַליידיקן און אין דאָרף קאָן זיך אויפהייבן אַ גערודער, אַז זי ליבט זיך מיט באָלעקן. דאָס קאָן נאָך דער־גיין צום יידישן דאָרף קיין אָפּעלע און די מאַמע וואָלט זיך דערפון שטאַרק גענומען צום האַרצן.

# די באָלשעוויקעס

אין מיטן זומער גייען די באָלשעוויקעס אַריין קיין פוילן און פאַרנעמען שטעט און שטעטלעך איינס נאָכן אַנדערן. באַלד הערט מען, אַז זיי דערנעענטערן זיך צו שעדלעץ. די פוילישע אַרמייען האַלטן אין איין אַנטלויפן. יידן דערציילן, אַז אויפן וועג ביים צוריקטרעטן ראַבירן די פוילישע זעלנער יידישע קראָמען, מאַכן חרוב יידישע היימען און עס פאַלט אויף דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אַ גרויסער פחד.

אין אַזאַ מהומה וויל סימע נישט זיין אויפן דאָרף. זי זאָגט צו זלאַטען:

— קום אין שטאָט אַריין. וואָס ס׳וועט זיין מיט אַלע יידן, וועט זיין מיט אונדז. איך וויל נישט זיין אָפּגעריסן פון אַנדערע. ווי אַ זאַך מאַכט זיך, לאָמיר זיין אַלע צוזאַמען.

האָבן זיי איבערגעלאָזט דאָס סעדל אויף הפקר, זיך פאַרבונדן די קעפּ מיט פאַטשיילקעס ביז איבערן שטערן, פאַרשטעלט כמעט די גאַנצע פנימער, מען זאָל נישט דערקענען אַז זיי זענען יידישע. מיט די שיך אין די הענט האָבן זיי זיך געלאָזט צו פוס אין שטאָט אַריין.

דער שאָסיי איז געווען פאַרלייגט מיט דער אָפּטרעטנדיקער פוילישער אַרמיי, זענען זיי געגאַנגען אין גרויס שרעק איבער די פעלדער ביז זיי האָבן, נישט טויט נישט לעבעדיק, זיך דערשלעפּט צו זייער שטוב.

אין שטאָט איז אַ טומל, אַ געפילדער. די איינוואוינער שמייען אַרום, זוכן עפּעס צו קויפן, זיך פאַרגרייטן מיט וואָס נאָר ס׳איז מעגלעך.

פערד שלעפּן שווערע וועגענער מיט האַרמאַטן און אַמוניציע. די רעדער סקריפּען און קרעכצן, עס טרייסלט זיך די ערד אונטער זיי. זעלנער פייפן, טייל זינגען. אין דעם געפילדער דערהערן זיך פאַר־שטיקטע פרויאישע קולות מיט יידישע געוואַלדן.

אויף מאָרגן פאַרנאַכט האָט מען שוין אויף דער גאַס נישט געזען קיין מענטשן.

די זון, ווי אַ רויט, פאַרבלוטיקט אויג, האָט זיך אויף דער ערד

אַראָפּגעלאָזט און אַ שוואַרצער וואָלקן האָט פאַרצויגן דעם הימל. די נאַכט איז מיט אַמאָל צוגעפאַלן, קיין שטערן האָט מען נישט געזען, קיין הימל אויך נישט. קיין ליכט צינדן זיך אין ערגעץ נישט אָן. די גאַסן־לאָמטערנעס שטייען אויסגעלאָשענע, ווי בלינד־געוואָרענע אויגן. די שטאָט איז איינגעהילט אין אַ געדיכטן חושך. פון די פינצטערע, ליידיקע גאַסן און פון יעדן מויער ווייעט אַ פּחד. ס'איז אין שטאָט שטיל ווי אויף אַ בית־עולם, כאָטש די מענטשן זענען וואַך, קיינער שלאָפט נישט.

יידן האָבן נאָך אין מיטן טאָג פאַרמאַכט זייערע קראָמען, באַלמעלאָכעס האָבן איבערגעלאָזט זייערע מאַשינען מיט די וואַרשטאַטן, אין די שטיבער האָט מען פאַרהאַנגען די פענצטער מיט טונקעלע שמאַטעס און מען האָט פאַרהאַקט די טירן. טייל האָבן זיך באַהאַלטן אין קאַמערס, אין קעלערס, מען איז אַריינגעקראָכן אין פאַרשידענע לעכער און מען האָט זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן. מען האָט מורא געהאַט אַרויסצולאָזן אַ קרעכץ, צי אַ זיפץ. מאַמעס האָבן געשטופּט זייערע ליידיקע ברוסטן אין די מיילעכלעך צו די זויגנדיקע קינדער, כדי צו דערשטיקן זייער געוויין.

אין דער שווערער שטילקייט האָבן זיך דערהערט ווייטע שיסערייען. מיט אַמאָל האָבן פלאַמען פון ברענענדיקע שטאָטישע געביידעס אין עטלעכע ערטער פאַררויטלט דעם פאַרוואָלקנטן הימל.

פאַרטאָג האָט זיך דערהערט אַ נייער מענטשן־גערודער. באַלד האָבן פערדישע פאָדקאָוועס אָנגעהויבן הילכיק קלאַפּן איבער די אָפּגערוטע שטיינער אויף די שטילע גאַסן, אָבער אין די שטיבער ווייסט מען נישט, צי דאָס איז אַ פאַרשפּעטיקטע פּאַרטיע פון דער פּוילישער אַרמיי, אָדער דאָס זענען שוין אָנגעקומען די באָלשעוויקעס, אויף וועלכע מען ריכט זיך. אין די שטיבער רירט מען זיך נאָך נישט פון אָרט.

נאָר ווען די זון האָט שוין אַ שטיק וועגס אויפן הימל אָפּגעשפּאַצירט און אַדורכגעשטופּט אירע שטראַלן דורך שפּאַרעס אין די קעלערן און קאַמערן, האָבן זיך דערהערט פריילעכע געזאַנגען פון די אָנקומענדיקע באָלשעוויקעס. די געזאַנגען האָבן אָפּגעקלונגען איבער דער גאַנצער שטאָט. ערשט דעמאָלט האָבן מענטשן אָנגעהויבן זיך צו רירן אין די באַהעלטענישן. פּאַמעלעך האָט מען זיך צוגעשאַרט ווער צו אַ פענצטער, ווער צו אַ טיר און אַרויסגעקוקט דורך אַ שפּאַרע. דערנאָך האָט מען צו ביסלעך אָפּגעשפּאַרט די טירן און אָנגעהויבן אַרויסשטעקן די קעפּ. ווען מען האָט מיט די אייגענע אויגן דערזען די באָלשעוויקעס, איז מען

ערשט, ווי פון תפיסות באַפרייטע, אַרויס אויף די גאַסן. די גאַנצע שטאָט האָט ווי לויט אַ סיגנאַל מיט אַמאָל אויסגעליידיקט די הייזער און די גאַסן זענען געוואָרן געדיכט מיט מענטשן.

זלאַטע דרייט זיך אַרום צווישן אַ סך אַנדערע אויף דער וואַרשעווער גאַס. זי זוכט באַקאַנטע, זי וואָלט וועלן וויסן ווי אַזוי די נאַכט איז דורכגעגאַנגען ביי אַנדערע און וואָס מען טראַכט וועגן דער נייער אַריינ־געקומענער אַרמיי. מיט אַמאָל זעט זי ווי סרולקע קומט איר אַנטקעגן. זי דערפרייט זיך. ער וועט איר שוין אַלץ דערציילן. זי שטייט גרייט מיט אים צו רעדן, נאָר ער שטעלט זיך נישט אָפּ. ער גיט איר פאַרביי־גייענדיק אַ ברייטן שמייכל, זאָגט אַ הויכן גוט מאָרגן און לויפט אַוועק. קאָנטיק, אַז ער איילט זיך שטאַרק, שפּאַנט ער מיט גיכע טריט. מען קאָן זאָגן, אַז ער גייט נישט נאָר ער לויפט. דאָס פּנים איז ביי אים צעשטראַלט, די אויגן פינקלען.

זלאַטען אַרט נישט, וואָס ער שטעלט זיך נישט אָפּ מיט איר. זי ווייסט נישט פאַרוואָס, נאָר עס ווערט איר אויף פריילעך. זי דרייט זיך אויס און גייט אים נאָך, כאָטש זי טראַכט נישט און ווייסט נישט צוליב וואָס זי טוט דאָס. אַז זי זעט ווי ער לויפט אַריין אין מאַגיסטראַט, בלייבט זי שטיין פאַר דער טיר אויף דער גאַס, זי האָט נישט קיין מוט אַהין אים נאָכצוגיין.

פאַרן מאַגיסטראַט שטייען אַ סך מענטשן, דאָס רוב יונגע בחורים. מיידלעך זעט מען ווייניק. מען רעדט הויך. די מורא, וואָס איז ערשט נישט לאַנג צוריק געלעגן אויף אַלעמען, איז מיט אַמאָל פאַרשוואונדן.

פּלוצים דערזעט זלאַטע ווי באַלעק קומט אָן. פון גרויס פרייד גיט איר אַזש דאָס בלוט אַ שלאָג אין פּנים אַריין. ער טראָגט איר אַנטקעגן אַ ברייטן שמייכל, פאַרנייגט זיך פאַר איר, נעמט אַראָפּ מיט דער לינקער האַנט דאָס היטל און די רעכטע שטרעקט ער אויס צו איר. ער טראָגט־צו פּאַמעלעך איר האַנט צו זיינע ליפּן און קושט זי. זלאַטעס האַרץ פלאַטערט פון גליק.

נאָך אַ ווײַלע שווייגן פרעגט זי:

— פון וואַנען האָסטו זיך גענומען? ווי אַזוי קומסטו פּלוצלינג אַהער?

ווען עס וואָלטן נישט געשטאַנען אַזויפיל מענטשן, פילט זי, וואָלט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אויף זיין האַלדז און אים הייס געקושט.

— איך האָב זיך דערוואוסט, אַז די באָלשעוויקעס גייען קיין שעדלעץ, — זאָגט ער מיט אַ שמייכל, נאָך אַלץ האַלטנדיק איר האַנט, — בין

איך געקומען מיט זיי זיך באַקענען. ווילסט אפשר אַריינגיין אין מאַגיסט־ראַט, זיך פאַרשרייבן עפּעס צו טאָן? איצט איז פאַראַן אַ סך אַרבעט פאַר יעדערן. דו וואָלסט געקאָנט אַרויסהעלפן.

— ניין, באַלעסלאַוו טייערער, — ענטפערט זי אי מיט צופרידנקייט וואָס ער שלאָגט איר דאָס פאָר, אי מיט באַדויער וואָס זי קאָן דאָס נישט טאָן. — איך מוז גיין קיין איגאַן, מיין מאַמע האָט דאָרט געדונגען אַ סעדל.

זי האָט דערוואַרט, אַז ער וועט אַרויסווייזן צופרידנקייט און זאָגן: „זייער גוט, איך וועל קומען אויפן דאָרף דיך זען". נאָר באַלעק האָט דאָס נישט געזאָגט. איגאַן איז אים, ווייזט אויס, איצט גאָר נישט אָנגעגאַנגען. ער האָט זיך אויף קיינעם פון דאָרף נישט נאָכגעפרעגט. ער האָט זיך באַלד ווידער פאַר איר פאַרנייגט, איר נאָך אַ מאָל אַ קוש געטאָן די האַנט און געזאָגט:

— נישטאָ איצט קיין צייט צו רעדן, מען מוז איינשטעלן אָרדענונג אין שטאָט.

און ער איז אַריין אין מאַגיסטראַט, אַזוי ווי סרולקע.

באַלד באַווייזט זיך אויפן באַלקאָן פון מאַגיסטראַט איינער אין אַ שוואַרצער בלוזע מיט בלאָנדע, פלאַקסענע האָר. ער לייגט אַוועק די הענט אויפן געמויערטן אָפּצאַם און הייבט אָן רעדן. אַלע מענטשן, וואָס שטייען אויף דער גאַס פוןביידע זייטן טראָטואַר, רייסן אַרויף די קעפּ. מען איז נייגעריק צו הערן וואָס דער נייער מענטש וועט זאָגן. ער רעדט געלאַסן, דערציילט פּאַמעלעך, זונדערט אָפּ וואָרט פון וואָרט, דער־קלערט וואָס די באַלשעוויקעס ווילן טאָן פאַרן וואוילזיין פון די אַרבעטער, פּויערים און די ברייטע פאָלקס־מאַסן.

— מיר, די באַלשעוויקעס, — זאָגט ער, — ווילן די פּריצישע פעלדער זאָלן צעטיילט ווערן צו די ערדלאָזע פּויערים; די אַרבעטער זאָלן זיין באַזאָרגט מיט אַרבעט און נישט דאַרפן זיך זאָרגן פאַרן שטיקל ברויט דעם טאָג איבערצוקומען. מיר ווילן, אַז אַלע זאָלן האָבן צו עסן. און ווער עס וויל באַלד אָנהייבן אַרבעטן, — האָט ער פאַרענדיקט, — קאָן זיך שוין קומען פאַרשרייבן.

אויף מאָרגן האָט מען אין עטלעכע גאַסן אַראָפּגערעדט פון די באַל־קאָנען. אין אָוונט שפּאַצירן מענטשן גרופּעסווייז איבער דער וואַרשעווער גאַס. מען רעדט איבער וואָס די רעדנער האָבן געזאָגט. מען פאַרטייטשט,

מען שפּאַרט זיך. עס שטייען רעדלעך מענטשן און עס גייען אָן פייערדיקע דיסקוסיעס.

יונגוואַרג גייען איבער די גאַסן און זינגען לידער אויף פּויליש, רוסיש און יידיש. זיי זינגען מיט האַרץ און פילן זיך פריי און פריילעך.

זלאַטען ווילט זיך שטאַרק זיין אין שטאָט. זי האָט נישט קיין חשק צו גיין אויפן דאָרף. האָט זי געפּועלט ביי דער מאַמען, אַז זי זאָל דער־ווייל אַליין גיין אין סעדל אַריין. זי וויל זייער שטאַרק זיך נאָכאַמאָל זען מיט באַלעקן, נאָר מען זעט אים נישט. סרולקען זעט זי אויך נישט.ביידע זענען זיי זייער פאַרנומען אַ גאַנצן טאָג אין די ערטער, וואו מען פאַרשרייבט זיך אויף אַרבעט, און אין די אָוונטן אויף פאַרזאַמלונגען. זלאַטע וואָלט אויך וועלן גיין אויף די פאַרזאַמלונגען, נאָר קיינער האָט זי נישט איינגעלאַדן. מען רופט זי נישט און אַליין וויל זי נישט גיין. דרייט זי זיך אַרום גאַנצע טעג אויף די גאַסן, זי וויל אַלץ מער זיך דער־וויסן ווי אַזוי די באַלשעוויקעס קלויבן זיך דאָ איינצושטעלן דאָס לעבן.

פרייטיק איז די מאַמע געקומען צו לויפן פון דאָרף און זיך צעשריגען אויף זלאַטען:

— וואָס האָסטו זיך דאָ אָוועקגעזעצט און געלאָזט מיך איינע אַליין אין סעדל?

ס'איז נישט אַזוי ווייל זי דאַרף דאָרט ביטיק האָבן זלאַטען, נאָר זי האָט מורא, אַז יענע זאָל זיין אין שטאָט.

— איך וויל נישט, — זאָגט זי, — דו זאָלסט זיך מישן דאָרט וואו סרולקע קאָכט זיך. דו מוזט נישט גיין וואו אַלע לויפן זיך אָן. אַ מיידל איז נישט קיין יינגל. מען ווייסט נישט וואָס פון די פאַרזאַמלונגען קאָן נאָך אַרויסקומען.

— וואו, ווען בין איך געגאַנגען אויף פאַרזאַמלונגען? וואָס שרייסטו?

— ענטפערט זלאַטע בייזלעך. נאָר באַלד כאַפּט זי זיך וואָס די מאַמע מיינט, אַז זי האָט מורא זי זאָל נישט אַריינגעצויגן ווערן אין דער נייער קאָכעניש.

פאָר באַשקען זאָרגט נישט די מאַמע. יענע האָט אַביסל אַרבעט, זיצט זי אין שטוב און נייט. אַ חוץ דעם איז זי פון דער נאַטור אַ שטילערע, נישט אַזאַ ברען ווי זלאַטע.

נאָך דעם ווי די מאַמע שרייט אָפּ, זאָגט זלאַטע צו איר מיט אַ טאָן פון באַרואיקונג:

— מאַמע, האָב נישט קיין מורא, איך גיי נישט אין קיין שום

געפערלעכע ערטער. איך וויל זיין אין שטאט בלויז ביז איבער זונטיק. מאָנטיק וועל איך קומען אין סעדל אַריין.

נישט אַלע אין שטאָט זענען צופרידן פון די נייע פּאַראַנדקעס, וואָס די באָלשעוויקעס זאָגן־צו איינצופירן. אין קאָזשע געסל שטייען יידן מיט נישט קיין פריילעכע פּנימער, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און האָבן מורא צו עפענען דאָס מויל. איידער מען זאָגט אַרויס אַ וואָרט, קוקט מען זיך אַרום, צי עס שטייט נישט קיין פרעמדער מענטש.

גראָד אַט־די יידן האָבן אַלעמאָל גערעדט הויך. איצט שושקען זיי זיך:

— פּאַרקויף מיר אַביסל זייף — רוימט־איין לעמל קאָזע חנא פּרעס־אייזענען אין אויער, קיינער זאָל נישט דערהערן.

— ווער האָט זייף, ווער? — בייזערט זיך חנא פּרעסאייזן אויף לעמל קאָזע און מאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער האָט נישט קיין איין שטיקל.

גרשון קאַלב פרעגט ביי שעפּסל דאַש מיטן זעלבן סודותדיקן טאָן:

— שעפּסל, איך וועל אפשר קריגן ביי אייך צו קויפן אַ זעקל צוקער?

— וואו זאָל איך דיר נעמען צוקער, פון וואַנעט? — גיט שעפּסל דאַש קרום אַ קוק אויף גרשון קאַלב און גיט אַ דריי דאָס היטל פון אויפרעגונג. ביי שעפּסלען איז כמעט אַלע מאָל דער דאַשעק פון היטל אויף אַ זייט, טאָקע דערפאַר רופט מען אים שעפּסל דאַש.

ס'איז מיט אַמאָל געוואָרן אויס מיט אַלע סחורות, באַקלאָגן זיך די קויפער. עס איז קלאָר, אַז מען באַהאַלט, מען וויל נישט אויסזאָגן אַז מען האָט עפּעס צו פּאַרקויפן; אפשר וועט דאָס אַרטיקל אויספעלן אויפן מאַרק, וועט מען קאָנען נעמען אַ העכערן פּרייז.

בייניש לאַקש, אַ ייד אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס, וואָס איז מער פּלאַפּלער ווי סוחר, האַלט אין איין מאַכן מיט די הענט און רעדן:

— ביי זיי איז האַנדל אַזאַ פּאַרברעכן ווי למשל גנבה. נישטאָ ביי זיי קיין קונצן. אַז זיי זאָגן אויס האַנדל, איז אויס, כאַטש גיי איצט אין אַ פאַבריקע אַריין, פּאַרקאַטשע די אַרבל און שטעל זיך אַרבעטן, אַ שוואַרץ יאָר אויף זיי!

אַלע אין קאָזשע געסל זענען מסכים מיט ביינישן. ווער עס שאָקלט־צו מיטן קאָפּ, ווער עס גיט אַ זיפץ אָדער טוט זיך אַ קראַץ אין דער באָרד. אַלע האָבן מורא, אַז ס'איז אויס מיטן האַנדל, אויס מיט זייערע פּרנסות.

דער לאָמער מאָטקע שטייט אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן. צו אַלע

בייזע רייד, וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט אויף די באָלשעוויקעס, לייגט ער נאָך צו אַ פּאָר קללות:

— אַן אויספּליקעניש אויף זיי, אַ כּרישפּקע אין זייערע העלדזער, וועלן זיי נישט קאָנען רעדן פון די באַלקאָנעס זייערע שיינע רייד! — קריכט ער אַלע מאָל אַריין מיט אַן אַנדער קללה. ער פילט, אַז אים איז ערגער פון אַנדערע. זיין יונג ווייבל, וועמען ער האָט איינגערעדט אַז ער איז אַ גרויסער געשעפטסמאַן און אַז זי וועט ביי אים האָבן אַ רייך לעבן, האָט ער מורא, וועט אים איצט פאַרלאָזן. וואו וועט ער נעמען איר צו געבן אויף טייערע קליידער, וואָס זי האָט ליב צו טראָגן, אויף איינשטיין אין גרויסאַרטיקע פּאַנסיאָנען אויף דאַטשע, אויף דעם דימענטענעם רינג, וואָס ער האָט איר צוגעזאָגט צו זייער חתונה־יובילייº? זי וועט אויף זיכער נישט וועלן מיט אים וואוינען. צו וואָס דאַרף זי אים, אַ קאַליקע, וואָס הינקט און גייט איינגעבויגן מיט אַ שטעקן? אָט דערפאַר האַלט ער אין איין שעלטן די באָלשעוויקעס.

אַז בינעם בייגל, דער מעקלער, קומט־צו צו די יידן אין קאָזשע געסל, צעקלאַפּט ער זייער מרה־שחורה. בינעם בייגל איז ווייט פון צו זיין אַ גביר, ער איז אָבער אַ מענטש, וואָס פאַרלירט קיינמאָל נישט די האָפענונג.

— יידן! — זאָגט ער הויך אויפן קול מיט זיין גראָבער, באַסאָווער שטים. — דעם בטחון אין גאָט טאָר מען נישט פאַרלירן. די וועלט גייט נאָך נישט אונטער, אַ וועלט איז געווען און אַ וועלט וועט זיין. יידן האָבן געהאַנדלט און וועלן ווייטער האַנדלען. מען וועט זיך שוין אַן עצה געבן, נישקשה, גאָט וועט העלפן.

אויפן דריטן טאָג ווי די באָלשעוויקעס זענען אָנגעקומען האָט מען אַרויסגעקלעפּט באַקאַנטמאַכונגען: פּאַר רויבעריי און סאַבאָטאַזש וועט מען שטרענג באַשטראָפט ווערן. נאָך איידער די באַקאַנטמאַכונגען זענען אַרויסגעקומען, זענען צוויי חברה־לייט אַרויפגעקומען צום גביר לייבקע קאָהן. זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז זיי זענען געשיקט געוואָרן פון דער מאַכט זיי זאָלן אָפּנעמען ביי אים זיין גאָלד און זילבער, און זיי האָבן צוגענומען ביי אים אַלע ווערטפולע זאַכן, וואָס זיי האָבן געפונען אין שטוב. לייבקע איז אָבער נישט קיין נאַרישער ייד, האָט ער באַלד געמאָלדן וואו מען האָט געדאַרפט, לאָזט זיך אויס, אַז זאַנוועלע קאָטער איז מיט זיי פאַרבונדן. מען שמועסט אין שטאָט, אַז אַלע דריי האָט מען געכאַפּט און זיי וועלן שוין מער די ליכטיקע שיין נישט אָנזען.

זונטיק, ווען דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין פון די קלויסטערס, האָבן זיך ווידער אָוועקגעשטעלט די באָלשעוויקעס רעדן אויף די באַל־קאָנען. די מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, אַרויפגעריסן די קעפּ, אָנגעשפּיצט די אויערן און מיט ברייט־צעעפנטע אויגן אַריינגעקוקט דעם רעדנער גלייך אין פּנים אַריין.

יונה דער וואַסערטרעגער האָט זיך מיט די קראַמיסלעס אויפן אַקסל אַריינגעשטופּט צווישן די פּאַליאַקן. ער דערזעט, אַז בערקע שוסטער שטייט דאָרט אויך. ער קוקט אַרויף צום רעדנער און פון צופרידנקייט גיט ער אַלע ווײַלע בערקען אַ שטורכע אין אַ זייט מיט די קראַמיסלעס. יונה וואַסערטרעגער האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט געפילט אַזוי גוט, אַזוי יום־טובדיק, ווי ער פילט זיך איצט. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן שטייט ער צווישן אַזאַ מאַסע פּאַליאַקן און האָט פאַר קיינעם קיין מורא נישט. ער פילט זיך ווי אַ פרייער מענטש, דרייט ער זיך אַרום אַ צופרידענער, מיט די קראַמיסלעס אויף די אַקסל און שמייכלט אין די האַלב־גרויע וואָנסעס אַריין.

ווען דער רעדנער האָט אַרויסגעזאָגט: „צו די, וואָס באַאַרבעטן די פעלדער, געהערט די ערד“, האָבן פּויערים זיך איבערגעקוקט, געשאָקלט מיט די קעפּ און צוגעמורמלט: „ראַציאַ, ראַציאַ!“ ער איז גערעכט, הייסט עס. און ווען דער רעדנער האָט געזאָגט: „די אַרבעטער זענען די בויער און שאַפער, דאַרפן זיי האָבן די דעה איבערן לעבן“, האָט זיך בערקע דער שוסטער דערפילט פאַר גאָר אַ חשובן מענטשן, ווי ער אַליין וואָלט שוין געווען דאָ אַ שטיקל באַלעבאָס.

אויפן טראָטואַר פון דער צווייטער זייט גאַס זענען געשטאַנען עטלעכע פּריצים און שטילערהייט צווישן זיך גערעדט. זיי האָבן צום רעדנער נישט געקוקט. איינער האָט מיט זיין עלעגאַנטן שפּאַציר־שטעקן פאַמעלעך געשאַרט די אַראָפּגעפאַלענע געלע בלעטער, די אַנדערע האָבן מיט עטוואָס־געבויגענע קעפּ אומעטיק געקוקט ווי יענער שאַרט די בלעטער און האָבן נישט געוואָלט אַפילו אַ בליק טאָן אויף דער גרויסער מאַסע מענטשן, וואָס הערט זיך צו צום רעדנער.

בערקע שוסטער כאַפּט אַ קוק אויף יענעם טראָטואַר, וואו די עטלעכע פּריצים שטייען אויסגעדרייט מיט די רוקנס צו דער גאַס און גיט אַ זאָג שטילערהייט:

— זאָלן זיי פּלאַצן!

— ווער?! — פרעגט יונה וואַסערטרעגער אַ פאַרחידושטער.

— זיי, וואָס שטייען דאָרט, — ווייזט בערקע מיט די אויגן אויף די פּריצים.

— אָ, זיי! — גיט זיך יונה אַ כאַפּ. — זאָלן זיי קראַפּירן!

ווען דער רעדנער האָט פאַרענדיקט און דער עולם האָט זיך שוין געהאַט פונאַנדערגעגאַנגען, איז בערקע שוסטער נאָך אַלץ דאָרט געשטאַנען, נישט געוואָלט זיך רירן פון אָרט. די רייד, וואָס ער האָט נאָר וואָס געהערט, האָבן אים אַריינגעגעבן האָפענונגען פאַר זיין בידנעם לעבן, איז אים דאָס אָרט ליב געוואָרן און דער רעדנער איז אים געוואָרן אַזוי נאָענט ווי אַן אייגענער ברודער. ווען דער רעדנער וואָלט איצט אַראָפּגעקומען, טראַכט בערקע, וואָלט ער צו אים צוגעגאַנגען, אים דערלאַנגט זיין שוואַרצע, מיט סמאָלע אויסגעשמירטע, שוסטערשע האַנט, געזאָגט אים אַ וואַרעמען ברייטן „גאָט העלף" און אים דערציילט, אַז זיין זון סרולקע איז זיינער אַ חבר; אַז די גאַנצע וואָך זינט די באָלשעוויקעס זענען אַריינגעקומען איז סרולקע פאַרנומען טאָג און נאַכט מיט העלפן איינשטעלן די נייע אָרדענונג.

* * *

זלאַטען איז אַ שאָד איבערצולאָזן דאָס נייע ברויזנדיקע לעבן אין שטאָט. עס רוקן זיך אָבער צו די ראש־השנה טעג און די צייטיק־געוואָרענע פּרוכטן אין סעדל וואַרטן מען זאָל זיי אַראָפּנעמען פון די ביימער. אין דעם ליגט דאָך דער מאַמעס גאַנצע האָפענונג. אַז זי וועט פאַרקויפן דאָס אויבסט פאַר אַ ריכטיקן פּרייז צו דער צייט, וועט זי האָבן פאַר וואָס צו קויפן קאַרטאָפּליעס מיט אַ ביסל האָלץ אויפן ווינטער. ביידע מיידלעך גייען כמעט באָרוועס, האָבן נישט אין וואָס אין גאַס אַרויסצוגיין, האָפט מען, אַז אפשר וועט נאָכן פאַרקויפן דאָס אויבסט איבערבלייבן פאַר זיי אויף שיך צו קויפן. האָט דאָס זלאַטע שטאַרק אין זינען. זי ווייסט, אַז זי מוז גיין אויפן דאַרף העלפן אָפּשאָקלען און צונויפקלויבן אין פּעסלעך די רייף־געוואָרענע עפּל, באַרנעס און ווענגערקע־פלוימען און מאַכן אַ סוף מיטן סעדל.

אָפּצושאָקלען פון די ביימער די פּרוכטן האָט די מאַמע געדונגען פּאַוולען, סצעפּאַנס זון, ווייל נישט זי און אפילו נישט זלאַטע קאָן קריכן אויף די ביימער. אין דער זעלבער צייט האָט די מאַמע זיך באַדונגען מיטן אַלטן סצעפּאַנען ער זאָל אַוועקפירן דאָס אויבסט אין שטאָט אַריין.

עטלעכע טעג האָבן זיי שווער געאַרבעט און ווען אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט, דערהערט מען פּלוצים אויפן שאָסיי אַ שטאַרק־איילנדיקן געלאַף פון אַן אַ שיעור פערד מיט וועגענער.

זלאַטע קריכט אַרויף אויפן פּלויט, קוקט זיך איין צום שאָסיי און עס פאַלט אַן אויף איר אַ גרויסער פּחד. זי זעט ווי רייטנדיקע באַל־שעוויקעס יאָגן די פערד מיט גרויס אימפּעט, די וועגענער זענען אָנגעפּאַקט מיט מיליטער, אויף טייל זעט מען ציווילע מענטשן אויך. די פּויערים האָבן דערהערט דעם ראַש, האָבן זיי די אַרבעט אַוועקגעוואָרפן, מען איז פון די שטיבער אַרויסגעלאָפן אויפן פעלד צום שאָסיי קוקן. מען זעט ווי די אַנטרייבער שמייסן די פערד מיט אַלע כוחות. די פערד הייבן די פאָדערשטע פיס און שפּרינגען אין דער הויך פון די שמיץ וואָס זיי קריגן, אַז עס כאַפּט אַזש אָן אַ שרעק. נאָר קיינער פון די דאָרפסלייט ווייסט נישט וואָס דאָ קומט פאָר, וואוהין לויפן יענע אין אַזאַ איילעניש.

דער שאָסיי ווערט פון מינוט צו מינוט געדיכטער. יעדער איינער וויל אַריבעריאָגן דעם אַנדערן, עס איז אַ געדראַנג, אַ מהומה. עס הייבט זיך אַ שטויב, ווי אַ געדיכטער שווערער טומאַן, און פאַרטונקלט דעם גאַנצן שאָסיי, מען זעט שוין באַלד נישט וואָס דאָרט קומט פאָר, ווי אַ פאַרע פון אַ קאָכעדיקן קעסל וואַלט אַלץ פאַרשטעלט. נאָר דאָס קנאַקן פון די פערדישע פּאָדקאָוועס מיט די שנעל זיך באַוועגנדיקע רעדער איבער די שטיינער הילכן אָפּ, אַז עס ציטערט אַזש די ערד און עס טרייסלט זיך דער גאַנצער אַרום. אַלע דערפילן, אַז עפּעס אויסער־געוויינלעכס קומט פאָר. פּויערים צלמען זיך, טייל קניען אפילו און זאָגן שטיל אַ תפילה.

אין דעם קומט אָן פון שטאָט אויפן בריצישן וועגעלע פאַן טשעלע־מענצקי. דאָס דאָרף באַפאַלט אים, מען רינגלט אים אַרום.

— פאַניע טשעלעמענצקי, וואָס איז פּלוצים געשען, וואָס איז דער געלאַף? — פרעגן עטלעכע אויף אַ מאָל. אַנדערע שטופּן זיך צו אים, ווילן הערן וואָס ער וועט דערציילן. נאָר דער אַלטער טשעלעמענצקי איילט זיך נישט. ער שטייט רואיק לעבן זיין וועגעלע און ווישט דעם שוויס פון פערד.

— פאַניע טשעלעמענצקי, וואָס האָט געטראָפן, ווער יאָגט דאָ וועמען? — הערן זיך שטימען.

דער אַלטער פאַרהאַלט איין האַנט אויפן מידן פערד, גיט אַ קוק אויפן עולם און מיט אַ שמייכל אויפן פּנים זאָגט ער געלאַסן:

— גאָט איז גוט צו אונדז. דאָס האָבן אונדזערע פּוילישע אַרמייען אַנגעיאָגט די באָלשעוויקעס. ס'איז אַ סברה, אַז מען האָט זיי אַרומגערינגלט, יאָגן זיי זיך, זוכן צו אַנטלויפן. נאָר וואו ווען זיי גיין, אַז מען האָט זיי אַרומגערינגלט, כאַ־כאַ־כאַ! — צעלאַכט ער זיך אויפן קול.

— איר זאָלט זען וואָס עס טוט זיך אין שטאָט! — ווערט ער שוין באַריידעוודיקער. — זיי לויפן הענדום־פּענדום, ווי פאַרסאַמטע. זשידקעס לויפן אויך מיט זיי. ווער פון זיי עס קאָן זיך נאָר אַרויסכאַפּן אויף אַ וואָגן, איז יאַזדאַ. זשידאוווקעס לויפן נאָך די וועגענער, וויינען, שרייען. נאָר ווער הערט זיי? יונג און אַלט לויפט, עס טראָגט זיי, ווי אַ בייזער רוח וואָלט זיי געטריבן כאַ־כאַ־כאַ!

דער עולם איז זיך באַלד צעגאַנגען, נאָר צו דער אַרבעט האָט מען זיך יענעם טאָג שוין נישט געקאָנט נעמען. די צערודערונג האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן. קיינער האָט נישט געוואוסט אַקוראַט ווי עס האַלט מיט דער מלחמה און וואָס פון דעם געלאַף וועט נאָך אַרויסקומען.

פאַרנאַכט האָט מען שוין געוואוסט, אַז די באָלשעוויקעס האָבן נישט באַוויזן צו אַנטלויפן. די פּוילישע אַרמייען האָבן זיי פאַרשטעלט דעם וועג און עס טוט זיך חושך.

# נאָך די באָלשעוויקעס

אויף מאָרגן אָרום מיטאָג־צייט איז די פּאָליאַנקין אַ פאַרסאָפּעטע געקומען צו לויפן אין סעדל אַריין און אַ זאָג געטאָן מיט שרעק צו זלאַטעס מאַמע:

— ווי גאָט איז אייך ליב, שייקאָווא, באַהאַלט שנעל אייער מיידל. אַ פּוילישער זעלנער אויף אַ פערד — זאָגט זי מיט אַ שווערן, סאָפּענדיקן אָטעם — פרעגט זיך נאָך אויף איר. איך האָב געטראָגן די חזירים עסן, הער איך ווי עמיצער פרעגט ביי דער גולקאָווסקע: „ביי אייך איז דאָ ערגעץ פאַראַן, האָט מען מיר געזאָגט, אַ יונגע זשידאָווקע, וואו איז זי דאָ?" בין איך געקומען אייך זאָגן, זי זאָל זיך באַהאַלטן, ווי גאָט איז אייך ליב.

דער מאַמעס און זלאַטעס פּנימער זענען געוואָרן ווייס ווי קרייד. זיי זענען געבליבן ווי פאַרשטאַרט און נישט געוואוסט וואָס אין דער מינוט צו טאָן.

— באַלעמוטשעט נישט, ער קאָן דאָך צו יעדער מינוט אַריינלויפן!

— שרייט די אַלטע פּויערטע. — זלאַטע, לויף גיך, באַהאַלט זיך!

— וואוהין זאָל זי לויפן, וואו זאָל זי זיך באַהאַלטן? — שטאַמלט די מאַמע מיט שטיקנדיקע טרערן און ברעכט די הענט. זלאַטע, אַ פאַרציטערטע, טראַכט אַ ווײַלע און גיט באַלד אַ זאָג:

— איך וועל אַריין אין די מאַלינע־קזשאַקעס, דאָרט איז גוט זיך צו באַהאַלטן.

— ניין, ניין, עס טויג נישט, — שרייט די פּאָליאַנקין, — עס קאָן אים איינפאַלן דאָרט צו זוכן. וועט ער דיך געפינען, דאַן ביזטו אומגליקלעך.

— אפשר זאָל איך לויפן אויף טשעלעמענצקעס הויף, זיך דאָרט באַהאַלטן אין אָפּטריט? — פרעגט זלאַטע און זי טרייסלט זיך, ווי עס וואָלט איר געוואָרפן אַ קדחת.

— קום מיט מיר, — גיט די פּאָליאַנקין מיט אַמאָל אַ זאָג, — ביי

מיר אין שטאַל, וואו די קו שטייט, איז פאַראַן אַ גוט ווינקעלע וואו איך קאָן דיך פאַרשטעלן מיט אַ בינט שטרוי.

זיי קאָנען אָבער נישט גיין מיטן וועג. דער זעלנער רייט דאָרט אַרום מיטן פערד, בלייבן זיי אַלע דריי שטיין פאַרלוירענע. נאָר זלאַטע טראַכט נישט לאַנג און גיט אַ זאָג צו דער פויערטע:

— איר גייט מיטן וועג, איך וועל קומען הינטן אַרום מיטן פעלד.

און אין איין אויגנבליק גיט זי אַ קלעטער אַרויף אויפן פלויט און קריכט אַריבער אויף דער אַנדערער זייט סאַד. זי לויפט לעבן די שייערן צו דער פּאַליאַנקין, וואָס וואוינט אין סאַמע עק דאָרף.

און אַזוי האָט די פּויערטע זי באַהאַלטן ביז דער זעלנער האָט פאַרלאָזט דאָס דאָרף.

אויפן אַנדערן טאָג האָט מען אַנגעפּאַקט אַ וואָגן מיט אויבסט, אָבער עס איז נאָך געבליבן אַ סך, מען האָט אַלץ נישט געקאָנט אַרויפּלייגן, האָט די מאַמע געמוזט איבערבלייבן אין סעדל און זלאַטע איז אַליין מיט דער פור אַוועק אין שטאָט אַריין.

דער שאָסיי איז ליידיק. סצעפּאַן פאָרט פּאַמעלעך, די עפּל זאָלן זיך נישט צעקלאַפּן פון צופיל טרייסלען. זלאַטע זיצט לעבן פורמאַן אַנגעטאָן ווי אַ דאָרפישע, מען זאָל נישט דערקענען אַז זי איז אַ יידישע, פונדעסטוועגן צאַפּלט זיך ביי איר דאָס האַרץ פון שרעק. זי זעט ווי אויף דער לאַנקע לעבן טייך זיצן עטלעכע פוילישע זעלנער אַרום אַ פייער. אין דעם דערזעט זי אַנקומען איר אין פנים אַריין אַ פּאַרטיע יידן מיט פאַרבונדענע, צעקלאַפּטע קעפּ און מיט פאַרבלוטיקטע פּנימער. זיי שאַרן זיך פּאַמעלעך, קוים וואָס זיי שלעפּן די פיס.

גיט זלאַטע אַ שפּרונג אַראָפּ פון וואָגן און לויפט פאַראויס פון פערד די יידן אַנטקעגן.

— פון וואַנעט, וואוהין גייט איר, יידן? — גיט זי זיי אַ פרעג מיט אַנגסט.

— מען האָט אונדז געכאַפּט אויפן וועג מיט די באָלשעוויקעס, — זאָגט איינער אַ מיטליאָריקער מאַן, — קוים וואָס מען האָט אונדז לעבעדיק אָפּגעלאָזט.

— וואוהין גייט איר איצט?

— קיין קאַלושין גייען מיר, — רופט זיך אָן אַן אַנדערער, און אַלע בלייבן שטיין.

— שוין דער דריטער טאָג, — זאָגט אַן עלטערער ייד, — ווי מיר האָבן נישט געגעסן, נישט געהאַט קיין ביסל וואַסער אין מויל.

זלאַטע דערהערט דאָס, גיט זי אַ געשריי צום פורמאַן, וואָס איז שוין פאַרבייגעפאָרן:

— עי, סצעפּאַניע!

די פור שטעלט זיך אָפּ.

— קומט, יידן! — רופט זיי זלאַטע מיט זיך און לויפט פאַראויס צום וואָגן. זי גיט מיט אימפּעט אַ הייב־אויף פון דער זייט אַ ברעט. — האַלט די פּאַלעס! — שרייט זי אויס.

אַלע לויפן צו צום וואָגן מיט אויסגעשפּרייטע פּאַלעס און עס שיטן זיך צו זיי עפּל און באַרנעס.

די זעלנער אויף דער לאַנקע האָבן דערזען אַ פּאַרטיע יידן לעבן אַ וואָגן, האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן צו זיי.

— זעלנער, זעלנער לויפן! — גיט אַ ייד אַ געשריי.

אַלע רוקן זיך אָפּ פון וואָגן, בייסן מיט אויסגעהונגערטער גירִיקייט די פרוכטן און שטופּן זיי שנעל אין די קעשענעס און אין די בוזעמס אַריין און הייבן אָן גיין מיט גיכע טריט.

זלאַטע לאָזט אָפּ דאָס ברעט, זי שאַרט זיך אַוועק אין אַ זייט און לאָזט זיך אַראָפּ אין ראָוו אַריין, מען זאָל זי נישט זען. נאָר סצעפּאַן מיטן פערד און וואָגן בלייבט שטיין רואיק, גלייך ווי גאָרנישט וואָלט פּאַסירט. ער שאַרט אַראָפּ דאָס אויבסט פון מיטן אויף דער זייט, וואו עס איז געוואָרן ווייניקער, זעצט אַראָפּ פעסט דאָס אויפגעהויבענע ברעט, דעקט צו די פרוכטן און דרייט זיך, ווי ער וואָלט פאַרריכט דעם וואָגן. ער טוט דאָס בכיוון, זלאַטע זאָל קאָנען אָפּלויפן אַ שטיקל וועגס, די סאָלדאַטן זאָלן זי נישט באַמערקן.

דריי זעלנער קומען צו. איינער גיט אַ שלעפּ אַראָפּ אַ שמאַטע, וואָס האָט פאַרדעקט די עפּל, און דערזעט וואָס איז אויפן וואָגן, ווערן זיינע אויגן משונהדיק ווילד.

— דו פירסט זשידאָווסקע אויבסט? ווער האָט די זשידעס געטיילט פרוכט? וואו איז ער, דער זשיד? — שרייט ער גרילצנדיק אויף סצעפּאַנען. די אַנדערע צוויי שווייגן.

— וואָס פאַר אַ זשיד? פּאַנאָוויע האָבן אַ טעות, דאָס איז מיינע פרוכטן פון מיין סעדל, — ענטפערט סצעפּאַן מיט אַ טאָן ווי מען וואָלט אויף אים אויסגעטראַכט אַ בלבול.

— וואָס־זשע האָסטו זיך אָפּגעשטעלט פאַר די פאַרשיווע זשידעס?

— פרעגט דער זעלנער מיט נאָך אַ בייזערן טאָן.

— איך האָב זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר זיי, פּאַנאָוויע, — רעדט סצעפּאַן געלאַסן און קוקט נאָך זלאַטען, ווי ווייט זי איז שוין אַוועק. — אַ ברעט האָט זיך פון זיך אַליין אָפּגערוקט, האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן עפּל, האָב איך זיך געמוזט אָפּשטעלן פּאַפּראַווען, פּאַנאָוויע.

— איך האָב דאָך געזען די זשידעס לעבן וואָגן, — שרייט אַן אַנדערער זעלנער מיט אַ דראָענדיק קול צום פויער.

— פּאַנאָוויע פאַרשטייען דאָך, אַז איך האָב נישט געקאָנט אויפקלויבן אַלע צעשאָטענע עפּל, האָבן זיי עטלעכע אויפגעהויבן. איר ווילט אפשר פאַרזוכן מיינע פּרוכטן? — גיט סצעפּאַן גוטמוטיק זיי אַ פרעג. ער וויל זיי אַלץ לענגער פאַרהאַלטן, כדי זלאַטע זאָל וואָס ווייטער אַוועקגיין.

— פאַרוואָס נישט? האָסט שיינע באַרנעס, — זאָגן זיי און אַלע דריי נעמען באַלד אַראָפּ זייערע היטלען און טראָגן צו, דער פויער זאָל זיי אָנפילן. סצעפּאַן קלויבט אָפּ די שענסטע באַרנעס און עפּל און לייגט אָן פולע היטלען. בעת די זעלנער בייסן איין די פּרוכטן, קריכט סצעפּאַן פּאַמעלעך אַרויף אויפן וואָגן און גיט אַ שמיץ דאָס פערד.

זלאַטע איז נישט טויט, נישט לעבעדיק פון שרעק קום אַהיימ־געקומען. אַז זי האָט זיך אַביסל באַרואיקט, האָט זי ערשט אָנגעהויבן באַנעמען אין וואָס פאַר אַ געפאַר זי איז געווען.

— אַז דו האָסט געזען די זעלנער אויפן פעלד, ווי אַזוי האָסטו געוואָגט פאַרהאַלטן דעם וואָגן און זיך אָפּשטעלן מיט דער פאַרטיע יידן?

— שרייט אויף איר די מאַמע.

— מאַמע, וואָס רעדסטו? ווי אַזוי קאָן מען אַזעלכע מענטשן פאַר־בייפאַרן? ווען דו זעסט ווי צעשלאָגן זיי זענען געווען, קוים וואָס זיי האָבן נעבעך געשלעפּט די פיס.

— דו האָסט דאָך אָבער איינגעשטעלט דאָס לעבן, ווויי איז מיר. ס׳האָט דאָך געקאָנט פּאַסירן, די שעה זאָל נישט זיין, דאָס ערגסטע אומגליק!

— איך זאָג דיר, מאַמע, דו וואָלסט נישט געווען אַנדערש. ווער קאָן אין אַזאַ פאַל גאָר טראַכטן ווענגן זיך? מאַלע וואָס ס׳קאָן פּאַסירן, — האָט זיך זלאַטע פאַרענטפערט.

— אַ נס, אַ גרויסער נס איז געשען, וואָס סצעפּאַן האָט פאַרהאַלטן און פאַררעדט די זעלנער, — האָט די מאַמע זיפצנדיק צוגעגעבן.

לאַנג, זייער לאַנג האָט די מאַמע אָט־די איבערלעבעניש מיט זלאַטען נישט געקאָנט פאַרגעסן. זי האָט אין זיך אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט צו סצעפּאַנען און צו דער אַלטער פויערטע, וואָס האָבן זלאַטען באַשיצט און זי אויסגעהיט פון גרויסע געפאַרן.

עס האָט זיך אָנגערוקט אַ פינצטערע, ביטערע צייט. יעדן טאָג האָט מען געבראַכט פרישע קרבנות, געכאַפּטע אויף די וועגן, וואָס זענען מיט די באָלשעוויקעס געלאָפן. טייל נאָך לעבעדיקע, אָבער צעקלאַפּטע, צעשלאָגענע און טייל האָט מען אויף וועגענער אַרויפגעפירט אויפן שול־הויף שוין טויטע. מענטשן האָבן געהאַלטן אין איין לויפן אויפן שול־הויף זען וועמען מען האָט געבראַכט.

זלאַטע איז אויך דאָרט גאַנצע טעג. זי וואָלט געשוואוירן, אַז סרולקע מיט באָלעקן זענען געלאָפן מיט די באָלשעוויקעס. יעדעס מאָל וואָס מען ברענגט פרישע קרבנות, ציטערט איר דאָס האַרץ און זי שטופּט זיך צו זען, צי זי וועט עמיצן דערקענען.

די גאַנצע שטאָט קלאָגט, יאָמערט אויף דעם אומגליק, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אויף די מענטשן.

אין מאַגיסטראַט האָט מען געפונען די ביכער מיט די נעמען, וואָס האָבן זיך ביי די באָלשעוויקעס פאַרשריבן אויף אַרבעט. די אַלע האָט מען באַלד אָנגעהויבן אַרומזוכן. ניין געפונענע האָט מען אויף אַ ווילע אין תפיסה פאַרשפּאַרט, נאָר באַלד דערוויסט זיך די שטאָט, אַז מען וועט זיי אַרויספירן אויפן פעלד און דערשיסן.

ס׳איז ערב יום־כיפור, לויפן יידן און יידענעס אויפן הייליקן אָרט, אין די שולן, אין אַלע בתי־מדרשים צו בעטן גאָט פאַר די לעבנס פון די ניין געכאַפּטע.

יום־כיפור אין דער פרי, ווען אַלע בתי־מדרשים זענען שוין געווען אָנגעפילט מיט מתפללים, זענען עטלעכע ווייבער אַריינגעלאָפן אין די שולן און מיט אַ גרויסן ליאַרעם צעטראָגן די ווּיסטע בשורה, אַז נאָך זעכצן געכאַפּטע וועט מען באַלד אַרויספירן פון טורמע צו דערשיסן.

יידן האָבן דערפילט, ווי אַ פייער וואָלט די גאַנצע שטאָט אַרומ־געכאַפּט, און אַלע זענען מיט אַמאָל אַרויס פון די שולן. מיט די טליתים אויף זיך האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזט אויף די גאַסן און געלאָפן צו דער טורמע. פון אַלע עקן האָט מען געשטראָמט צו איין אָרט, צו דער טורמע.

זלאַטע האָט דורכן פענצטער דערזען ווי מענטשן באַלאַגערן די טורמע, איז זי אויך אַהין צוגעלאָפן.

— יידן, אַזאַ זאַך טאָר מען נישט פאַרשווייגן! — הערן זיך שטימען.
— לאָמיר גיין צו נאַטשאַלסטווע, צום קאָמענדאַנט, צום גענעראַל־שטאַב!
— הערן זיך געשרייען.

דער רב, אָנגעטאָן אין טלית און אין קיטל, האָט צעשפּרייט די הענט איבערן קאָפּ, ווי אַן אָדלער די פליגל, ווי אַ צייכן עס זאָל ווערן שטיל. זיין פּנים איז געווען ווייס ווי דער קיטל, און מיט אַ קול פון פאַרכטיקן געבעט האָט ער געזאָגט:

— ר' נתן ווײַנפעלד, ר' סענדער זיסמאַן, קומט מיט מיר, לאָמיר גיין בעטן מען זאָל זיי כאָטש נאָך צוויי טעג לאָזן לעבן, וועט מען קיין וואַרשע צו דער העכערער מאַכט זיך קאָנען ווענדן.

און דער רב מיט די צוויי אָנגעזעענסטע יידן פון שטאָט זענען אַוועק צו נאַטשאַלסטווע.

ס'האָט נישט לאַנג גענומען ביז זיי זענען צוריקגעקומען מיט אַ שלעכטער תשובה: מען האָט זיי גאָר נישט אַריינגעלאָזט, דער דינער ביי דער טיר האָט געזאָגט, אַז קיינער איז נישטאָ.

— זאָל מען קלאַפּן אַ דעפּעשע צום גענעראַל־שטאַב קיין וואַרשע! — רופט זיך אָן איינער, אַן אָנגעזעענער ייד.

— ס'איז דאָך יום־כיפּור! איר האָט פאַרגעסן וואָס היינט איז? — באַפאַלט אים אַ חסיד.

— מען מעג, מען מעג אפילו פאָרן אום יום־כיפּור, ווען מען דאַרף ראַטעווען מענטשלעכע לעבנס, — הערן זיך שטימען פון אַלע זייטן, און מען פאַרפירט וויכוחים, עס ווערט אַ גערעדעריי.

דער רב פּסקנט, אַז מען מעג און מען מוז קלאַפּן אַ דעפּעשע. אפשר וועט געשען אַ נס און ס'וועט אָנקומען אַן ענטפער אָפּצולייגן דאָס שיסן איידער מען פירט זיי אַרויס.

דריי יידן מיט די טליתים אויף די קעפּ זענען אַוועקגעלאָפן אויף דער פּאָטשט אויסצושרייבן און קלאַפּן די דעפּעשע. די געבליבענע יידן רעדן צווישן זיך, זוכן עצות. ווייבער וויינען, טייל קוקן אַריין אין די תחינות, וואָס זיי האָבן מיטגענומען פון שול, ווייל זיי האָבן זיי געהאַלטן אין די הענט. זיי זאָגן און כליפּען אויפן קול. זיי בעטן גאָט, ער זאָל זיך מרחם זיין, שענקען די לעבנס די אומשולדיקע מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט אַרבעטן ביי דער אַריינגעקומענער מאַכט.

פּלוצים האָט דער טורמע־טויער זיך אָן עפן געטאָן. און ווען מען האָט די זעכצן יונגעלייט אַרויסגעפירט, האָט מען דערקענט, אַז עלף

פון זיי זענען יידן און פינף זענען פּאָליאַקן. דער עולם איז געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערט.

זלאַטע האָט זיך געשטופּט צווישן עולם. זי האָט געוואָלט זען פון דער נאָענט די פּנימער פון די פאַרמשפּטע. ווען זי האָט זיך אַדורכגעשטופּט דורך דער ענגשאַפט, האָט זי דערזען באַלעקן צווישן די פאַראורטיילטע. זי האָט זיך אַ ריס געטאָן מיט אַן אויסגעשריי: „באַלעק, באַלעק קאָכאַני!" זי האָט געוואָלט אַ פאַל טאָן אויף זיין האַלדז, אים אַרומנעמען, זאָגן אים אין זיין לעצטער שעה ווי שטאַרק זי האָט אים ליב, נאָר דער זעלנער מיט דער הוילער שווערד און מיט דער ביקס אויפן אַקסל, וואָס איז געגאַנגען ביי באַלעקס זייט, האָט זי אַזאַ שטופּ געטאָן, אַז זי איז אומגעפאַלן און געבליבן ליגן אַ פאַרחלשטע.

ווען זי איז געקומען צו זיך, איז נאָך אַלץ געשטאַנען דער גאַנצער עולם און נישט גערירט זיך פון אָרט. מיט בלייכע, פאַרשטאַרטע פּנימער, ווי מתים, זענען אַלע געווען אויסגעדרייט אין איין ריכטונג, צום וועג, וואו מען האָט אַוועקגעפירט די זעכצן פאַרמשפּטע. אין אַ טויטלעכער שטילקייט האָט דער עולם זיי באַגלייט מיט די בליקן. ווען יענע זענען פאַרשוואונדן פון אויג, האָט דער עולם זיך פּאַמעלעך אָנגעהויבן פונאַנדערגיין. ווייבער האָבן געבראָכן די הענט און איינע האָט אויסגערופן צו קיינעם נישט און צו אַלעמען:

— הייסט עס, גויים אויך!

קיינעם האָט נישט באַנג געטאָן, וואָס מען האָט נישט געדאַוונט. די שולן און די בתי־מדרשים זענען יענעם יום־כיפור געבליבן שטיין ליידיקע מיט אָפענע, אויפגעפּראַלטע טירן, ווי פאַרשעמטע.

# זלאַטע האָפט זיך צו טרעפן מיט סרולקען

אין דעם קאַשמאַר פון דער פאַרשלעפטער מלחמה און פון די שרעקלעכע רציחות, וואָס האָבן געבראַכט פאַרוויסטונג און טויט אין אַזוי פיל היימען, האָט זיך מיט אַמאָל באַוויזן אַ ליכטיקער שטראַל. עס האָט זיך ווידער געעפנט דער יאָרנלאַנג־פאַרמאַכטער וועג קיין אַמעריקע. מ׳האָט ווידער געקאָנט שרייבן בריוו אַהין און קריגן פון דאָרטן געלט און פעקלעך מיט זאַכן. און דער עיקר — מ׳האָט ווידער געקאָנט פאָרן קיין אַמעריקע.

מיט די פעקלעך שפּייז און אָנטאָן, מיט די בריוו און געלט פון קרובים אין אַמעריקע איז געקומען אַן אויפלעבונג אין שטאָט. פאַר־אומערטע מענטשן, וואָס זענען אַרומגעגאַנגען אַזוי ווי מיט אויסגעלאָשענע נשמות, האָבן מיט אַמאָל אויפגעוואַכט. ס׳איז אין מיטן וואָך געוואָרן יום־טוב אין היימען. מען האָט זיך אָנגעהויבן אַרומטראָגן מיט בריוו, זיך באַוויזן פאַר פריינט, טרייסטן איינע די אַנדערע, אַז ס׳איז נאָך פאַראַן וועמען עס זאָל זיך אומקוקן אויף די אומגליקלעכע, אַז מען איז נאָך ביי עמיצן חשוב.

און וואויל איז געווען די, וואָס האָבן דערהאַלטן בריוו פון אַמעריקע. די גוטע, וואַרעמע ווערטער פון די אייגענע אין אַמעריקע און די צוזאָגן אַריבערצונעמען זיי אַהין, האָבן ביי יענע מזלדיקע מענטשן צעבלאָזן האָפענונגען וועגן אַ גליקלעכער צוקונפט פאַר זיך און פאַר די קינדער.

ווער עס קריגט אַריין אַביסל געלט פון אַמעריקע, הייבט זיך דער־ווייל אָן ביסלעכווייז באַקליידן. מען קויפט אַ העמד, אַ פאָר שיכלעך פאַרן קינד, מ׳הייבט זיך אָן אומקוקן אויפן אייגענעם הולך. דאָס לעבן באַקומט ווידער אַ זין און אַ צוועק.

באַלד הייבן טאַקע אָן אָנצוקומען פון אַמעריקאַנער קרובים די נייטיקע פאַפּירן מיט שיפסקאַרטן צו פאָרן קיין אַמעריקע. ביי די, וואָס זענען זוכה געווען צו אַזאַ דערליידזונג, איז געווען גרויס די שמחה. אַנדערע האָבן זיך געפילט דערמוטיקט מיט דער האָפענונג, אַז אויך זיי וועט דאָס גליק נישט אויסמיידן.

די גליקלעכע פאַרקויפן אָדער צעטיילן צווישן די בלייבנדיקע דאָס ביסל אָרימקייט פון שטוב. מען פּאַקט זיך און מען פאָרט קיין אַמעריקע. יעדן טאָג באַגלייט די שטאָט אַנדערע מענטשן, איינציקע און גאַנצע פאַמיליעס, וואָס פאַרלאָזן זייער איינגעזעסן אָרט און פאָרן אין דער ווייטער אומבאַקאַנטער וועלט אויף יענער זייט ים. דער וואָקזאַל שווּבלט, רוישט מיט מענטשן, וואָס פאָרן־אָפּ אָדער קומען זאָגן אַ פּאָר געזונט און אַגוּוינטשן אַלדאָס גוטס די קרובים און פריינט, מיט וועלכע מ'איז געווען ווי פון איין שטיק און מען ווערט מיט אַמאָל אָפּגעריסן.

די וואָס בלייבן זענען שטאַרק מקנא די אָוועקפאָרנדיקע. אַלע ווילן פאָרן. ביים געזעגענען בעטן זיך די פאַרבליבענע, אַז יענע זאָלן זיי דאָרט נישט פאַרגעסן און וואָס גיכער אַהין אַריבערנעמען. שפּעטער טראָגט מען זיך אַרום מיט די צוזאָגן פון אַ קרוב צי אַ פריינט און מען וואַרט אויפן גליקלעכן טאָג, עס זאָלן אָנקומען די פּאַפּירן מיט אַ שיפס־קאַרטע אָדער געלט צו פאָרן.

מלכה דאָרפמאַן איז געווען כמעט פון די סאַמע ערשטע, וואָס האָט פון אַ מומען באַקומען די נייטיקע פּאַפּירן מיט געלט אויף אַ שיפסקאַרטע. זלאַטע לייגט אויף מלכהן אַ סך האָפענונג, אַז זי וועט דאָרט רעדן מיט אירע ברידער און מיט דער מומע קריינען, וואָס וואוינט אין ניו־יאָרק, מען זאָל זען זי אַריבערצונעמען. מיט מלכהס הילף, האָפט זי, וועט זי אפשר אויך פאָרן קיין אַמעריקע. אויב נישט, וועט איר דאָ אויסקומען נישט אַנדערש נאָר ווידער גיין זוכן אַן אָרט אין דער פרעמד.

נאָר איידער מלכה האָט נאָך געהאַט צייט זיך אַרומצוקוקן, האָבן אָנגעהויבן קומען צו דער מאַמען בריוו מיט געלט פון דער מומע קריינע. זלאַטע האָט זיך באַלד געווענדט צו דער מומע מען זאָל איר שיקן אויף אַ שיפסקאַרטע, און עס האָט גאָר נישט לאַנג געדויערט ביז זי האָט געקראָגן געלט צום פאָרן. צו איר גליק איז גאָר קיין גלייכן נישט געווען.

זי דערוויסט זיך, אַז סרולקען, בערקע שוסטערס זון, וואָס איז מיטגעלאָפן מיט די באָלשעוויקעס, האָט זיך איינגעגעבן אין מיטן וועג זיך אויסצובאַהאַלטן און דערנאָך אַריבערצוכאַפּן זיך די גרעניץ און אַנטלויפן קיין אַמעריקע. דאָס איז פאַר זלאַטען געווען אַ גרויסע, פאַרזענלעכע בשורה. זי האָט דערפילט, אַז איצט האָט זי צו וועמען צו פאָרן אַהין. זי וועט זיך שוין דאָרט טרעפן מיט סרולקען, וועמען זי האָט ליב — אפשר נישט אַזוי שטאַרק ווי זי האָט ליב געהאַט באַלעקן, אָבער פאָרט

ליב. אין אַמעריקע, האָט זי געהערט, קאָן מען זיך נעמען צו אַלערליי אַרבעטן, וועט זי זיך שוין אַוואַדע עפּעס געפינען צו טאָן. זי וועט זיכער קאָנען פאַרדינען אויף צו לעבן און זיין אַ מענטש מיט מענטשן גלייך, האָט זי געטראַכט. און אַז זי וועט זיך נאָך דאָרט טרעפן מיט סרולקען, וועט איר זיין גוט, וואָס בעסער קאָן גאָרנישט זיין. זי טראָגט צו אים אַ חוץ ליבשאַפט אויך אַ גרויסע דאַנקבאַרקייט פאַר די בראָשורן און די ביכער, וואָס ער פלעגט איר געבן צו לייענען, און זי האָפט פאַר דעם אים נאָך אַמאָל אָפּצודינען. מיט אַזעלכע געדאַנקען און טרוימען האָט זיך זלאַטע אַרומגעטראָגן בעת זי האָט זיך געגרייט צו איר ווייטער רייזע.

צוויי טעג פאַר זלאַטעס אַוועקפאָרן קומט אַרויף צו גיין שמחה צו דער מאַמען אין שטיבל, זאָגט אַ שטילן גוטן אָוונט און בלייבט שטיין ביי דער טיר, מיט די הענט אויף הינטן, אַזוי ווי ער וואָלט צוגעהאַלטן די טיר.

די מאַמע לייגט אָפּ אַ שטול פאַר אים, אָבער ער זעצט זיך נישט. ער ווענדט זיך מיט די אויגן צו זלאַטען און זאָגט:

— איר האָט אפשר צייט מיט מיר אַראָפּצוגיין אויף עטלעכע מינוט?

— יאָ, איך האָב צייט, פאַרוואָס נישט?

און זי נעמט זוכן דער מאַמעס שאַל צו נעמען אויף זיך. זי איז אַביסל איבערראַשט. זי קאָן גאָרנישט פאַרשטיין, וואָס עס האָט אים פּלוצים באַוואויגן אַריינצופאַלן צו איר. זי ווייסט, אַז אין אַמעריקע האָט ער נישט קיינעם צו וועמען ער זאָל וועלן מיטשיקן אַ גרוס.

אַראָפּגעגאַנגען אין גאַס, הייבט ער אָן:

— איידער איר פאָרט אַוועק, וויל איך אייך זאָגן אַ פּאָר ווערטער. איך וויל איר זאָלט וויסן, אַז איך האָב נישט אויפגעהערט אייך ליב צו האָבן. איר זענט איינגעפלאַנצט אין מיין האַרצן, אין מיין נשמה. קיינער אין דער וועלט קאָן ביי מיר נישט פאַרנעמען אייער אָרט. ביז איצט האָב איך נאָך אַלץ געהאָפט, אַז אפשר וועט איר פאָרט זיין מיין באַגלייטערין, אָבער איצט, ווען אַמעריקע רייסט אייך אַוועק, לעשט זיך אויס מיין האָפענונג. איך פיל, אַז איך ווער צעבראָכן. אָן אייך איז מיין לעבן קיין לעבן נישט, די וועלט ווערט פאַר מיר פינצטער.

ביי די ווערטער איז ער שטיל געבליבן. זיי גייען פּאַמעלעך אַרום דער קרימינאַל־געביידע מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. ער נעמט אַרויס אַ טיכל פון קעשענע, ווישט אויס אַ טרער, וואָס האָט זיך אַרויסגעשפּאַרט אין אַ ווינקל פון אַן אויג. זי דרייט נישט אויס צו אים דעם קאָפּ. זי וויל ער

זאָל מיינען, אַז זי באַמערקט דאָס נישט. זי פילט, אַז עפּעס האָט מיט איר פּאַסירט, זיינע רייד האָבן זי אַזוי ווי פאַרשטיינערט. זי קאָן נישט אַרויסרעדן קיין וואָרט. ער גיט אַלע ווײַלע אַ קליינעם הוסט. עס שטיקן אים טרערן אין האַלדז. זלאַטע פילט, אַז איר האַרץ איז פאַרקלעמט. זי ווייסט נישט וואָס זי זאָל אים זאָגן, זי האָט נישט קיין טרייסט־וואָרט פאַר אים.

נאָך עטלעכע מאָל אַרומגיין אַהין און צוריק, גיט ער זיך מיט אַמאָל אַ שטעל־אָפּ, דערלאַנגט איר די האַנט און זאָגט:

— אַז איר וועט זיך אַמאָל אין מיר דערמאָנען און איר וועט וועלן מיר אָנשרייבן אַ בריוו ווי אַזוי איך לעבט זיך, וועל איך אייך דאַנקבאַר זיין.

— איך וועל זיכער אייך שרייבן, איך זאָג אייך צו, — האָט זי אים פאַרזיכערט הארציק, דריקנדיק זיין האַנט.

יענע נאַכט האָט זי קיין אויג נישט צוגעמאַכט. עס האָט זי געפּלאָגט וואָס אַ מענטשנס לעבן ווערט צעבראָכן צוליב איר.

ווען זלאַטע איז געקומען אויפן וואָקזאַל האָט זי דערזען ווי שמחה דרייט זיך אַרום מיט אַ בוך אין דער האַנט. זיין פּנים איז געווען שוואַרץ ווי קויל. ער איז צוגעקומען צו איר און האָט געזאָגט:

— איך האָב אייך געבראַכט אַ קליינע מתנה אויפן וועג, — און איר דערלאַנגט דאָס בוך.

— אַ דאַנק, אַ גרויסן דאַנק אייך! אַ בוך איז די שענסטע מתנה, — האָט זי געזאָגט צופרידן און געעפנט דעם טאָוול פון בוך. אויפן שפּיץ פון ערשטן בלעטל האָט זי דערזען שמחהס באַקאַנטע זייער שיינע האַנטשריפט. ער האָט געשריבן:

„נעמט צו מיין קליינע מתנה פאַר אַן אייביקן אָנדענק פון איינעם, וואָס וועט אייך קיינמאָל נישט פאַרגעסן, שמחה שליפּקע.‟

טרערן האָבן אַ פינקל געטאָן אין אירע אויגן. זי האָט אַליין נישט געוואוסט פאַרוואָס איר ווילט זיך וויינען.

געפאָרן איז זי דורך דאַנציג. דאָרט האָט זי געטראָפן באַראַקן ספּעציעל פאַר עמיגראַנטן, וואו יעדער עמיגראַנט מוז דורכגיין פאַרשידענע קאָמיסיעס: אַ האַרץ־קאָמיסיע, אַ קאָמיסיע אויף לונגען אויף אויגן אויף אויערן און אַ ריינקייט־קאָמיסיע. ביי יעדער אונטערזוכונג פון אַ קאָמיסיע שפּרינגט שיעור אַרויס די נשמה פונעם עמיגראַנט. מען הערט זיך אָן פאַרשידענע מעשיות פון פאַרהאַלטן עמיגראַנטן און שווער־

מאַכן דאָס פּאָרן. שרעקט מען זיך, אַז אַ קאָמיסיע זאָל חלילה נישט געפינען עפּעס, וואָס זאָל דעם אויסוואַנדערער פאַרהאַלטן, אָדער, אָפּגעהיט זאָל מען ווערן, צוריקשיקן פון וואַנען מען איז געקומען.

פון אַלע קאָמיסיעס איז די ערגסטע די ריינקייט־קאָמיסיע. די עמי־גראַנטן ציטערן פאַר איר ווי פאַרן מלאך המות. קוים געפינט מען עפּעס אומריינס ביי אַן עמיגראַנט, קאָן ער זיך דאָרט אָפּוואַלגערן חדשים־לאַנג און אויסגעמאַטערט ווערן פון זייער ריניקן.

צום ערגסטן איז מיט די קעפּ. ספּעציעל איז די צרה גרויס פאַר פרויען און מיידלעך מיט לאַנגע האָר. גאַנצע טעג צוואַגט מען זיך און מען קעמט זיך. אַז די קאָמיסיע געפינט עפּעס אין די האָר, גאָלט מען אָפּ דעם קאָפּ ביז צו דער הויט; ציטערן מיידלעך, זיי זאָלן חלילה נישט דאַרפן דורכמאַכן די שאַנד פון אָפּגאָלן דעם קאָפּ.

איינער האָט דאָרט שטאַרק מיטגעפילט דעם אַנדערן. אַז מען האָט אַרויסגערופן עמיצן אויף אַ קאָמיסיע, האָבן די אַנדערע מיט אומגעדולד געוואַרט צו הערן פון יענעם די גוטע בשורה, אַז ער איז בשלום אַדורכ־געגאַנגען. די צוריקגעקומענע האָט מען גאַרנישט געדאַרפט פרעגן ווי ס'איז זיי געגאַנגען. מ'האָט באַלד דערקענט אויף די פּנימער ביי וועמען די קאָמיסיע האָט געפונען דאָס געזונט, צי די ריינקייט, נישט אין אָרדענונג. דאָס פאַרחושכטע פּנים האָט אַלץ דערציילט אָן ווערטער און ווער ס'איז אַדורך בשלום, האָט דאָס ליכטנדיקע פּנים אוודאי אַלץ דערציילט.

כאָטש ס'איז אַלע עמיגראַנטן אין די באַראַקן געווען שווער אויפן האַרצן, האָבן זיך פונדעסטוועגן געפונען לוסטיקע חברה און לצים. איינער אַ לץ האָט געקאָנט באַלד אין דער פרי, נאָך איידער מען האָט זיך געהאָט געוואַשן, אָדער ביינאַכט, ווען אַלע זענען שוין געגאַנגען שלאָפן אַ געשריי טאָן: „ווער פאָרט מיט דער שיף ג. אָדער ל., זאָל אַהערקומען!" האָבן די וואָס דאַרפן פאָרן מיט יענע שיפן, אָנגעהויבן לויפן, מיינענדיק אַז אָט הייסט מען שוין אַרויפגיין אויף דער שיף. מען קומט צו, ערשט דער לץ שטייט אויף אַ שטול, גיט נישט קיין שמייכל און זאָגט: „גייט אַלע וואַשט זיך גוט אַרום" אָדער: „לייגט זיך שוין שלאָפן — מאָרגן וועט מען אייך לאָזן וויסן ווען איר דאַרפט קומען צו די קאָמיסיעס". אַלע בלייבן אַנטוישט, טייל גיבן אַ שמייכל, אַנדערע לאָזן אַראָפּ די קעפּ, נאָר מען ווערט נישט ברוגז אויפן לץ.

אַנדערע שפּאַס־מאַכער האָבן ליב געהאַט אָנצוהייבן קלינגען, דער

עולם זאָל מיינען אַז מען רופט וועגן עפּעס וויכטיקס. ס׳זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן דערציילט וויצן און דער עולם האָט געלאַכט און פאַרגעסן אין די אַלע צרות, וואָס מען מאַכט אַדורך.

זלאַטען איז צייטנווייז געווען זייער שווער אויפן האַרצן. אַמאָל איז איר באַפאַלן אַן אומבאַשטימטע געדריקטקייט, ס׳איז איר געוואָרן אומעטיק, וואָס זי פאַרט אין אַ פרעמדן לאַנד, זי קאָן נישט די שפּראַך און הייבט נישט אָן צו וויסן וועגן די דאָרטיקע פּירונגען וועגן דעם סאָרט לעבן, צו וועלכן זי וועט זיך דאַרפן צוגעוואוינען. דערצו נאָך קען זי נישט איר מומען, וואָס נעמט זי אַריבער. דאָס אַלץ האָט זיך געלייגט שווער אויף איר געמיט.

אין די באַראַקן האָט מען זייער פרי פאַרלאָשן די ליכט, האָט זלאַטע געהאַט גענוג צייט צו פירן אַ חשבון פון אירע ביינצן יאָר און דורכקוקן אין געדאַנק די אַלע פּאַסירונגען אין איר לעבן, גרויסע און קליינע, וואָס זי האָט זיך אָן זיי דערמאָנט.

נאָך דער שטאָט שעדלעץ, דאַכט זיך איר, וועט זי צופיל נישט בענקען, פּונקט ווי זי האָט נישט געבענקט נאָכן דאָרף איגאַן, וואו זי איז געבוירן געוואָרן. איר לעבן איז געווען מער אומעטיק ווי פריילעך, האָט זי נישט וואָס צו באַדויערן. די בעסטע צייט אין איר לעבן איז געווען ווען זי האָט זיך געלערנט און זיך געגרייט פאַרן עקזאַמען. ווייטער האָט זי נישט וואָס צו געדענקען און נאָך וואָס צו בענקען, בפרט אַז באַלעק איז טויט. פאַרקערט, זי וויל אַלץ פאַרגעסן — אירע קינדער־יאָרן, איר פריע יוגנט, די ערטער וואו זי האָט געדינט, די גאַנצע סביבה, וואָס האָט איר נישט געגעבן קיין פרייד. זי וועט בלויז בענקען נאָך דער מאַמען און נאָך רבקהן. מיט זיי איז איר געווען שווער זיך צו געזעגענען. ס׳איז איר גע־ווען שווער זיי צו פאַרלאָזן. מער איז איר גאָרנישט קיין שאָד וואָס זי לאָזט איבער אין דער אַלטער היים. ווען זי האָט נאָר אַ געלעגנהייט, לייענט זי דעם בוך, וואָס שמחה האָט איר מיטגעגעבן. יעדעס מאָל וואָס זי נעמט זיך צום בוך, ציט זי פריער אַ קוק צו טאָן אויף דעם, וואָס ער האָט אָנ־געשריבן. אַמאָל פאַרנעמען די עטלעכע ווערטער זיינע איר גאַנצן גע־דאַנק. זי האַלט דאָס בוך אין די הענט און זי לייענט גאָרנישט. זי וועט אים שרייבן אַזוי גיך ווי זי וועט אָנקומען אויפן אָרט, מאַכט זי ביי זיך אָפּ, און שפּעטער, אַז זי וועט האָבן אַ מעגלעכקייט, וועט זי אים אַרויס־שיקן אַ שיפסקאַרטע. וואָס קאָן ער דערלעבן זייענדיק אין שעדלעץ? ער איז אַן עלנדער, אַן איינזאַמער מענטש און ער האָט גאָר נישט וואָס

עס זאָל אים דאָ האַלטן. אין אַמעריקע וועט אים אפשר זיין בעסער. און אַז זי וועט אים קאָנען פאַרלייכטערן זיין לעבן, פאַרוואָס זאָל זי דאָס נישט טאָן?

נאָכן אָפּוואָלגערן זיך עטלעכע וואָכן אין דאַנציג איז זלאַטע, אַ פאַר־מאַטערטע, אַן אויסגעשעפּטע גייסטיק און פיזיש, ענדלעך אַרויפגעגאַנגען אויף דער שיף. זי האָט אַוועקגעשטעלט לעבן איר בעט דעם געפלאָכ־טענעם קויש מיט אירע זאַכן, אין אַ ווינקל אַוועקגעלייגט דעם פּאַק בעטגעוואַנט, וואָס די מאַמע האָט איר מיטגעגעבן, און זיך אַרומגעדרייט נישט ווייסנדיק אויף וועלכער וועלט זי איז.

זי איז געווען פאַרטשאַדעט פון די קאָמיסיעס און איז נאָך אַלץ נישט געווען זיכער, צי זי איז שוין איבערגעקומען אַלע אונטערזוכונגען און איז שוין פון זיי פּטור. פון די פאַרשידענע עמיגראַציע־שוועריקייטן, וואָס זי האָט מיטגעמאַכט, זענען אירע נערוון געווען שטאַרק אויפ־גערודערט. די גאַנצע צוויי מעת־לעת, וואָס די שיף איז נאָך געשטאַנען אין האַפן, איז איר געווען שווער זיך צו באַרואיקן. ערשט נאָך דעם ווי די שיף האָט זיך גערירט און אַ שטיק וועגס זיך אָפּגערוקט פון ברעג, האָט זי אָנגעהויבן פריי אָפּצואָטעמען. איצט איז זי געווען זיכער, אַז זי פאָרט טאַקע אויף אַן אמתן קיין אַמעריקע.